STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00294

GEZAMLTE DRAMES

Aaron Zeitlin

Permanent preservation of this book was made possible
by Susan C. Yelen
in memory of
David & Jean Yelen

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אַהרן צייטלין

ד ר אַ מ ע ס

צווייטער באַנד

אַהרן צייטלין

דראַמעס

צווייטער באַנד

פאַרלאַג
י.ל. פרץ
ישראל

תל־אביב, תש״ם — 1980

Aaron Zeitlin

D R A M E S

I. L. Peretz Publishing House
31, Allenby St., Tel-Aviv, Israel

©

Printed in Israel 1980

דפוס „להב״ בע״מ, רח׳ המסגר 60, תל־אביב

א י נ ה אַ ל ט

ייִדנשטאָט — 9

אסתּרקע — 81

יעקב פראַנק — 153

ווייצמאַן דער צווייטער — 249

ייִדנשטאָט

דרײַ אַקטן מיט אַ פֿאָרשפּיל

באַטייליקטע לויטן סדר פון זייער אויפטריט

שאַלקסנאַר	פּויקער
וועכטער	ערשטער ריטער
געשטאַלט	בישאָף
אליקום	אַנדערע ריטערס
גימכען	אַ חשוב
ליפּמאַן	לוסטפרוי
קולות	תפיסה־וועכטער
דער רב	דער הענקער

יידנשטאָט

צײַט — מיטל־עלטער;
אָרט — דײַטשלאַנד;
סטיליזירט אַ לאַ אַלטיידיש.

פאָרשפּיל

נאַכט. געטאָ־טויער, פאַרשלאָסן אויף ריגלען; קראַטעס. בײַם טויער — פון דער זײַט פון געטאָ, אָדער יידנשטאָט — אַן אַלטער ייד מיט אַ שפּיציקער מיץ: דער וועכטער. ס׳קומט אָן דער שאַלקסנאַר.

שאַלקסנאַר:

גוט־נאַכט! וואָס הערט מען? כאַ־כאַ־כאַ. שלעכט־נאַכט!
גוט־נאַכט, שלעכט־נאַכט! דאָס נעכטלײַן טוט זיך ציִען
ווי יידנס גלות. שומר, מה מלילה?
האָסטו נישט גיין געזען פון ווײַט, דורך נאַכט,
דעם האַר משיח, האַ?

וועכטער:

וואָס פּראַלסטו דברים־בטלים?

שאַלקסנאַר:

פינסטער, פינסטער. ערד און הימל שלאָפן.
ס׳טוט שלאָפן אונדזער רב, רב זאַלקינד, אויך די רביצין

און אַלע גאָטספּאָרכטיקע לײַט. עס שלאָפֿט נישט נײַערט
אַבערל שאַלקסנאַר. וויצן און קאַטאָוועסן,
מאַנכע גרײַליך ביטערע מחשבותן,
באַלאַגערן זײַן קאָפּ. דרום ווײַכט אים שלאָף,
ווען ס'הויערט אויף דער ייִדנשטאָט די נאַכט,
נישט פֿאַר די גאָטספּאָרכטיקע לײַט געדאַכט
און נישט פֿאַר יונגע ווײַבלײַן.

ווערכטער:

איך מעכט וויסן,
פֿאַר וואָס השם־יתברך טוט דיך שטראָפֿן,
דאָס דו אַן אויג נישט צוטון קענסט און אימער
דאָ איבערוויצלען קומסט די נעכט.

שאַלקסנאַר:

(כאַפּט אַ טענצל, שאָקלט מיט די נאַרן־גלעקלעך)
קום איך אַרײַן צו שפּרינגען
און טאַנץ מיר ווי אַ בער.
ס'טוט גאָרנישט מיר געלינגען
ווי איך מיך ווענד און קער.

דער דלות איז מײַן קרענק,
מײַן מזל — האַרט ווי שטאָל.
כאַ־כאַ, אין שטוב איז מיר צו ענג,
די ייִדנגאַס צו שמאָל.

די ליבע לײַטן ווײַל איך
און מאַך אויס אַלעם שפּאַס.
אויך טרינקען קען איך גרײַליך
פֿון פֿײַנעם פֿולן פֿאַס.

דאָס ווײַב איז מיר צו קראַנק,
אַז ווי צו מיר און ווונד —

די צווייטע בראָך איז גרעסער נאָך:
מײַן שוויגער איז געזונט.

עס איז פון ושתּיס האָרן
געוואָרן — ווייסט איר וואָס?
עס איז דערויס געוואָרן מײַן לאַנגע גרינע נאָז.
ויזתּא — דער איז לאַנג,
ער האָט אַ לאַנגע וואָו;
וואָרום דאָס איז — דאָס ווייס איך ניקס:
גייט פרעגט בײַ אונדזער רב.

ו ו ע כ ט ע ר:

(שאָקלט מיטן קאָפּ)

עס האָט קיין טעם דײַן גראַם און שטראָם.

ש אַ ל ק ס נ אַ ר:

מײַן גראַם —
דער גלעקלט ווי די נאַרן־גלעקלײַן מײַן,
מאַכט אַן אַ טאַראַראַם, אַ טאַראַראַם,
מײַן מרה־שחורה צו פאַרטרײַבן און מײַן פּײַן.

(קלאַפּערײַ אין טויער. פון יענער זײַט טויער, הינטער די קראַטעס,
הייבט זיך אינעם טונקל אַ געשטאַלט).

ו ו ע כ ט ע ר:

ווער ביסטו, דאָס איך עפ'ענען זאָל? אַ ריטער,
געשיקט פון מלכות?

ג ע ש ט אַ ל ט:

(פון הינטער די קראַטעס)

נישט פון מלכות, נײַערס
געשיקט בין איך פון מײַן חרטה, וועכטער.

(הייבט די הענט)

אין נאָמען פון גאָט דעם האַר, דער דאָ באַשאַפן
די נאַכט און דיך און מיך — דעם טויער עפן!

(לאָזט אַראָפּ די הענט אויף די טויער־קראַטעס;
שטומע דערוואַרטונג).

וועכטער:

(פעסט)

דאָ איז מײַן זיץ. מיר ברענט צופוסן ס׳פײַער —
איך זיץ, איך היט. מיט מיר איז ניקס צו מאַכן.
דער טויער איז געשלאָסן גלײַך יריחו.
אֵין יוצא ואֵין בא — איך טו באַוואַכן.

שאַלקסנאַר:

(טוט דעם וועכטער אַ שלעפּ בײַם אַרבל)

האָסט די שליסל —
נון, עפן אים! ווען נישט אין גאַנצן, וועכטער,
דאַן עפן אים אַ ביסל, אַ קליין ביסל!
אַ דריטל טויער אָדער גאָר אַ פינפטל.

וועכטער:

דער אַבערל מיט די שפּאַסן:

(צו דער געשטאַלט)

זאָג וואָס פירט דיך
אַהער, דו דונקעלע פיגור? דו קומסט
פון קריסטנשטאָט — וואָס טוסטו דען באַגערן?
(הייבט זיך פּאַמעלעך אויף, נעמט דעם לאַמטערן,
וויל בײַ זײַן שײַן באַקוקן די געשטאַלט)
ווייסטו נישט, דאָס אויפשליסן איצונדערט
דעם טויער פון דער יידנשטאָט איז אָסור?
שעהען אייניקע בײַ טאָג אים אָפן האַלטן
גיט מלכות אונדז רשות — צום טרײַבן מיסחר.
אויב דו אַ מענטש ביסט — זוך דיר אויס אַ לעגער,
אויב דו אַ רוח ביסט — נון, איך וועל אָרן,
וועל בעטן גאָט, דאָס ער דיר גיט אַ נעסט
אין זײַנע וועלטן.

ג ע ש ט אַ ל ט:

(דערשלאָגן; זיך צו די קראַטעס טוליענדיק)

איך בין קיין רוח. הער: איך האָב פאַרלאָזן

מיין גלח־הויז און בין אַהער געקומען,

דען ס'ווידערשפעניגט מיר דער שלאָף, אומזיסט

בעט רו מיין לייב ביי מיינער זעלע.

ש אַ ל ק ס נ אַ ר:

מיט מיר געשעט דאָס נעמלעכע, אָמן־סלה.

וו ע כ ט ע ר:

(ציטערט אויף)

ווי ווערסטו דען גערופן און ווער ביסטו?

פאַר וואָר, גאָר מיזעראַבל איז דיין אַנבליק;

איך מעכט רחמנות האָבן, צוואָר איך קען נישט:

אויפטון נאַכטס

דעם טויער פון דער יידנשטאָט איז אָסור.

ג ע ש ט אַ ל ט:

(פאַמעלעך און פייערלעך)

איך, קריסטאָפער

פאָן קריסטנקאָרן, בישאָף פון דער שטאָט,

איך בין מיט יאָרן פיל צוריק אַוועק

פון אייך, פון אייער גאָט און אייער אונגליק.

וו ע כ ט ע ר:

אַן אָפטריניקער?

ש אַ ל ק ס נ אַ ר:

פון דעם קרייץ פאַרטומאהט,

באַגערט איר נון אַ ביסל ריינקייט, רב משומד?

ג ע ש ט אַ ל ט:

משומד בין איך און פאַרראַטן האָב איך.

דאָך נאָכטצייט טוט מיך יידנאַנגסט באַפאַלן,

איך מעכט דורך אַלטע יידנגאַסן שפרייזן,

שטאָלפּערן איבער שטיינער בײַ דער אַלטשול
און קלאַנגען פון דער קינדהייט פאַנגען — קלאַנגען,
די פון פאַרלאָשענע, פון אַלטע פענסטער
אַפּערגעקלונגען קומען.

שאַלקסנאַר:
(פאַרחידושט)
וואָס רעדסט איר, רב משומד? איז עס וואָר?
ווען וואָר, דאָ איז עס שענער פיל אַלס גאָר
די מעשׂיות, די אַ מאָל, אין יונגע יאָר,
מײַן מוטער מיר דערציילט האָט.

וועכטער:
אַ בישאָף, כּל באיה לא ישובון,
עס קאָן צוריק נישט קומען ווער אַוועק איז.

געשטאַלט:
ווער גיין פאַר טאָג צוריק. ווי גרויס דײַן שרעק איז,
דאָס זע איך. טו זיך מעכטיקן און זײַ
באַרעמהאַרציק. ריגל־אויף דעם טויער.

וועכטער:
פעסט שטייט די מויער צווישן אונדז און אײַך —
ווער קאָן זי אומשטירצן? זי איז פיל שטאַרקער
אַלס טויט און אַלס די בענקשאַפט אײַער, בישאָף,
די בענקשאַפט, די אײַך אָנגעטאָן אַ כּישוף.

געשטאַלט:
פעסט שטייט די מויער צווישן אײַך און אונדז ——
מײַן בענקשאַפט קאָן נישט דורכברעכן איר מאַכט,
זי שלאָגט צוריק מײַן שמע־ישׂראל. וויי מיר.
(אָפּ).

שאַלקסנאַר:
אויך איך, אויך איך, אַ גאָט פון מײַנע אָבות,
איך קאָן דעריבער מאַכן קיין קאַטאָוועס.

א ל י ק ו ם:

(קומט אַן פֿאַרחלומט, מיט זיכערקייט פֿון
אַ נאַכטוואַנדלער, קוקט זיך אום)
האָב איך דען מענטשן־קול געהערט? איך האָב געדאַכט:
איך אײנער טו דאָ וואַנדלען אין דער נאַכט.

ש אַ ל ק ס נ אַ ר:

אליקום? וואָס איך? דו
ביסט אַ נישט־שלאָפֿער? האָסט פֿאַרלאָזט דײַן לעגער,
פֿאַרלאָזט בגנבה דײַן שײן ווײַב, דײַן גימכען?
דאָס איז פֿאַר וואָר אַ גרײַליך שלימער עסק.
צו ווײַבלײַן, די מען לאָזט אַליין, אליקום,
איז אַ פֿרעמדער מאַן קאַפּאַבל צו פֿאַרקריכן,
טראַץ דעם לא תנאף, דער געקריצט איז אויף די לוחות,
און מאַנכמאָל, גאָט באַהיט, אַ רוח פֿון די רוחות,
די־דאָ לויפֿן גלײַך די הינט און שנאַפּן, ריכן.

א ל י ק ו ם:

הצנועה מרת גימכען איז צו כשר
פֿאַר דײַנע לעפֿצן, שאַלקסנאַר. זי איז הייליק
צו גאָט און צו זײַן דינער, דעם אליקום,
נישט זוכה זענען לצים זײַן מקבל
דאָס אָנגעזיכט דער שכינהס. אַלע ווייסן,
דאָס הצנועה מרת גימכען איז די טאָכטער
פֿון הרב המקובל רב עזריאל,
זאָל בײַשטיין אונדז זײַן זכות,
דער מיך, דעם יתום, האָט צו זיך גענומען
און מגדל מיך געווען, געעפֿנט די שערים
פֿון חכמת ח״ן פֿאַר מיר, און אויפֿן טויטנבעט באַקומען
אַ תקיעת־כּף פֿון איר, פֿון גימכען, דאָס זי מוז
מיט מיר צו חופּה גיין —

שאַלקסנאַר:

און נישט מיט ליפּמאַן,
דעם שמיד, איך ווייס. פֿאַר וואָס זאָל איך, דער שאַלקסנאַר,
נישט וויסן וואָס די ווײַבער אַלע וויסן ?
האָט זי נישט ליב געהאַט דעם שמיד, דעם ליפּמאַן ?
דאָך הייליק איז אַ תּקיעת־כּף, געגעבן
אַ שכיב־מרע, אַ פֿאָטער פֿאַרן שטאַרבן.
און גימכען איז אַוועק פֿון אים, דעם שמיד,
און ווען פֿאַרשלאָסן האָט די אויגן רב עזריאל
איז איר געבליבן פֿון דעם תּקיעת־כּף די קדושה —
און אליקום דער שלימזל. ס׳האַנדלט־וואַנדלט
שיין גימכען צו באַזאָרגן און באַשפּײַזן
דעם מאַן, דעם זי באַקומען האָט בירושה
פֿון הרב המקובל רב עזריאל,
דען תּקיעת־כּף איז תּקיעת־כּף. זי גיט דיר קעסט —
נאָר ווען דו דען, אליקום, געבן איר אַ קינד ?
זײַ מוחל, דאָך עס איז אַ ביסל בושה,
דאָס דו זי לאָזן טוסט אויף נאַכטס באַראָט,
דער דו דאָך ערשט נישט לאַנג צוריק, אליקום,
צו חופּה זי געפֿירט.

אליקום:

דײַן צונג איז לענגער
אַלס דײַן פֿאַרשטאַנד, דער קורץ איז. איך פֿיר אויס
דעם ווילן פֿון מײַן שווער, דער אויך צום פֿאָטער
מיר געווען איז און אין חכמת ח״ן
מיך אײַנגעהייליקט. קאָנסטו עס פֿאַרשטיין ?
דאַרויף האָב איך געשטעלט מיט גימכען חופּה
און מקדש זי געווען —

שאַלקסנאַר:

(רײַסט איבער)

מיט אַ קידושין־רינג,
געשמידט פון ליפּמאַן שמיד —

א ל י ק ו ם:

(רעדט דאָס זײַניקע)

דאָס איך דורך זיווג ערדישן
מיט קודשא־בריך־הוא זאָל מזווג זײַן די שכינה
און דאַן גײן העכער — העכער ——

ש אַ ל ק ס נ אַ ר:

רב עזריאלס תּורות!
דאָ מעג איך זײַן אַ שטיקכען אפּיקורס
לכל־הדעות.

ו ו ע כ ט ע ר:

(מיט בייזער)

האַלט דײַן צונג! דאָס איז ק ב ל ה.

(בליקט אויף אליקומען ערפּאַרכטיק).

ער קומט מיר פּאַר, להבדיל, גלײַך דער תּ ל וי.

(צו אליקומען)

אַהיים, אליקום, גיי דיר צו דײַן ווײַבכען,
דען גאָר אומזונסט די שכינה טוסטו זוכן.
ס׳איז נאַכט און אויך די ליבע שכינה שנאָרכט.
איך אויף דײַן אָרט מעכט פּאַר דעם ליפּמאַן האָבן פּאָרכט.

א ל י ק ו ם:

אַ טרעפּ איז מיר אַ געטלעכע די גימכען
אין דער לייטער, די נאָך אויבן פירט. איצונד
טוט רופן מיך אַ שטים צו גיין און היילן
די הויכע א י נ ד, געביסן פון דעם ה ו נ ט.
איך מעכט אין שטילער נאַכט איר היילער זײַן
אויף דאָס זי, די פאַרהיילטע, זיך פאַרבינדט
מיט קודשא־בריך־הוא — און דערנאָך, דערנאָך
פאַלט אַראָפּ פון די ישׂראל גאָר דער יאָך,

ווען מיר די גרעסטע פון די מיצוות קומט צו האַנד.
(לאָזט זיך וואַנדלען, ווי נאָך
אַ שטים וואָס רופט אים).
וועכטער:
(מיט באַוווּנדער)
עס רירן זײַנע פיס
די ערד קוים אָן. פאַר וואָר, דער טרעט אַזוי,
ווי ענגל פאַר השם־יתברך.
שאַלקסנאַר:
עס לאַנגווײַלט נישט די נאַכט. דאָ זעט מען כמרים,
די לויפן צו דער ייִדנשטאָט פאַרשטעלט,
און — להבדיל — מקובלים אויך,
די זוכן אונדזער ליבע שכינה. ס'איז אַ וועלט!
עס ווערט געזוכט אַהין, געזוכט אַהער —
איך אָבער, שאַלקסנאַר, זוך נישט מער אַלס שלאָף,
נון, יאָגן מיך פון הויז אַרויס די וואַנצן
און די נאָך ערגער אַלס די וואַנצן: די געדאַנקען,
מיט די דער ליבער האַרגאָט אונדזער מאַרך
מזכה האָט געווען און די ווי שרצים
ווימלען אין דעם שאַרבן פון אַ מאַן.
זיי יאָגן מיך פיל מער, אַלס בייזע שקאָצים,
די יאָגן נאָך אַ ייִד: העפּ, העפּ! העפּ, העפּ! ———
עס שטראָפן די מחשבות מאַנכע קעפּ.
(האַסטיקע טריט).
וועכטער:
ווער דאָרט? ווער גייט?
שאַלקסנאַר:
דו זעסט נישט? ס'איז די גימכען;
די זוכט גאַנץ זיכערלעך דעם מאַן, דען ס'האָט פאַרלאָזן
איר לײַב אליקום — און ס'איז קאַלט איר ׳וואָרן.

און זעסטו, וועכטער? מער נאָך אַלס זי לויפּט
טוט זי אַנטלויפן, שווערן מעכט איך: ליפּמאַן —
דער לויפּט איר נאָך. האָב איך נישט רעכט געהאַט?
דער שמיד, דער ליפּמאַן, לויערט נאָך אויף גימכען.
אים קימערט נישט אליקומס הרי־אַת.

גימכען:

(צעטראָגן)

האָט איר, ר׳ שאַלקסנאַר, נישט מײַן מאַן געטראָפן?

שאַלקסנאַר:

קיין פּאָרכט, שיין גימכען. ס׳איז אליקום נישט אַנטלאָפן.
ער זוכט די שכינה נײַערט. זע, דאָרט גייט ער.

ליפּמאַן:

(קומט אָן; עס זעט אויס, ווי ער וואָלט נאָכגעיאָגט די גימכען).

שאַלקסנאַר:

העי, העי! וואָס הערט מען, ליפּמאַן שמיד? אליקום —
דער זוכט די ליבע שכינה. נון, און דו?
זוכסטו די שיינע גימכען?

ליפּמאַן:

נישט דײַן זאַך!

אליקום:

(דערזעט די גימכען, גייט צו)

וואָס טוסטו דאָ? האָסט אַנגסט געהאַט? איך בין
פון דיר דאָך נישט אַוועק אויף אימער, נאַרכען.
האָב מיר געמאַכט אַ שטיקל פּראָמענאַד —

גימכען:

פון וועגן דײַנע פּראָמענאַדן זאָלסטו
מײַן לעגער נישט פאַרלאָזן. זעל נישט אויס
אַ ווײַבסבילד צו נסיונות. קאָן אַ וואָלף נישט
דײַן אָרעם שאָף פאַרצוקן? בין פון וואָלף
אַהערגעלאָפן דורך די ענגע ליקן.

גערזאָגט האָט מיר דאָס האַרץ: דו שלענדערסט דאָ.
און נישט פון אים אַליין בין איך געלאָפן —

שאַלקסנאַר:

ניי̆ערט אויך פון זיך. אָ, איך פאַרשטיי:
די תּקיעת־כּף פירט מיטן וואָלף מלחמה.

אליקום:

ליב קינד, דו ביסט די טאָכטער ר׳ עזריאלס —
ער שיצט אונדז פון די הימלען.

גימכען:

ברויך אַ מאַן
מיך נישט שיצן אויף דער ערד דאָ אונטן? הער דאָך:
די ראָזלי̆ין וועט גאַנץ זיכער מאָרגן לאַכן
און זיטלי̆ין און די אַלע יונגע ווי̆בלי̆ין,
דאָס מיך מי̆ין מאַן אַזוי באַהאַנדלט האָט.
איך מוז די תּקיעת־כּף מי̆ין הייליק האַלטן —
נון, העלף מיר, העלף, אליקום! הער דאָך אויף
מיט דיי̆נע פּראָמענאַדן — זאָגסט מיר צו?

ליפּמאַן:

(די האַנט אויסגעשטרעקט צו יענער זי̆יט מויער)
אָ דרויסן, דרויסן, ווו דאָס אי̆יז נון ברעכט
און קייטן רי̆יסט! אין נעכט, אין זעלכע נעכט,
רי̆יסט מיך אַהין, ווו ערד, ווו גוי̆ימס ערד איז,
רי̆יסט מיך אויך פרויענלי̆יב צו ברעכן! גימכען,
אי̆יז קראַכט! ס׳קומט פרילינג אָן! דו הערסט? איר הערט עס?
ווי מעכט איך ברעכן אַלעס, וואָס פאַרווערט איז!
אויף די מאַכט פון גוי̆ים, דען געשפּערט איז
אַ ייִד — —

(קראַך און געבריל פון פּלאַצנדיק אי̆יז
טראָגט זיך פון יענער זי̆יט מויער).

גימכען:

(פאַרהאָרכט)

פּאַר וואָר, ווי ווונדערלעך עס ברעכט און בריִלט!

אליקום:

(כאַפּט זי אָן בײַם אָרעם, וויל זי אַוועקציִען)

די קליפּות בריִלן, סיטרא־אחרא בילט — —

גימכען:

(פאַרחלומט; צווישן ליפּמאַנען און אליקומען)

איך בין אויף מײַנעם נאַכטלעגער געלעגן

און נישט געוווּסט,

דאָס פּעלדער שפּרעכן אַזוי הויך איצונד

אַ שפּראַך פון מעכטיקייט און גרויסער לוסט.

שאַלקסנאַר:

מעכט ווייִנען, דאָך איך לאַך. איז דען נישט שיין דאָס בילד?

די נאַכט — די בריִלט,

דער ליפּמאַן איז דערמאַיט,

אליקום זאָגט: עס בילט,

די גימכען חלומט און דער שאַלקסנאַר לאַכט.

ליפּמאַן:

(מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס)

אַהין, אַהין, ווו שוואַרצע ערדנאַכט קראַכט!

אַהין, אַהין, ווו מאַכט געבוירן ווערט,

אַהין, אַהין, ווו קייטן רײַסט די מאַכט!

וועכטער:

דאָס פּלאַצן אײַזפּעלדער פון גויִים! אונדז

פּלאַצט נײַערט ס'האַרץ דאָס ייִדישע זײַט ס'איז

צעשטערט גאָטס הויז און ס'וואָגלען די ישׂראל.

אליקום:

דאָרט ברילט די מאַכט, די פּייניקט אונדז, די מאַכט
פון קליפּת קין — — (דער קאָפּ צום הימל)
ווי שוואַרץ די ערד! דאָך שטערן לייכטן קלאָרע
און טראָגן גאָטס מרכּבה דורך די וועלטן.
(גליווערט אין שטילן עקסטאַז).

וועכטער:

(אויף אליקומען קוקנדיק)
ווי שטיל דער שטייט! גלייך בוים אָן ווינט!

ליפּמאַן:

געצעלטן
פון יעקב, ס'האָבן גויים אייך פאַרשפּערט.
צו די, וואָס האָבן אונדז אַהער פאַרשטופּט,
לייכטן שטערן, טראָגן די מרכּבה
פון גויים, נישט פון גאָט. מיט שטאַרקן אָרעם
מעכט איך אָפּרייסן די הימלען, די דאָ לייכטן
איבער די, וואָס נעמען צו פאַר זיך די ערד,
און לעשן שטערן איבער זייער קאָפּ
און רויבן ביי זיי מאַכט פאַר זיך, פאַר אייך.

שאַלקסנאַר:

לאָכן נישט אויס אונדז די שטערנליין די קלאָרע?
עס איז אויבן ווייל זיי קיין עין־הרע.
דאָך אונטן איז קיין שלום. דאָ האָט יעדער זיין פאַרלאַנג.
אַ משומד וויל צוריק, אַ ליפּמאַן וויל אַרויס,
אַן אליקום וויל אַרויף, און איך, אַן אָרעם מויז,
שפּרינג הין־און־הער: מיין האַרץ איז מיר צו באַנג —
דאָס ווייב ליגט קראַנק, צו קראַנק, דער גלות לאַנג, צו לאַנג —
קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג! (קלינגט מיט די נאַרן־גלעקלעך).

(פאָרהאַנג)

ע ר ש ט ע ר אַ ק ט

מענער, פרויען, קינדער, אַלט און יונג — פאַרן געטאָ־טויער. וואָלקנ־דיקער טאָג. אין הינטערגרונט — די הויכע טונקעלע הײַזער־געבײַען פון דער ייִדנשטאָט.

פ אָ ל ק:

(טרויערכאָר)

אין מויערן מיך אײַנגעריגלט,
אין פינצטערנישן אײַנגעזעצט,
אין ענגשאַפטן פאַרשלאָסן.
ווער בלויז בײַ טאָג אויף שעהען עטלעכע
פון שטײַג אַרויסגעלאָזט צום האַנדל.
תּפֿוס בין איך בײַ די פעלקער.
שטעקן בלײַבט אין טויבע לופטן מײַן געשריי.
מיך טוט אַיעדער שענדן און פאַרלענדן.
הינט רײַסן פלייש
פון מײַנע לענדן.
וויי.
איצונדער שטיי איך דאָ אין טרויער
פאַר דעם טויער אַ געבוקטער,
באַרייט צו נײַע שלעג, דען צו מײַן אויער
האָט געגרייכט,
דאָס דער קיניג איז אין שטאָט,
דער גויִם־שטאָט,
און הויכע ריטערס פון דעם לאַנד,
די דאָ שטייען צו זײַן רעכטער האַנט,
קומען הײַנט אין ייִדנשטאָט.

ווער ווייסט? ווער זאָגט?
שלעכט זענען די צײַטן,
ס'האָט אַ קריג פאַרשפּילט דער קעניג,
גרויס איז די באַסט פון זײַנע לײַטן,
און איך וואַרט אין אייטל ציטער.
טרערן־געשלײַערט לוגט
מײַן אויג נאָך מערב,
און נאָך מיזרח בליק איך: הילף ווו איז?

צפון זאָגט: איך טו זי נישט פאַרמאָגן,
דרום: זי איז נישטאָ אין מיר.

ס'איז טאָג, דאָך איך — מיר טוט נישט טאָגן.

(עס קומט אָן, ווי פון אַ באַראָט גייענדיק, דער רב, באַגלייט פון חשובים; זיי רעדן צווישן זיך אין גאַנג, פאַרזאָרגט; אויף אַ טאָץ — שווערדן, מיט איידלשטיינער אויסגעזעצט).

דער רב:
(רעדט, אַ געבויגענער, צום פאָלק)
אין גאָט געשטאַרקט זײַט, דער דאָ שטראָפט אונדז
נײַערט מיט איין האַנט און מיט דער צווייטער
טוט ער בענעדײַען,
אויבוויל די שטראָף פון וועגן זינד איז אָפן
און די לױן איז פאַרבאַהאַלטן,
דערוואַרטן, אַז די בחירה
זאָל אָפּגעטאָן נישט ווערן. תּפילה־טאָן
איז דאָס כּלי־זיין פון די בני־ישראל
פון אייביק ביז צו אייביק. תּפילה עושה מחצה.
און איז דען, פאָלק, דײַן שווערע אַנגסט נישט תּפילה?
און מוזן זיי דען ברענגען גזירות־רעות,

די ריטערס די דאָ קומען אין דער ייִדנשטאָט?
איך טוען מיר מקיים זײַן: במנחה
אכפּרה פּניו — יעקב טראָגט צו עשׂו
אַ געשאַנק צו זענפטיקן זײַן רישעות.

שאַלקסנאַר:

(ווי פון דער ערד אויסגעוואַקסן)
איך לויב די שווערדן,
אין יווועלן אויסגעזעצט. אַ קלוגער ראָט
איז דאָס געווען, די שׂררות צום געשאַנק
שווערדן צוצוטראָגן. שטייט דען נישט געשריבן:
על חרבך תּחיה? עשׂו ליבט די שווערד,
גלײַך יעקב — דאָס געשריי. ווען עשׂו הייבט די שווערד,
הייבן מיר דאָס קול. מיר ציִען אויס די פּיס
און שטאַרבן שרײַענדיק. דאָס שרײַען איז אונדז זיס,
גלײַך עשׂון — דער מאָרד.

דער רב:

(מיט דער טאַץ אין האַנט)
זאָל דאָס געשאַנק, דאָס איך זיי טראָג,
מיט השם־יתברכס גנאָד, אונדז העלפן
די שׂינאה שטיל מאַכן, די ווילדע וועלפן,
די אונדז אַקעגנהוילען טוט דורך נאַכט און טאָג,
און אָפּווענדן פון אונדז אַ נײַעם שלאָג.

ליפּמאַן:

(פון פאָלק אַרויס)
איך גלייב נישט אין דעם שווערדגעשאַנק. מײַן ראָט איז:
ווערט זעלבער שווערדיק. האָב אויף דעם פאַרלאַנג
פון אונדזער רב ר׳ זאַלקינד און די חשובים
געשמידט הכנעה־שווערדן נאַרישע — —

דער רב:

וואָס איז

דײַן ראָט, דו ליפּמאַן?

ליפּמאַן:

שווערדן זענען גוט,
דאָך נישט הכנעה. ווען זען די ריטערס
ווי איר געבויגן שטייט — זיי מוזן דאָך באַקומען
לוסט צו טרעטן איבער אײַך, אויך ווען זיי קומען
אָן כוונות שלימע: איר, איר זעלבער,
קרעפּטיקט אין זייער האַרץ די לוסט צום מאָרדן.
ווויל־ווירדיק און מיט קעפּ געהויבן הויך
טרעט זיי אַנטקעגן, אַלט און יונג, און נישט
אויף גאָט פאַרזיכערט אײַך — דען ווייסט: אויך אים
טוען קנעכט נישט ווילגעפעלן — נײַערט
פאַרזיכערט אײַך אויף זיך. זיי האָבן אײַך פאַרשלאָסן
אין מויערן פינסטערע, אין גאַסן ענגע,
דען איר, ווי קנעכט, די שטראָפן זיך, זיך זעלבער,
האָט אין אַ תּפיסה אײַך געלאָזט פאַרריגלען.
זײַט שמידן, גלײַך ווי איך אַ שמיד בין: שמידט
אײַך גבורה אויס. איר צעגערט? נון, מײַן ראָט
איז אײַך געגעבן. (טרעט אָפּ אַן אַ זײַט).

שאַלקסנאַר:

(גיט אַ שפּרונג אַרויף אויף אַ קלאָץ וואָס פאַרן מויער)
אויך אַבערל שאַלקסנאַר האָט אַן עצה־טובה!
אויך איך, בײַנער אויפקלײַבט אונטער אײַער טיש,
האָב ראָט, האָב ראָט!

דער רב:

(מיט אומווילן)
וואָס האָסטו אונדז צו ראָטן?

שאַלקסנאַר:

צו מילדערן דאָס האַרץ פון בייזן שטן

האָב איך אַ שיר אַ טײַערן פֿאַרפּאַסט,
אַ שיר אין ראָמען קעסטליך אײַנגעפּאַסט.
איך מעכט מיט מײַנעם ליד די געסט באַגריסן,
זיי צום געלעכטער וועקן. דען אַ שׂרה
ווען ער לאַכט — צוואַר ווערט ער קיין גערעכטער,
דאָך ווערט ער האַלבוועגס מענטש,
דען פֿײַנד פֿון רישעות איז געלעכטער.

ד ע ר ר ב :

(שאָקלט צו מיטן קאָפּ)

דאָס איז נישט שלעכט. דו זאָלסט אָבער דײַן שפּאַסליד
פֿאַרטראָגן פֿאַר זיי מיט אַכפּערונג.

ש אַ ל ק ס נ אַ ר :

(שפּרינגט אַרונטער)

האָץ־האָץ!
געוויס, מיט אַכפּערונג! אַן עדות איז דער קלאָץ.

פ אַ ל ק :

(כאָר)

און העלפֿט קיין אַנדער זאַך —
ווער אפֿשר העלפֿן דאָס געלעכטער וואָס איך לאַך.

(ס׳קומט אָן פֿון דער ייִדנשטאָט אליקום).

א ל י ק ו ם :

פֿאַרנעמט. איך טראָג אַ ראָט צו אײַך.

ק ו ל ו ת :

נון ער שווין אויך, דער בעל־קבלה —

ד ע ר ר ב :

רייד!

א ל י ק ו ם :

מײַן ראָט איז — פֿרייד. איך זאָג, דאָס איר מיט פֿרייד
די גזירות אויפֿנעמט, אויב מיט גזירות נײַע

פון מלכות קומען אָן די הויכע לײַט,
דען טרויער איז אַ זינד פאַר קודשא־בריך־הוא,
און צו מקדש זײַן גאָטס נאָמען איז די העכסטע
פון אַל די מיצוות.
(צום רב)
האָט רבי עקיבא
די מיצווה נישט באַגערט אַ גרויס באַגערונג?
אויב מיר די העלדזער אויסשטרעקן, באהבה
מקבל זענען הייליקן טויט, דער קומט
נאָך פרומען לעבן, ווען אונדז די שׂרים
נישט דעם קיניגס, נײַערט
די אַנדערע, די אַלערהייליקסטע, מיט כּתרים
פון אור־הגנוז קרוינען און באַלוינען
מיט לוינען, די נישטאָ אויף ערדן.

ליפּמאַנס קול:
(פון פאָלק אַרויס)
מיר האָבן זעלכע רייד שוין טויזנט מאָל געהערט.

דער רב:
(צו אליקומען)
פאַר וואָר, דו האָסט גאָר הויכע רייד געשפּראָכן
און וואָר איז וואָס דו זאָגסט, נאָר גיב זיי ראָט,
ווי יענע פרייד צו נעמען, די דו האָסט.

פאָלק:
(כאָר)
צו אַ לייב איז מיר געוואָרן
יעדער טאָג,
אַ לייב, דער לויערט אין זײַן צאָרן.
שווײַגן שווײַגט השם,
און מיך טוט באַוועלטיקן די קלעם;
מילשטיינער אַרום מײַן האַלדז.

שאַלקסנאַר:

וואָס טויג איַיך דעם מקובלס הימלפרייד, רבותי?
מ ײַ ן פרייד איז זיכערער. און וועט מײַן שפּאַסליד
דערמאָיען הערצער שטיינערנע פון המנס און ויזתאס,
הויך־ווילגעבוירענע רשעים —
וועט פאַרוואַנדלט ווערן מײַן פרנסה פון אַ נאַר
אין דער שענסטער פון פרנסות.

ליפּמאַן:

(טרעט אָפּער פון צווישן פאָלק, טײַטלט אויפן
שאַלקסנאַר און אויף אליקומען)
ווינד און וויי!
איר נאַרן צוויי מיט פריידן פאַלשע צוויי!

אליקום:

(הערט נישט; תפילהדיק)
ווען ד ו נישט העלפסט זיי, גאָט, מאַך אַזוי,
דאָס א י ך זאָל העלפן זיי, דײַן קנעכט אליקום,
און זיס זאָל זײַן דער קרבן מײַן צו דיר,
גלײַך שמעכט פון די אַווירים העליונים.

פויקער:

(קומט אָן, פויקט האַפּערדיק)
איך פּויק, איך פּויק, איך פּויק!
ייִדן פאַרשאָלטענע, טוט אײַך אַ בויג
פאַר אַ קריסטליך־געבוירענעם פּויקער.
איך פּויק, איך פּויק, איך פּויק!

איך פאַרקינד, איך פאַרקינד, איך פאַרקינד!
איך פאַרקינד צו קינד און צו קייט,
דאָס די הויכווילגעבוירענע ריטערס
קומען אָן אין בישאָפּס באַגלייט.

זײַט בערייט, זײַט בערייט, זײַט בערייט!
איך פֿאַרקינד, איך פֿאַרקינד, איך פֿאַרקינד!
גרויס איז די ערע — טראַטאַ!
מאַך מאָרעס, דו ייִדיש געזינד!

מאַך מאָרעס און הויקער דיך, הויקער!
טו זיך אין דרײַען אַ בויג
פֿאַר אַ קריסטליך־געבוירענעם פּויקער.
איך פּויק, איך פּויק, איך פּויק!
(שטילקייט).

דער רב:
(צום פּויקער)
וואָס זוכט אין אונדזער שאָטן, דו פֿאַרקינדער,
די ליכטיקע גענאָד פֿון הויכע ריטערס?

פּויקער:
(פֿאַררײַסט די נאָז; חשיבותדיק)
דו ווייסט: דער אַלערגנעדיקסטער, דער קיניג,
איז אין שטאָט. און נון, דו ייִדן־בישאָף,
באַוויליקט האָבן מאַנכע ריטערס זײַנע,
די נאָבלסטע פֿון זײַן געבענטשטער מיט,
געוועט צו מאַכן צווישן זיך, אויב ייִדן
דאָס אויסזען האָבן פֿון דעם טײַפֿל אָדער
פֿון מענטשנזין. דען פֿון די ריטערס האָבן
מאַנכע קיין מאָל נישט אַ ייִד געזען,
און נון, עס מאַכט זיי שפּאַס אַהערצוקומען
און זען, אויב וואָר איז עס, וואָס ווערט געזאָגט,
דאָס אויך די ייִדן האָבן מענטשן־אויסזען.

קולות:
דאָס — און נישט מער? אומזיסט געציטערט! שפּאַס!
געוועט! נישט מער! געלויבט זײַ גאָט, געלויבט!

שפּאַס און געוועט זיסט, מיינען זיי קיין בייז.
(אויפגערודער).

שאַלקסנאַר:

אַ שפּאַס, אַ שפּאַס! נון מעג איך דאָך בוודאי
מיט גוטגעמיינטן שפּאַסליד לוסטיק ווײַלן
די הויכע לײַט און טאַנצן, זיי צו צײַגן,
דאָס איך, אויב צוואָר אַ ייִד, דאָך מענטש בין, מענטש,
מיט מענטשנשטים שטאָט טײַפלשטים און מיט
צוויי הויכע לאַנגע מענטשנפיס צום טאַנצן.
אַ מענטש גלײַך זיי, מיט לעבער און מיט נירן,
מיט בלוט אין אָדערן און — געלויבט השם —
אויך מיט אַ האַר געהירן.

פאַלק:

(כאָר)
נון פרײַז איך גאָט, דען זיי,
שטאָט מיך צום טויט פאַרצוקן,
מיך בלויז באַקוקן
און שטאָט פאַרטיליקונג
מיר שענקען שפּאָט.
זע צו, אַ גאָט,
וואָס מיך טוט פרייען אַ געפריי.
אויך אין מײַן פרייד איז ווײ,
איז אייטל ווײ.

ליפּמאַן:

און דאָך — מיט ווײַב און קינד וועסטו דיך בוקן,
צו די פאַרשקלאַפער. ליבער טויט אַלס שפּאָט!
איך גיי — פון מײַן פאַרשטעקונג אויס צו קוקן,
ווי איר דעם קרומען רוקן
וועט פאַר די שפּעטער בויגן. האַרץ, וואָס ברויזט

דײַן בלוט? מײַן צאָרן, דו װערסט אין גאַנצן פֿויסט.
(פֿאַררוקט זיך ערגעץ).

שאַלקסנאַר:

(זעצט זיך צו, באַטראַכט די זאָקן דײַנע און די פֿיס)
װײַס די זאָקן און די פֿיס גאַנץ מענטשליך.
נישט באָקפֿיס, ניין. גאַנץ מענטשליך און גאַנץ מאָגער,
גאַנץ ייִדיש, גאַנץ בעקבצנט. װי עס שטייט:
הפֿיס פֿיס יעקב —

(קלויסטערגלאָקן פֿון דער שטאָט צעקלינגען זיך — פֿײַערלעך, שװער און געדיכט דרינגען די קלאַנגען אין דער ייִדנשטאָט אַרײַן. די הויכע ריטערס קומען אָן. אַ בישאָף — דער בישאָף פֿונעם פֿאָרשפּיל — טראָגט אַרויס אַ קרוציפֿיקס).

דער רב:

גריס גאָט, גריס גאָט, הויכװוילגעבוירענע!
װאָס פֿירט צו אונדזער נידעריקן טויער
אײַך, פֿון ריטערטום די בלום?
דאָס פֿאָלק פֿון ייִדנשטאָט איז דאָ פֿאַרזאַמלט
אײַך, הויכגעבוירענע, צום רום.

פֿאָלק:

(געמאַכטע פֿײַערלעכקייט, נאָך אַלץ געמישט מיט שרעק)
פֿריד, פֿריד צו אײַך, הויכװוילגעבוירענע!
אײַך, הויכגעבוירענע, צום רום.

דער רב:

גערימט זײַ גאָט, דער פֿון זײַן כּבֿוד אײַך
האָט צוגעטיילט. באַװיליקט נון צו װאַרפֿן
אַ בליק: מיר טראָגן מיט אַן אונטערטעניק האַרץ
אײַך שװערדן צום געשאַנק. מיר בעטן גאָט,
דאָס בויגן זאָל דער פֿײַנד פֿאַר אײַך דעם נאַקן
און אײַער שװערד זאָל אויספּעכטן נצחון

פון אייביק ביז צו אייביק.

(שטרעקט אויס די טאַץ מיט די איידלשטיין־באַזעצטע שווערדן).

ע ר ש ט ע ר ר י ט ע ר :

(שטופּט אָפּ דעם רבס האַנט; די שווערדן פאַלן
אויף דר'ערד מיט געקלימפּער)

מיר דאַנקען, יידן־בישאָף. דאָך די יידנשווערדן...

מיר נעמען גאָרנישט אָן פון יידנהענט,

נישט שווערדן און נישט אַנדערע געשאַנקען:

גענוג, דאָס מיר אײַך דאַנקען.

פעלן אונדז דען שווערדן א י י ג ע נ ע? און דאָס־דאָ —

די איידלשטיינער — האָט איר דאָך פון וווכער:

איז עס נישט בײַם גוטן קריסטנפאָלק געשטוילן?

פון וועגן דולדן

אײַער טײַפלשטאַם, דער וואָרפט אונדז טיף אין שולדן,

האָבן מיר דעם קריג געמוזט פאַרלירן.

(פאַרלעגנהייט און שרעק צווישן פאָלק).

ב י ש אָ ף :

(הייבט דעם קרוציפיקס)

אין נאָמען פון פאָטער, זון און הייליקן גײַסט

רייד איך צו דער עלנדער געמיינדע

פון די אונגלייביקע, די שווער געפרוווטע,

די אָרעמע, די ווילן נישט געניסן

דאָס ליכט פון אונדזער קירך דער הייליקער. גיב גאָט,

דאָס זייער האַרץ אַ שליסל זאָל באַקומען

צו די טויערן פון וואָרן גלויבן.

ד ע ר ר ב :

(פעסט)

דאָס גלויבן פון די אָבות איז אונדז הייליק.

מיר בלײַבן דאָס, וואָס מיר נון איין מאָל זענען.

מיר היטן אייגן ליכט אין פינסטערנישן

אוּן ווײַל מען רויבן עס — מיר ווען גיין
אין פײַער־פלאַם פון וועגן אונדזער ליכט,
וואָס אונדז פון סיני איז געגעבן.

(אומרויִקייט צווישן פאָלק).

ערשטער ריטער:

שווײַג דאָך!
נישט לאָז דײַן צונג די אומבעדאַכטע לויפן.
מיר זענען נישט געקומען אײַך צו טויפן,
איר יעזוס־מערדערס, נײַערט אײַך באַטראַכטן.

(אַ ביסל לײַטזעליקער)

יאָ, גאַנץ מענטשן־ענליך זײַט איר, ייִדן.
געוויס איז דאָס באַטרוג פון אײַער זײַט,
זיך מענטשן־אָנבליק אָנצוטון. דאָך איז עס
גאַנץ קלאָר: איר זײַט גאַנץ מענטשן־ענליך. יאָ.

אַנדערע ריטערס:

איז עס נישט וווּנדערליך, ווי זיך די זין דעם טײַוולס
פאַרשטעלט האָבן? מען קען דאָך ווירקליך מיינען:
די זענען אָדמס זין גלײַך מיר, גלײַך אַלע.

דער רב:

(ווינקט צום שאַלקסנאַר)

שאַלקסנאַר:

פריד, פריד און רום! איך, אײַער קנעכט און וואָרעם,
ערלויב מיך נון אײַך, אַלערנאָבלסטע,
מיט אַ פרייליך שפּאַסגעדיכט פאַרווײַלן,
די איך, דער ייִדן־שאַלקסנאַר, האָב פאַרפאַסט.

ערשטער ריטער:

זאָל דען אַ ייִדן־שאַלקסנאַר אונדז פאַרווײַלן?
צו הויך, פאַר וואָר, פאַר אונדזער קנעכט און וואָרעם.

(פּלוצלינג באַשלוס)

דו קומסט מיר פאַר גאָר יעמערלעך, פאַר וואָר.

ס'וועקט מיטלייד זיך אין מיר. דײַן שפּאָסגעדיכט
איז נישט פֿאַר אונדזער אויער.
דאָך וואַרף איך דיר אַ זילבערשטיק צום לוין
פֿאַר גוטמיינטער דומהייט.
(וואַרפֿט אים צו אַ זילבערשטיק; די ריטערס לאַכן).

שאַלקסנאַר:
(בייגט זיך נישט אײַן עס אויפֿצוהייבן).

ערשטער ריטער:
(באַפֿעלעריש)
הייב דאָך אויף!

בישאָף:
ער איז באַליידיקט.

די ריטערס:
כאַ־כאַ־כאַ! באַליידיקט!
איז עס נישט געמיינהייט, דאָס אַ ייִד
זאָל וואַגן זיך באַליידיקן?

ערשטער ריטער:
הייב אויף — האָב איך באַפֿוילן.

שאַלקסנאַר:
איך האָב געהערט. דאַרויף האָט מײַן געדאַנק
געענטפֿערט: הייב נישט אויף.

ערשטער ריטער:
(צאָרנדיק, צו גלײַך פֿאַרוווּנדערט)
וואָס פֿאַלט דיר אײַן?
ווער וואַגט מיר ווידערשפּרעכן? דו? אַ ייִד?

אַן אַנדער ריטער:
דאָס איז דאָך אומערהערט! אַ זילבערשטיק, געוואָרפֿן
פֿון פֿײַנסטע ריטערהענט, נישט וועלן הייבן?

קולות:
(צום שאַלקסנאַר, באַגלייט מיט בליקן שרעקיקע און בעטנדיקע)

— נון, הייב! וואָס הייבסטו נישט?
— פאַר וואָס דען הייבסטו נישט?

שאַלקסנאַר:
(האַלב צום פאָלק, האַלב צו די ריטערס)
ווער מיר אַ לוין גיט — מוז אין האַנט מיר געבן,
נישט וואַרפן ווי דעם הונט.

ערשטער ריטער:
(נאָך כּעסדיקער, אָבער נישט אָן אומזיכערקייט)
האָסטו נישט זעלבסט
געזאָגט: איך קנעכט און וואָרעם —?

שאַלקסנאַר:
דאָס איז שלעכט —
און איך באַדויער. מענטש בין איך, נישט וואָרעם.
מענטש בין איך, נישט קנעכט.
מענטש ווי אַלע איר.

ערשטער ריטער:
(פאַרבליפט)
ווי איך? ווי מיר?
(פּויזע)
נון, זינג. מיר מעכטן הערן ווי דו מאַכסט עס.
קאָן אויך אַ ייִד די זינגקונסט? איז עס מעגליך?
אַ ייִד אַ שמוציקער ווי דו און קלעגליך
ווי דו?

די איבעריקע ריטערס:
(האַלב נייגער, האַלב פאַראַכטונג)
נון גוט. ער זאָל דאָך ענדליך זינגען.

שאַלקסנאַר:
(פאַרנייגט זיך און זינגט)
געגריסט נון זייט, געגריסט נון זייט,
און הערט מיך צו, איר הויכע לייט!

צו אַלער גויט און אַלער פּיַין
האָב איך אַ ראַט גאָר וויל און פיַין.

ווער דורשטיק איז — זאָל טרינקען וויַין,
ווער ריַיך זיַין וויל — זאָל זיַין אַ שוויַין.
ווער אָרעם איז — דער זאָל'ס נישט זיַין,
דען אָרעם זיַין איז גאָרנישט פיַין.

ווער וויַיבער קושן וויל, זאָל גיין
צו פרעמדע וויַיבליַין, יונג און שיין:
ער מוז זיַין וויַיב נישט קושן, דען
זיַין וויַיב אַ צווייטער קושן קען.

ווער אַלטע וויַיבער קושן וויל,
זאָל האַרטע שטיינער בײַסן פיל.
אַ מאַן, דער האַרטע שטיינער בײַסט,
קאָן אַלטע וויַיבער קושן דריַיסט.

און דער, דעם איז גאָר גריַיליך קאַלט,
דער טוט געשיַיט, ווען ער נון האַלט
אַ יונגע פרוי אין אַלטער שויס,
ווי אונדזער קיניג דוד גרויס.

און ווער פול ווייַ און יאָמער איז,
דער זאָל צום טאַנצן הייבן פיס,
זאָל טריַיבן שפּאַס ווי איך עס טו —
נון קלאַטשט מיר צו! נון קלאַטשט מיר צו!
(ביַיפאַל).

ריטער:
זינג וויַיטער, נאַר. זינג וויַיטער, ייִד. זינג נאָך!

אהרן צייטלין

שאַלקסנאַר:

(טאַנצט אַרײַן צווישן די ריטערס)

דעם טויט, מײַן אַלטן קאַמעראַד,
האָב איך באַגעגנט — איַי־איַי־איַי!
— וואָס הערט מען, האַ? — גאָר ווויל איז, נאַר!
יוהאַשי און האַביטײַ!

— איך האָב פּיל אַרבעט, ליבער נאַר,
דען יידן שטאַרבן שפּעט און פרי.
זיי קומען אום פון נויט און שווערד —
האַביטײַ און יוהאַשי!

— פאַר וואָס דען שטאַרבן, ליבער טויט,
די יידן מער אַלס קרעציק פי?
— מײַן ליבער נאַר, איך זאָג׳ס דיר באַלד —
יוהאַשי, אָ יוהאַשי!

דו נאַר, מײַן נאַר, ס׳איז גרײַליך קלאָר:
מיר העלפן האַרן, גרויסע לײַט.
זיי ברענגען מיך אויף יידנס קעפ —
יוהאַשי — צו יעדער צײַט.

(אין ערשטן מאָמענט — צעמישונג).

ערשטער ריטער:

(אויסער זיך)

עס האָט דער נאַר אַ לעסטערליד געזונגען!
וואָס שווײַגט איר, ריטער־לײַט?

די ריטערס:

אַ לעסטערליד!
אַ לעסטערליד אויף ריטער־לײַט!

פּאָלק:

(זײַן אומרו ווערט אויסגעלאָדן אין אַ קורצן פּאַניק־אויסגעשריי).

דער רב:

(נישט־דרייסט)

פּאַרצײַ, אָ הויכער אַדעליקער ריטער,
דעם וויסטן נאַרנקנעכט, דעם שאַלק, און שענק אים
זײַן זינד.

שאַלקסנאַר:

רב זאַלקינד, מיט אײַך נישט. איך בין
דער זעלבער האַר וואָס זיי.

(צו די ריטערס)

יאָ, איך דער נאַר,
איך שפּאַסטרײַבער, איך אַבערל, בין צוואַר
אַ ייִד — און בין גלײַך איר אַ האַר, אַ האַר,
און מער אַלס איר זוויגאַר — יאָ, מער זוויגאַר
אַלס אַלע איר!

ליפּמאַנס קאָפּ:

(שנעל אַ הייב זיך אַרויס און אַ טויך אַרונטער אין דער געדיכטעניש פונעם געזעמל)

ריטערס:

דאָס איז דאָך אונערהערט!
זאָל ענטפערן דעם ייִדן־שאַלק — די שווערד!

(דער עולם ייִדן גיט זיך כוואַליעדיק אַ וויג אויף צוריק).

בישאָף:

(תחנונימדיק)

אין נאָמען פון פאָטער, זון און הייליקן גײַסט!
זאָל קריסטן־ליבע אײַער וווט פאַרטרײַבן
און היטן אײַער האַנט פון בלוט־פאַרגיסונג.

ס'איז דאָך אַ נאַר, אַ שפּאַסמאַכער — עס ווייסט דען
זײַן קאָפּ פון וואָס זײַן דומע צונג טוט ריידן?

ערשטער ריטער:
(טופּעט מיט די פיס)
שווײַגן, בישאָף, שווײַגן! שאַנד איז עס און שמאַך.
זאָל בלוט זײַן פרעוול וואַשן!

(דער קרוציפיקס גיט אַ ציטער אין בישאָפס האַנט; ער ווערט בלייך, לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ. ערשטער ריטער וואַרפט זיך אויפן שאַלקסנאַר מיט זײַן שווערד. שאַלקסנאַר גיט אַ קורץ געשריי, פאַלט. מהומה. פאָלק צעלויפט זיך, שלעפּט־מיט מיט זיך, אַנטלויפנדיק, דעם רב; דער רב פּרוּווט זיך צו ערשט קעגנשטעלן, וויל פּרוּוון באַזענפטיקן די ריטערס, נאָר ווערט אַוועק־געריסן מיטן שטראָם. ווען אַלץ אַרום ווערט ליידיק, באַווײַזט זיך אויבן אויף דער מויער ליפּמאַן).

בישאָף:
(האַלב קרעכץ, האַלב אויסגעשריי)
וויי, וויי!

ערשטער ריטער:
(איז נאָך אַליין אונטערן אײַנדרוק פונעם מאָרד)
קיין מיטגעפיל! עס איז דער שטאַם פון האָסטיע־שענדער.

בישאָף:
(מיט ציטער אין קול)
מאָרד איז עס און זינד.
עס זאָל אַזוי נישט טון אַ קריסטנקינד.
(פויזע).

ערשטער ריטער:
(קומט ביסלעכווײַז צו זיך)
ער האָט דאָס הויכע ריטערטום געוואַגט
באַליידיקן צו ווען.

(אָנגעשפּאַרט אָן דער שווערד — איבערן קערפּער
פונעם שאַלקסנאַר)
איצונד ביסטו דיר ערד צוריקגעקערט.
נון פיל איך מער קיין האַס. וואָס ביסטו? גאָרנישט.
און גאָט וועט ווײַטער אונדזער אָרעם שטאַרקן
אויף צו פאַרטיידיקן דאָס קריסטנטום,
גאָט און דעם קיניג אונדזערן צום רום.

(די ריטערס מיטן בישאָף לאָזן זיך גיין. ווען זיי דרייען זיך אום מיטן פּנים צום טויער, שטעקט האָסטיק אַרויס זײַן פּנים — פונעם טויער אַראָפּ — ליפּמאַן, וואָס האָט אַלץ צוגעזען און צוגעהערט. עס ברענען אויף זײַן פּנים גבורה און גרימצאָרן. ער רײַסט אויס פון מויער אַ שטיק שטיין, צילט, גיט אַ מאַכטפולן שלײַדער, טרעפט דעם ערשטן ריטער אין רוקן, ווערט נעלם).

ערשטער ריטער:
(טויטרוף)
אָ, יעזוס־מאַריאַ!
(פאַלט).
די ריטערס:
יעזוס־מאַריאַ, ווער?
ווער האָט דעם שטיין געשלײַדערט?

(ערשטער ריטער ליגט אַ טויטער. די אַנדערע ריטערס, אַנטבלויזטע שווערדן אין די הענט, רײַסן זיך מיט אַ געשריי צו דער יידנשטאָט).

בישאָף:
(האַלב צו די ריטערס, האַלב צו זיך)
ווער? ס'איז אַלעס לער...
(אַ בליק אויף דעם שאַלקסנאַר, וואָס ליגט אויף דער ערד
אָן באַוועג)
איין ייִד, איין ייִד בלויז... אָבער דער ליגט טויט...

רי טער:

פאַרדאַרבונג! טויט! ייִדנשטאָט צעשטערן!

פאַרדאַרבונג! טויט!

בישאָף:

(האַלט זיי אָפּ)

שטייט! פיל זענען די ייִדן —

און איר זענט קליין אין צאָל. מען וועט אונדז אַלע

דאָ אומברענגען. די ייִדן זענען גרויזאַם.

מיר מוזן זיך באַזינען. איז עס נישט געפערליך

אין זייער ייִדנשטאָט צו גיין? מיר מוזן ערשט

אין שטאָט אַרײַן און דאַן צוריקקומען אַהער

מיט קנעכט באַוואָפנטע און קיניגלעכע קריגסלײַט.

דאָס זאָל אַ קריג זײַן מיט די פײַנד פון גאָט

פאַר דאָס פאַרגאָסענע געליבטע בלוט

פון אונדזער פילגעליבטן, קריסטלעכסטן

און אַלערשענסטן ריטער־העלד, דער דאָ

גאָר בליצלינגס איז געפאַלן.

די ריטערס:

(שאָקלען צו מיט די קעפּ און חזרן איבער מיט פעסטקייט)

...יאָ, דאָס זאָל

אַ קריג זײַן מיט די בייזע פײַנד פון גאָט

פאַר דאָס בלוט פון אונדזער פילגעליבטן, קריסטלעכסטן

און אַלערשענסטן ריטער־העלד.

בישאָף:

(פּיקסירט זיי די גאַנצע צײַט שאַרף מיט די אויגן;

וויל זיי אָפּקילן)

דאָך מיין איך,

אַז נישט גאָר קריסטליך מעכט עס זײַן צו טויטן

דאָס גאַנצע ייִדנהייט פון וועגן אַ פאַרברעכן

פון איין געהיימען פינסטערן פאַרברעכער.

מיר זאָלן נײַערט אים, דעם שולדיקן, באַשטראָפן.
מיר זאָלן פאָדערן: דעם מערדער גיט אַרויס!
דעם שולדיקן! און ווען זיי דאָס נישט טוען —
נון, דאַן איז אײַער ריטערליך געוויסן
נאָך ריינער אַלס די שטערן אין די הימלען.

די ריטערס:

(עקשנותדיק, פאַרביסן און אומברחמנותדיק)

יאָ, דאַן איז ריין דאָס ריטערליך געוויסן,
די שווערד גייט לויז און יידנבלוט זאָל פליסן —

בישאָף:

(מיט באַהאַלטענער איראָניע)

צום רום פון יעזוס, אונדזער האַר דעם זיסן.

(ריטערס הייבן אויף דעם ערשטן ריטערס קערפּער, טראָגן אים, צוגעדעקט מיט שווערדן, לאָזן זיך גיין).

(דער בישאָף גייט־מיט; דרייט זיך אויס אין מיטן גאַנג מיטן פּנים צו דער יידנשטאָט און רופט:)

הושענא, אלוקים! הושיע־נא!

אַ ריטער:

(אין גאַנג)

בישאָף, ס'האָט אײַער צונג אַרויסגעבראַכט
ווערטער אומפאַרשטענדלעכע.

בישאָף:

דאָס איז אַ פלוך.
אַ פלוך אויף די העברעער די פאַרדאַמטע
אין זייער שפּראַך, דער גרויזאַמסטער פון שפּראַכן.

דער ריטער:

בישאָף, איז דאָס וואָר, דאָס איר זענט אויך
אַ ייד געווען?

בישאָף:

(די אויגן אַראָפּגעלאָזט)

מײַן זינד איז אויסגעקויפט.
דאָס הייליקע וואַסער האָט מײַן לײַב גערייניקט.
(הייבט די אויגן)
לישועתך קויתי, אלקים!
קויתי לישועתך, לישועתך!
(דערווײַטערן זיך. פויזע).
שאַלקסנאַר:
(גיט זיך אַ הייב פון דער ערד, קוקט זיך אום,
לאַכט זיך פונאַנדער)
כאַ־כאַ! איך אַבערל שאַלקסנאַר בין קיין נאַר.
איך לעב און לײַב, געלויבט השם־יתברך.
מיך האָט דער גוי דערשטאָכן, דאָך געשעט
אַ נס: תּחית־המתים טו איך אויפשטיין.
איך האָב מיך טויט געמאַכט, און זיי — זיי האָבן
געמיינט, דאָס איך בין טויטגעשלאָגן. שענער נאָך
טוט גאָט: דער ריטער, דער מכלומרשט מיך געטויט האָט,
דער ווערט אַ וואָרער הרוג. ווונדער איבער ווונדער!
וואָס רעד איך? גאָט? דאָס האָט געטון אַ מאָן!
ווי הייסט דער מאָן, דער אים געטויט האָט? אַך,
דאָס איז אַ גרײַליך טרויערפולער וויץ,
אַ וויץ, דער קאָן אונדז יידן־לעבנס קאָסטן,
אַ קליין כּתּבותלײַן מיט פיל סכּנה.
דאָך וויל איך מיר מײַן שימחה נישט פאַרשטערן
איצונד, ווען גאָט טוט לעבן מיר באַשערן.
איך לאָך אויס דיר, דו ליבער טויט, און שפּײַ
אין דײַנע טויזנט אויגן טויזנט שפּײַען.
רשע, ביז דו וועסט מיך פאַרן נאַקן פּאַקן,
קאָן איך נאָך פראַלן טויזנט שטותערײַען.
(לויפט, דאָס פּנים צו דער יידנשטאָט, און רופט:)
יהודים! יידן! קומט און זעט: כ'טו לעבן!

יִידנשטאָט

וואָס האָט איר אײַך באַהאַלטן? קומט און לאַכט!
קאָן דען אַ שפּאַס אַ גרעסערער נאָך געבן
אַלס אַ טויטער, דער זײַן טויט באַטראַכט
און אין ריימען חוזק אויס אים מאַכט?
(אַ ווײַל שפּעטער קומט אָן צו לויפן ליפּמאַן,
שטייט אָפּגערוקט אַ ביסל און קוקט אויף אים זײַטיק).

שאַלקסנאַר:
(גיט זיך אַ קלאַפּ אין שטערן)
האָסט דו געהרגעט, אַ?

ליפּמאַן:
(שאַרף)
שווײַג שטיל, דו נאַר!

שאַלקסנאַר:
(קוקט אויף אים, באַנעמט, מאַכט אַ טריט אויף צוריק)
איך שווײַג, איך שווײַג. זאָל זײַן מײַן צונג אַ שטײַג
פֿאַר דײַן געהיימעניש. האָסט פֿאַר מיר גענומען
נקמה — און פֿאַר אַלע. איך פֿאַרשטיי.
פֿון אייטל לוסט צו וועלט האָסט דו נקמה
גענומען פֿון דער וועלט —
און האָסט אין גרויס סכּנה אונדז געשטעלט.
דאָך שווײַגן וועל איך שטילער נאָך אַלס שטיל,
אויבוויל זאָל׳ך אַ געהיימעניש אויסזאָגן נישט קענען —
איז פּורע פּײַן, אַ פּײַן נאָך גרעסער אַלס
זיך אַן אַלטער בתולה הענגען אויפֿן האַלדז.

(פֿאָרהאַנג)

אהרן צייטלין

צווייטער אַקט

פאַרן געטאָ־טויער.

פֿאָלק:

(טרויערכאָר)

צום רויבערוואַלד איז מיר די וועלט,
צום רויבערוואַלד די ווילדע וועלט,
צום וויסטן לאַנד.
די דריטע זון האָט נון געשטראַלט,
דער דריטער טאָג האָט נון געטאָגט,
און באָכן טרערן פליסט מײַן אויג,
איך קלאָג נאָך אימער ווי געקלאָגט.
נאָך נישט שולדיקן אַנטדעקט,
דער יענעם ריטער האָט געטויט,
און טראָגן מוז איך אַלע שולד,
פון טרערן זאָל איך גיין צום טויט.
דער דריטער טאָג ברענגט דריטע זון,
און ברענגט קיין הילף, ברענגט נײַערט וויי.
מיט ווײַב און קינד דאָ שטיי איך נון
און אומגליק הויערט ווו איך שטיי.

דער רב:

דער לעצטער טאָג איז. פֿאָלק, מײַן פֿאָלק, ווען איינער
זײַן קאָפּ פֿאַרשולדיקט — פֿאַלן מוזן דאַן
די קעפּ פון דײַנע קינדער אַלע, אַלע.
דאָס איז די פעלקער צו געזעץ געוואָרן,
געוואָרן צו געזעץ פון שטאָל און ערץ,
מיט בלוט, מיט ייִדנבלוט געשריבן איבער
גאָר דעם אַנגעזיכט דער ערדס.

איז איין ייִד שולדיק — טויט דעם פאָלק דעם גאַנצן!
און טיפער נאָך איז אונדזער בראָך איצונד,
דען צווישן אונדז איז זיכער קיינער שולדיק
אין יענעם ריטערס טויט. האָט דען אַ ייִד
געשלײַדערט יענעם שטיין? ניין, זיכערליך
האָט פון די גוייִם איינער דאָס געטון,
ווי דאָס נישט איין מאָל האָט פּאַסירט.

אַ חשוב:

נישט איין מאָל
קומט איינער פון די פעלקער און פאַרבאַרגט זיך,
אויף דאָס ער רישעות טוט דעם ייִדנפאָלק,
און צילט פון זײַן פאַרבאָרגנהייט אין די
געקרויינטע אָדער שׂררות,
די זיך צו אונדז אַרונטערלאָזן — און
דאַן קומט גרויס בילבול, שמאַך און מאָרד
אויף אונדזער קאָפּ, די מיר נישט שולדיק זענען.
און יענער, דער דעם פרעוול האָט געטאָן,
דער פרייט זיך, דאָס ער רישעות טוט די ייִדן,
און זויפט זײַן ווײַן מיט לוסטיקע געזעלן,
דערווײַל מיר אומקומען מיט ווײַב און קינדער.

שאַלקסנאַר:

(האַלב צו זיך)

———גאָר שנעל איז עס געשען און איך, דער שאַלק,
דער איך מיך זונסט צום נאַרן מאַך און דאַן
מיך צום טויטן האָב געמאַכט — האָב נישט געקוקט,
האָב נישט געזען קיין זאַך. דען ווי געציִמט עס,
דאָס אַ טויטער אויגן בליצלינגס זאויפטוט
און זעט? דרום ווייס איך גאָרנישט. און דאָך ווייס איך.

פאָלק:

(ווי אויבן)

דער דריטער טאָג ברענגט דריטע זון
און ברענגט קיין הילף, ברענגט נײַערט שמאַך.
מיט ווײַב און קינד דאָ שטיי איך נון —
— — — — — — — — — — — —
באַלד ברענט גאָר העליש מײַן געמאַך.
מײַן פֿינסטער הויז ווערט אייטל פֿלאַם
פֿון גרונט ביז דאַך.

ליפּמאַן:

(טרעט אָפּער)

מוט! נײַערט מוט! זיי האָבן זיך דאָס רעכט
אויף ערד און לעבן מיט דער שווערד באַפּעסטיקט.
נון שלאָגט אויך איר ווען זיי אײַך איבערפֿאַלן —
דאָ זאָל מיט קראַפֿט צוריקשלאָגן דער קנעכט.
דען מוט גיט לעבן און בלויז מוט גיט רעכט.
נישט תּפֿילה איז כּלי־זיין — ניין, רב זאַלקינד!
נישט תּפֿילה און נישט ווײ־געקלאָג. כּלי־זיין
איז כּלי־זיין. עין תּחת עין.

פֿאָלק:

שפּאָט איז דײַן וואָרט איבער מײַן יאָמער —
וווּ האָב איך דען כּלי־זיין?
אַ שמיד ביסט דו און קראַפֿט איז אין דײַן האַנט,
דאָך איך בין שוואַך. בײַ גוייִם איז דאָס וואָפֿן.
וווּ האָב איך דען כּלי־זיין?

ליפּמאַן:

איך ווייס. דו האָסט נישט. דאָך איז נישט צו שפּעט
זיי צו באַפֿאַלן, דאָס כּלי־זיין בײַ זיי רויבן
און מיט ז י י ע ר וואָפֿן טויטן די באַפֿאַלער.
זיגסטו — לאַך, און פֿאַלסטו — לאַך און שטאַרב.
אַ טויט פֿון גלײַכע זאָלסטו שטאַרבן, גלײַך צו זיי

אין מוט. און פּאַלסטו — וועלן דײַנע קינדער אַרבן
דײַן מוט און נישט מער שטאַרבן.

דער רב:

עס איז גאָטס ווילן, ליפּמאַן. ס׳איז זײַן ווילן,
דאָס ייִדן זאָלן נישט מיט גויִים־שווערדן שפּילן.
זיסט ווערט פון יעקב — עשׂו. דען השם־
יתברך האָט פאַרטריבן אונדז אין גלות
און גײַערט ער לאָזט לויז און לײַטזעליקט זײַן שאָף
אין טעג פון ענד, די טעג פון ביאת המשיח,
ווען ס׳עקט זײַן שטראָף.

ליפּמאַן:

איז דען גאָטס ווילן, דאָס באַצווינגער זאָלן
אײַך אומברענגען? ווען יאָ — וואָס פּאָלגט איר, שקלאַפן,
זײַן ווילן? האָט ער דען דערויף באַשאַפן
אַ פאָלק, דאָס זיצן זאָל עס אין געפענקעניש
און וואַרטן אויף פאַרדאַרבונג?

דער רב:

פּילסטו דען, ליפּמאַן, וואָס דײַן צונג לאָזט הערן
דעם אויער פון באַטריבטע? ס׳איז נישט רעכט,
די קנעכט פון גאָט צו האַלטן גלײַך אַז קנעכט
פון עשׂו און זיי ראָטן: זײַט גלײַך עשׂו.
זאָג: מוזן מיר נישט בעסער זײַן אַלס זיי?
מיר האָבן שווערד געהאַט אין אונדזער האַנט,
מיר האָבן מוט געהאַט און מאַכט און לאַנד.
דאָך גאָט האָט שווער געצערנט און געזאָגט:
דיך האָב איך אויסדערווײלט פאַר מיר אין סיני —
דאָרט האָב איך היוכן בונד מיט דיר פאַרשניטן.
דרום גיי, ישׂראל, אונטער די באַצווינגערס;
דײַן שטאָלץ זאָל אויף הכנעה זײַן געביטן,
און וואַרט ביז איך מײַן גואל שיק דיר צו.

און היטסטו מײַן געבאָט — איך װעל דיך היטן.
און שטרעקסטו אויס דײַן האַלדז פון װעגן מיר —
שטייט אָפן דיר מײַן הימלס העכסטע טיר,
דען אויך שטאַרבן זאָלסטו נישט גלײַך עשו.
מײַן נאָמען הייליק — און אין הייליקייט באַשטיי.
פון אייביק ביז צו אייביק. בדמיך
חיי! עס קומט צום ענד פון טעג בן־דוד —
און װידער מאַכט צו זײַנע פרינצן אונדז גאָטס װילן.
יהודהס זינד װערט אָפּגעמעקט. זײַן מלכות
װעט מער נישט אויפהערן; דאַן װעלן שװערדן
צו אַקער־אײַזנס װערן און דער לעמפּערט
װעט בײַ דער זײַט פון פרומען לעמל הויערן.
ביז צו יענער צײַט מוז אונדזער גלות דויערן.
פאַרבאָטן איז מיט שװערדן אונדז צו שפּילן.
צװאָר ביטערער אַלס ביטערנישן אַלע
איז אונדזער טייל און בלוטיק אונדזער טרער,
און ס׳ברעכט דאָס האַרץ, ס׳קומט אומגליק מער און מער,
דאָך איז די טרייסט די װאָרע נישט די דײַנע.
נחמת־המשיח איז די טרייסט
די איינציקע פון ייִדנשטאַם, װאָס װערט געטראָטן
און צום טויט געפירט דורך די רשעים
פון װעגן היטן גאָטס געבאָטן.

ליפּמאַן:

גאַנץ אַלט זענט איר, ר׳ זאַלקינד, און די װערטער,
די איר געשפּראָכן, זענען אַלט װי איר.

(צום פאַלק)

װאָס האָסט דו צו פאַרלירן? גאָרנישט, זונדערן
אַ לעבן דאָס קיין לעבן איז. דײַן רב
האָט די זעלבע אַנגסט אַלס דו, דרום װיל ער טרייסטן
דיך און זיך זעלבסט מיט זאַכן, די נישט העלפן.

משיח... ווען איך נון משיח בין,
וואָלט איך, ווי ער, געזעסן און צו הילף דיר
נישט געקומען. זאָל דײַן קלאָג דיר העלפן!
זאָל דײַן פאַרלענדונג דיר משיח זײַן!

קולות:

— דער זאָל אונדז פירן!
— ליפּמאַן זאָל אונדז פירן!
— ער איז אַן אפּיקורס, איז אַ כּופר!

שאַלקסנאַר:

(טרעט אַפער)
אַן אפּיקורס? גרײַליך מעגליך. דאָך עס ווערט
דאָס ווערטלײַן ערד גאָר וויל געריַימט מיט שווערד.
ווער שווערד פאַרמאָגט — האָט ערד, ווער זי נישט האָט —
דער ליגט אין דר׳ערד, איך מיין: נישט האָט ער ערד,
זונדערן זי, די ליבע ערד, האָט אים,
און צוואַר בײַ זיך, און צוואַר גאָר טיף אין דר׳ערד.

אליקום:

(קומט אָן)
איך טראָג די טרייסט. איך טראָג
די רעטונג אײַך צום דריטן טאָג.

פאָלק:

די קראַפט אין דײַנע רייד —
איך הער זי.
די קראַפט, די דו פאַרמאָגסט —
ווי הייסט זי?
די רעטונג, די דו טראָגסט —
וואָס איז זי?

אליקום:

איך קום צו רעכטער צײַט. גלײַך אַז דײַן וויי
איז טיף מײַן פרייד.

קולות:

— זײַן פרייד?

— געזיכט ווי שניי —

— ער שטייט באַרייט —

אליקום:

נון הערט:

איך, לאָמע לאָם פון גאָטעס הערד,

וועל אויף זיך די שולד נעמען די שווערע

פאַר שלײַדערן דעם שטיין

און מיט מײַן לעבן אויסקויפן דאָס לעבן

פון דער גאַנצער עדה.

ליפּמאַן:

דער פאַרריקטער!

דער רב:

(צו אליקומען)

מײַן זון, וואָס גייסטו טאָן? באַזין דיך. ביסט

גאַנץ יונג, נישט לאַנג ערשט נאָך דײַן חתונה,

און אין דײַן זכות, דער דו אַ צדיק ביסט,

ווי אויך אין זכות פון שווער דײַנעם, המקובל

ר׳ עזריאל ז״ל — אין אײַער ביידנס זכות

קאָן אַ נס געשען אין לעצטער רגע.

מיר ווייסן ווויל: אַ ניסתר איז געווען

דײַן שווער, דער האָט פאַרהוילן זײַנע וועגן,

אַ מלמד צו די דרדקי, און זיכער

האָט באַכטס מיט אים געלערנט אליהו.

ס׳האָט ער, דער שטילער אַלמן, דער דעם קליינעם יתום,

דיך, אליקום, צו זײַן זון געמאַכט און שפּעטער

זײַן טאָכטער אים די איינציקע געגעבן,

מיט דיר געלערנט אַלע סודות,

די מיט אים געלערנט האָט דער תשבי.

דרום איז ווייל מעגליך, זאָג איך, דאָס אין איַער זכות
זאָל אַ נס געשען.

ל י פּ מ אַ ן:

און ווען דער נס געשעט נישט?
ווי אָפּט, ווי אָפּט האָבן די נסים נישט געוואָלט
געשען צו אונדז!

ד ע ר ר ב:

געשעט דער נס נישט — הייליקן מיר אַ ל ע
זיַין ליבן נאָמען. נישט אליקום בלויז —
מיר אַלע, יונג און אַלט. און דאָך — געשריבן שטייט:
ישועת־השם — השם־יתברכס הילף,
כהרף־עין — אין איין אויגנבליק געשעט זי,
ווען עס השם באַשערט.
דרום זיי נישט איבעראיַליק, טיַער קינד.
דיַין הייליקייט, דיַין ווילן זיך צו מקריב זיַין
פאַר אַלע, דאָס אַליין קאָן אויסקויפן די זינד
די פאַרבאָרגענע פון די ישראל. ס׳קאָן דיַין ליכט
בליצלינגס מאַכן בלינד
די אויגן פון די ריטער־ליַיט, דאָס זיי
די כלי־זיין אויפהערן צו זען
און צו זיי נישט גרייכן קענען. ס׳האָט פּאַסירט שוין
אַזוי אַ זאַך אין אַלטע צײַטן און עס שטייט
אין כראָניקעס פאַרשריבן.

ל י פּ מ אַ ן:

(גאַליק)

אַ ניַיער אומזין, אויף דער שטעל, אויף שנעל
געבוירן — —

ש אַ ל ק ס נ אַ ר:

ווו איז גימכען, מעכט איך וויסן?
קום, גימכען, זע, ווי אויס דיַין יונגן אָרעם

דײַן מאַן צום מלאך־המוות לויפט! ער איינער
וויל זײַן דער הייליקסטער פון אַלע, קרבן
פאַר אַלע ייִדנקינדער! ווערט ער קדוש —
נון, ווערסטו דען נישט אַן אַלמנה, גימכען?
אַן מאַן, אַן קינד — — און איז עס נישט אַ שאָד,
דאָס איך באַווײַבט בין און באַקינדערט בין.
זונסט מעכט איך, ווען דו בלײַבסט אַלמנהכען, חלילה,
נישט צעגערן חופּה מיט דיר שטעלן על־פּי דין,
און מעג די ייִדנשטאָט די גאַנצע טרײַבן שפּאָט
ווען דו, די אַלערשענסטע, מיך, דעם נאַר,
זיך מאַכט צום מאַן. כאַ־כאַ — כאַ־כאַ — — — אַ שאָד,
דאָס איך קיין בחור בין און נאָך דערצו — דער נאַר פון שטאָט.

ליפּמאַן:

זויגאַר
איצונד מאַכסטו דיך, אַבערל, צו שאַנדן
מיט לערע רייד. דו בײַס די צונג דיר אָפּ
איי׳ דו דעם נאָמען גימכען טוסט דערמאָנען.

שאַלקסנאַר:

איז זי דען הייליק? הייליק איז דאָך נײַערט
איר מאַן. און איך, דער אַ גאַנץ לעבן פלוידערט,
ווער וועט פאַרבאָטן מיר צו פלוידערן איצונדער,
אום אין אַנבליק פון דעם טויט מיך לוסטיק מאַכן?

ליפּמאַן:

(אָפּ, מישט זיך אויס מיטן פאָלק)

דער רב:

(צו אליקומען)
ווי זאָלן מיר באַוויליקן דײַן קרבן?
זאָל דען איינער אומקומען פון וועגן כלל?
איז איין נפש אין ישראל דען נישט שקול
כנגד גאַנץ ישראל?

פאָלק:

ווײ, אײנער זאָל פאַר גאָר דער עדה בלוטן!
ווײ, אַלע פאַר דער שולד פון אײנעם זאָלן בלוטן,
פון אײנעם, דער געוויס נישט אונדזער אײנער!

שאַלקסנאַר:

ווער קאָן עס וויסן? גרײַליך מעג עס זײַן,
דאָס אויך אַ ייד זאָל —

דער רב:

(צום שאַלקסנאַר)

שווײַג! עס וועט קײן ייִד
אַ גאַנצע עדה אין סכּנה שטעלן.

אליקום:

איך וואַרט.

דער רב:

אויף וואָס, ליבהאַרציקער?

אליקום:

אויף אַ רשות
צו רעטן אײַך — דורך מיר —
(שטילקײט).

דער רב:

(מיט אַ געבראָכן קול)
וואָס זאָגסטו, פאָלק?

פאָלק:

אין שטילקײט מעכט איך וואַרטן
ביז מיר באַשײד קומט. רײד, דו מאַן אליקום!
דײַן קול איז מיר ווי שופר־שאַל צו גאָט.

אליקום:

וואָס קוקסטו מיך מיט טרויער־אויגן אָן?
דאָס נפש הינגעבן פאַר דיר, גאָטס פאָלק,
פאַר שוואַכע פרויען און פאַר קינדער — איז עס

קיין פרייד? עס איז די פרייד די אַלערהעכסטע.
איר זאָלט מיך אום מײַן פרייד מקנא־זײַן.

קולות:

— זעט, זעט. ער שטראַלט.
— ישראל, זינג.
— פאַר וואָר, אים איז
דאָס שטאַרבן גרינג.

שאַלקסנאַר:

ער וויל דעם טויט, ווי איך דאָס לעבן וויל.
זײַן ווילן מיר ליב, אויב אים איז ניחא.
איך גין עס אים. ווילסט הייליק זײַן? נון, זײַ עס.
דען ווערסטו הייליק, איז מײַן הילף אַ גיכע.

אליקום:

ענטפער מיר, פאַלק. זאָג: יאָ. האָב איך דען אַנגסט?
זעסטו אַ וואָלקן דען אויף מײַן געזיכט?

פאַלק:

אויף דײַן געזיכט איז שטראַלונג.

גימכען:

(קומט צו לויפן)

אליקום, איז עס וואָר? דו נעמסט די שולד
אויף זיך? און איך?

(פויזע).

אליקום:

אין חלום האָט מיר, גימכען, זיך געוויזן
דײַן פאָטער און מײַן שווער, מײַן ליבער רבי,
און האָט זײַן ברכה מיר געגעבן: טו עס!
אויף דעם האָב איך געוואַרט, דאַרויף געגרייט זיך —
האָט ער געזאָגט. וואָס ווײנסטו, גאָלדן גימכען?
פאַרשטייסטו דען נישט, מײַן גימכען, אַז איך גיב

אַוועק מײַן נפש אויף פֿאַר דיר? ווען כ׳בין זיי מציל —
בין איך דען דיך, מײַן אייגן ווײַב, נישט מציל?
בפרט, אַז איך פֿיר אויס דײַן פֿאָטערס ווילן.
וואָס ווײנט מײַן גימכען און וואָס ווײנט די עדה?
זיי זאָלן זיך דאָך פֿרייען אַלע ביידע.
(צום רב)
געקומען איז דער נס. ער קומט דורך מיר,
ר׳ זאַלקינד. לויט מײַן שווערס באַגער און ברכה.

שאַלקסנאַר:

דאָס איז מיר גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן, גימכען.
זע, אונדזער רעטער איז ער — און אויך דײַנער.
אויך דײַנער! וואָס איז גרעסער דען און פֿײַנער?
אַ גימכען, בילד פֿון גאָט אַליין געמאָלט!
אַ שערבלײַן בין איך צווישן גאָלד און אײַזן:
אײַזן איז ליפּמאַן, און אליקום — גאָלד.

אליקום:

— — — — — די העכסטע
פֿון ערדפֿריידן איז מיר צו טייל געוואָרן —
ס׳האָט זי געשאָנקען מיר די טאָכטער רב עזריאלס.
האָט דען די ערד אַ פֿרייד אַ גרעסערע? און נון
בין איך געקומען צו דער העכסטער פֿון מדרגות
און העכסטער פֿון די פֿריידן — צו דער פֿרייד
פֿון זײַן צו גאָט דעם האַר אַן עולה תּמימה,
מקיים זײַן די הייליקסטע פֿון מיצוות.

ליפּמאַנס קול:

(ערגעץ פֿון פֿאָלק אַרויס)
אויב דו אים ליב האָסט, גימכען — גיי דאָך, גיי
מיט אים אין זײַנע הימלען! און ווען נישט —
קום, שטעל דיך צו מײַן זײַט. איך וועל דיך לערנען
וואָס נישט געלערנט האָט מיט אים דײַן פֿאָטער.

און זיי — זיי אַלע וועל איך לערנען שלאָגן.

דער רב:

פאַלק, דו זאָלסט נישט שלאָגן.
דו זאָלסט ווי זיי נישט זײַן.

פאַלק:

איך זאָל נישט שלאָגן.
איך זאָל ווי זיי נישט זײַן.

דער רב:

עס וועט נאָך טאָגן.
דערווײַל מוז פינצטער זײַן.

פאַלק:

עס וועט נאָך טאָגן.
דערווײַל מוז פינצטער זײַן.

אליקום:

(צום פאַלק)
איך בין דײַן ליכט.

פאַלק:

זאָל איינער דען פאַר גאָר דער עדה בלוטן?

אליקום:

איז בעסער דען פאַרקערט —
דאָס בלוטן זאָל אַן עדה אין ישראל
פון וועגן איינעם בלויז, דער נאָך דערצו
נישט אונדזער איינער איז?
און געשטאַנען וואָלט ר׳ זאַלקינד אַ געגנאַרטער:
עס וואָלט דער וואָרער שולדיקער גערויבט
פון זייער האַנט דאָס שפּילצײַג פון דער קדושה.

ליפּמאַנס קול:

(צום רב)
דער אָרעמער, פאַרריקטער מאַן!

אים גיט אים טויט און לאָזט אײַך איבער לעבן —
און איז עס לעבן דען? דאָך בײַערט שמאַכטונג.

דער רב:

נישט לעסטער! ס'האָט דאָס פאָלק אים צוגעטיילט
פון זײַן אייביקייט. ווילווירדיק איז אליקום
און ס'האָט דאָס פאָלק דאָס רעכט אויף היליקייט
געגעבן אים. ווען נישט — מיר מעכטן אַלע,
אָן צעגערן מיט הויכן שמע־ישראל,
צום טויט גיין, דער אונדז אייביק לעבן גיט.

בישאָף:

(ווײַזט זיך אין געטאָ־טויער)
איך בין צו אײַך פון ריטערטום געשיקט.
האָט איר דעם שולדיקן געפונען, ייִדן?
ווען נישט — דאָ דינט דער בישאָף אײַך מיט ראָט.
זאָל אײַך דער טאָג דער פערטער נישט געפינען דאָ.
מיט קינד־און־קייט אַנטרינט הײַנט נאַכט. ווהין?
צו מיר אין קלויסטער. אונטער אים, זײַט וויסן,
גייען היילן אונטערערדישע, די פירן
אין אַן אַנדער מקום.

דער רב:

גיסטו אים, פאָלק, רשות פאַר דיר צו שטאַרבן?
(שטילקייט).

פאָלק:

(עקסטאַז)
נון פיל איך,
נון ווייס איך באַשייד.
פון זײַן פרייד
דרינגט שײַן אין מײַן פײַן אויף דער ערד.
(צו אליקומען)

ביסט ווערט, אליקום, ביסט ווערט,
מײַן קדוש צו זײַן.

דער רב:

ווי גרויס איז, אליקום, דײַן זכות —

ליפּמאַן:

(שווימט אַרויס ווידער)
———און זאָל דער ווירקליך שולדיקער נון קומען
און זאָגן: איך! איך האָב דאָס בלוט פֿאַרגאָסן!
דאָס וואָלט, פֿאַר וואָר, זיי גרײַליך שווער פֿאַרדראָסן.
אליקום וואָלט געבליבן אָן זײַן מיצווה
פֿון הייליקן דעם שם, אָן קרבן־פֿרייד,
די פֿרייד די אירזיניקע פֿון די שוואַכע,
די־דאָ פֿאַרבײַטן ערד אויף הימל, דען די ערד
איז זיי פֿאַרווערט, איז גרויזאַם זיי פֿאַרווערט.
(צעווײנט זיך שטיל).

אַ קול פֿון צווישן פֿאָלק:

וואָס וויינט דער בישאָף? ווײנען דען די מאַכטפֿולע?

בישאָף:

(ביסלעכווײַז צו זיך קומענדיק)
מיט יאָרן פֿיל צוריק בין איך אַוועק
און ס׳פֿעלט מיר קראַפֿט, מיך אומצוקערן. אָבער
פֿאַרנעם דו, פֿאָלק, און וויס: ס׳האָט דיר געדינט
שטילערהייט דײַן לאַנג אַוועקגעגאַנגען קינד.
כ׳האָב מילדערן געזוכט דעם אַלטן האָס,
אויב וויל כ׳האָב נישט געטאָן דײַן גורל טײלן.
איך ברענג דיר רעטונג, די דײַן אַנגסט וועט היילן.
האָסטו מײַן גוטן אָנבאָט וויל פֿאַרשטאַנען?
דען האָסטו נישט דעם שולדיקן געפֿונען
אָדער ווילסטו אים נישט אויסגעבן — די היילן
וועלן דיך אַוועקפֿירן פֿון דאַנען.

שאַלקסנאַר:

(נייגט זיך פאַר אים)

וואָס מאַכט אַ ייִד אַ גלחז כ׳טו מיך נייגן

דען אָן אַ צלם איז דאָס מאָל דײַן האַנט

און כ׳טו נישט זען דײַן גאָט פאַר מײַנע אויגן.

בישאָף:

אויף ענטפער וואַרט איך, פאַלק. ס׳איז קורץ די צײַט.

אליקום:

געפונען איז דער שולדיקער! איך בין עס!

בישאָף:

דו? ניין. איך גלייב נישט. ס׳גייט פון דיר אַ ליכט.

ביסט ווי אויס ריין פּרוכת־סאַמעט. דײַן האַנט —

די האָט דעם שטיין געשלײַדערט?

(פּויזע)

איך פאַרשטיי.

דער בלייכער דאָ גייט פרײַוויליק צום טויט,

אום אײַך צו רעטן. נישט באַשערט איז מיר,

דעם אָפּטריניקן, אײַך צו רעטן און מיט טוי

פון גוטער טוונג קילן

אָן אַלטע בראַנדווונד די מיר אייביק ווײ טוט.

ליפּמאַן:

דאָס אַלעס איז צו הייליק פאַר מײַן גומען,

נישט צום אַראָפּשלינגען.

דער רב:

(גייט־צו צו אליקומען, רעדט מיט אים שטיל)

הקדוש ר׳ אליקום רופט דאָס פאַלק.

אין אַלטשול וועט מען די צוואה שרײַבן.

פאַלק:

———אין אַלטשול וועט מען די צוואה שרײַבן.

דער קדוש ר׳ אליקום רופט אין שול.

בישאָף:

ווײ, מיטגיין קאָן איך נישט מיט זיי. איך בין
אַ זעל, די פון איר שבט איז פאַרשניטן.
די שול איז צו באַטרעטן מיר פאַרווערט.
קלויסטער אָדער שול? איך שטיי אין מיטן.

אליקום:

מײַן גימכען־ליב, קום מיט!

גימכען:

(פאַרצווייפלט)

גיי, שרײַב דיר דײַן צוואָה.
זאָל איך אין ווײַבערשול מיך שטעלן הערן
ווי דו צוואָות שרײַבסט? איך קאָן נישט גיין.
דאָ בלײַב איך שטיין אין מײַן געוויין, ביז ווערן
וועל איך צו שטיין, צו שטומען שטיין —

ליפּמאַן:

יאָ, בלײַב דאָ. קאָן דען מן פון הימל דיר פאַרבײַטן
אַ מאַן? איך מעכט דיר עפּעס זאָגן, גימכען.

שאַלקסנאַר:

און איך בלײַב אויך.

ליפּמאַן:

ווער ברויך דיך, נאַר, צו האָבן?

דער רב:

קומט, קומט! מיר וועלן די צוואָה שרײַבן!

פּאַלק:

(חזרט איבער; ערפּאַרכט; געהויבנקייט)

מיר וועלן די צוואָה שרײַבן. קומט!

(פּאַלק, מיט אליקום און רב בראש, אָפּ. עס בלײַבן: בישאָף, ליפּמאַן, גימכען און שאַלקסנאַר).

בישאָף:

(אויף קײנעם נישט קוקנדיק)

די שול איז צו באַטרעטן דיר פֿאַרווערט.
און רעטן זיי — נישט דיר איז עס באַשערט.
און אַלטע שוועלן רופֿן. אייביק וועלן
די אַלטע שוועלן רופֿן. און אין קלויסטער
וועט שטיין אַ ייִד, אַ גרייַזער ייִד, אַ בישאָף,
און אויפֿן זינען וועלן פּסוקים אים אַרויף,
און אַלטשול וועט פֿון ייִדנשטאָט אים ווינקען,
און טויבן וועלן אים צו חלום קומען,
די אונטער אַלטע אַלטשול־פֿענצטער נעסטן,
און פֿרי באַגינען טויבן־תּפֿילות זאָגן
און אָוונטס שטילע טויבן־קריאת־שמע ברומען.
(פּויזע)
וואָס שטייסטו, בישאָף? גיי, די לייַטן וואַרטן.
גיי זאָג: עס איז דער שולדיקער געפֿונען.
גיי זאָג: דער מערדער איז אַ ייִד אליקום.
אַ מערדער, דער אַ פֿליג נישט טויטן קאָן.
דער הייליקער איז בלוטהונט, מערדער, טויטער,
און יענער מאַן פֿון שווערד, דער ריטער, איז
אַ קרבן, שולדגלאָז און לויטער——

שאַלקסנאַר:
(שטייט אָן אַ זייַט)
אַ ייִד אַ כּומר מוז געוויס, ווען קיינער זעט עס,
שמונה־עשׂרה שטיין. ווער קאָן עס דען פֿאַרשטיין?
מיך צינקט, עס קאָן נישט גאָט אַליין באַנעמען
דעם סוד פֿון פֿאָלק זייַנעם, דעם פֿאָלק ישׂראל — ניין.

גימכען:
דו האָסט געזאָלט מיר עפּעס זאָגן, ליפּמאַן.

ליפּמאַן:
געוויס. איך וויל דיר זאָגן: צייַט, שוין צייַט!

אליקום גייט צום טויט. דײַן תּקיעת־כּף
איז תּקיעת־כּף נישט מער. אליקום האָט באַפרײַט,
אַליין באַפרײַט דיך. קום, באַנײַ די ליבשאַפט.
איך בין דער מאַן, דער דיך מיט קראַפט באַשיצט.
בין דונער און אויך רעגן מעכט איך זײַן,
דער דאָך באַפרוכפּערט. זעסט נישט ווי עס בליצט,
מײַן אויג צו דיר?
(שטילקייט).

גימכען:

(פון טרערן אַרויס)
האָב ליב געהאַט דיך, ליפּמאַן,
דאָך ׳צינדערט טאָר איך נישט. זאָל איך פאַרשוועכן
דעם הייליקן אליקומס אָנדענק? זאָל
די תּקיעת־כּף זײַן תּקיעת־כּף אויף אייביק.
דען אויף זײַן טויט האָסטו געוואַרט, און נון,
זײַן טויט איז אַנדערש ווי די טויטן אַלע —
און אַנדערש מוז אויך איך זײַן. בין געצוווּנגען
אַנדערש צו זײַן.

ליפּמאַן:

דו נאַריש פרויענצימער!

שאַלקסנאַר:

נון וועל איך דיר מײַן וואָרט זאָגן, שיין גימכען.
דו קאָנסט נישט וויסן — איך בלויז איינער ווייס
ווי גאָר דו ביסט גערעכט. נון גיב מיר ענטפער,
ליפּמאַן: הרצחת וגם ירשת?

גימכען:

וואָס רעדסטו לשון־קודש? איך פאַרשטיי נישט.

שאַלקסנאַר:

זאָלסט נישט פאַרשטיין. ס׳איז גאָרנישט. ס׳איז אַ פּסוק,

(צו ליפּמאַנען; העכער נאָך און שטאַרקער)
הרצחת וגם ירשת? דו פאַרשטייסט דאָך —
נישט וואָר? האָסט דאָך אַ מאָל געלערנט פּסוק.

גימכען:
וואָס שטיי איך דאָ? איך האָב חרטה, ליפּמאַן,
דאָס איך געבליבן בין מיט דיר. איך לויף.
איך מוז אין אַלטשול איילן, זיין מיט אַלע,
אליקומען צו זען, צו הערן מיין אליקום.
פאַרגעס אין מיר. פאַרגעס אויף אייביק, ליפּמאַן!
(האָסטיק אָפּ).

ליפּמאַן:
(נאָך אַ שטילקייט פון טראַכטונג)
זאָל איך נון אויסזאָגן מיין סוד, דו קלוגער נאַר?

שאַלקסנאַר:
נקמה האָסטו אין דעם גוי גענומען —
זאָלסטו נקמה נעמען אויך אין אים,
אין אליקומען, אים צורויבן זיין קידוש־
השם? — — איך לויף. לויף איך. אין אַלטשול לויף איך.
(אָפּ. עס בלייבן: בישאָף און ליפּמאַן).

בישאָף:
נקמה אין אַ גוי גענומען? דו?
ביסט דו דער שולדיקער?

ליפּמאַן:
יאָ, איך. גענומען
נקמה פאַר מיין פאָלק.

בישאָף:
איז דאָס נקמה?

ליפּמאַן:
נישט דו זאָלסט מוסר זאָגן?

ב י ש אָ ף:

איך זאָג קיין מוסר נישט. טו נײַערט פרעגן.

ל י פּ מ אַ ן:

ווען הבל אייביק הבל בלײַבט, דאָ טוט ער
בלויז מערן קינס.
(שטילקייט).

ב י ש אָ ף:

ס׳הויערט אויף דיר טרויער.

ל י פּ מ אַ ן:

איך בלײַב מיט גאָרנישט, גאָרנישט — און דערצו
פּײַניקט דער טויט פון אָרעמען אליקום.
ער וועט אומקומען פון וועגן מיר —
און אייביק וועט ער שוועבן פאַר מײַן פּנים.
ווי קויף איך אויס מײַן זינד? איך האָב גערופן
די הבלס קעגנשטעלן זיך די קינס —
איז ער נישט הבל? בין איך נישט זײַן קין?

ב י ש אָ ף:

ווי ווײ דײַן טרויער טוט מיר. כ׳וועל פאַר דיר
גיין בעטן גאָט. אין קלויסטער מוז איך בעטן
פאַר דיר דעם אַלטן ייִדנגאָט. אַז ווײ.
(אָפּ).

(פון יענער זײַט מויער, פון דעם זונות־פּערטל, נאָענט צו דער ייִדנשטאָט — אין מיטל־עלטער פלעגט מען, צו דערנידעריקן ייִדן, אויפשטעלן זונות־פּערטלען נישט ווײַט פון די געטאָס — קומט טאַנצנדיק אָן די לוסטפרוי, וואַרפט מיט האָר און הענט, זינגט הייזעריק. פאַרשײַט).

ל ו ס ט פ ר ו י:

איך בין די פרוי, די לוסטיק־פרוי —
האָט איר מיך וויל פאַרשטאַנען?
איי, קומט דאָך, נעמט

און רײַסט מײַן העמד.
איך רוף צו לוסט די מאַנען.

איך בין די פרוי; די לוסטיק־פרוי —
דאָס טוט גאָר פיל באַדײַטן.
מײַן ברוסט די ברענט —
און פול די לענד.
איך רוף צו פרייד די לײַטן.

איך בין פאַר יונג, איך בין פאַר אַלט,
איך בין דאָס קינד פון פריידן.
אַ קריסט, אַ ייִד —
קיין אונטערשיד:
איך דין זיי אַלעביידן.

ליפּמאַן:

זאָל איך צו איר דען גיין? ס'טוט גימכען מיך פאַרטרײַבן
מיט איר כּשרות צו דער שיקסעס לײַב.
דאָך ניין. מײַן טרויער איז צו שווער. ווי זאָל איך
לוסטיק מאַכן אַזאַ עלנד פיך?
(יאָגט פון זיך די לוסטפרוי).

לוסטפרוי:

וואָס טרײַבסטו מיך? איך האָב געמיינט —

ליפּמאַן:

צום טײַוול!

לוסטפרוי:

(שפּײַט אויס אַ דערצאָרנטע)
טפוי, יעזוס־מערדער קרעציקער! טפוי, טפוי!
(אָפּ. ליפּמאַן שטייט ווי פאַרשטיינערט).

(פאָרהאַנג)

אהרן צייטלין

דריטער אַקט

תּפיסה־קאַמער אין אַ מיטל־עלטערלעכער פעסטונג. אליקום — אין קייטן, אין העמד פון אַ פאַרמישפּטן. די טיר פון קאַמער ווערט אויפ־געשלאָסן. ס׳קומט אַרײַן דער תּפיסה־וועכטער.

תּפיסה־וועכטער:

(קלינגט מיט די שליסלען)

איך ברענג דיר, מערדער־ייִד, אַ גוטע קונד.
אין נאָמען פון קריסטן־ליבע האָט דער בישאָף,
אונדזער קירכענהאַר, געטאָן זיך מיִען
פון וועגן דיר אַ גרויסע מיִונג. ווייס:
באַוויליקט איז געוואָרן אויפצושליסן
דעם לעצטן טאָג די קאַמערטיר און זאָלן
אַרײַן די דײַניקע דיך זען צום לעצטן מאָל.
דו טײַוולזון.
(אָפּ).

אליקום:

מײַן לעצטער טאָג אויף ערדן.
ענגל ציִען שאַרנווײַז און יובלען.
די פליגל העל אין הימלטוי געוואַשן.
עס גייט געזאַנג דורך הימלצעלטן אַלע.
עס וואַרט רבי עזריאל. אַ ווי שטראַלט זײַן שמייכל!
שוין פיל איך, ווי די שכינה אונדזער מוטער
זיך נייגט אין לײַטזעליקער ליבע איבער
מײַן קאָפּ, דער פאַלן וועט און פאַלן וויל
פון וועגן קודשא־בריך־הוא און ישׂראל.
איך וועל מיך ווײַדן אין דער גוטער ווײַד

און בײַ די װאַסערן פֿון מנוחות רוען
און זיכער איז מײַן לױנונג.

ד ע ר ר ב:

(קומט אַרײַן, באַגלײט פֿון חשובֿים; שטיל
און ייראת־הרוממותדיק)
װען דו קומסט
אַרױף, בעט רחמים בײַ דעם מלך־המשיח,
עס זאָלן אױפֿגײן העלפֿערס צו דעם באַרג פֿון ציון
און אין ירושלים בלאַנקען זאָל זײַן קרױן
במהרה בימינו. ביסט װי יצחק,
װאָס איז געבונדן ׳װאָרן אױף דעם באַרג מוריה
פֿאַר אַ גאַנץ־אָפּער, און זאָל בן־דוד
זיך מיִען פֿאַר די אָרעמע ישׂראל,
דאָס פֿון װעגן דיר זאָל זײַן דערלײזונג
צום רעשטל פֿון אַבֿרהמס קינדער, אָמן.

א ל י ק ו ם:

פֿאַרהוילן אין קן־ציפּור איז בן־דוד.
דאָך ש נ ת ג א ו ל י באה שטײט. ס׳איז ש נ ת ג א ו ל י
אַ יעדעס יאָר. די אתאערותא, רבי,
איז שטענדיקליך.

ד ע ר ר ב:

דו זעלבער ביסט אַ טײל
פֿון שנת גאולי. איך פֿאַרשטײ, פֿאַרשטײ.

א ל י ק ו ם:

בישיבה של־מעלה און של־מטה, רבי,
ייִדן א ו נ ט ן גלײַך אַז ייִדן א ױ ב ן —
מיר אַלע זאָלן אַלע צײַט זיך מיִען,
משיח־ליכט צו ממשיך זײַן אױף ציון,
בן־דודס גאַנג צו אונדז פֿאַרקירצן.

דער רב און די חשובים:

(חזרן ערפּאַרכטיק איבער)

— — מיר אַלע זאָלן אַלע צײַט זיך מיִען,

משיח־ליכט צו ממשיך זײַן אויף ציון,

בן־דודס גאַנג צו אונדז פאַרקירצן. אָמן,

אָמן סלה — —

(רב און חשובים טרעטן צוריקוועגס — מיטן פּנים

צו אליקומען. שטיל אָפּ).

גימכען:

(קומט אַרײַן, שטייט אָן וואָרט ווי אַ פאַרשולדיקטע,

דערוועגט זיך נישט די אויגן אויפצוהייבן).

אליקום:

דערנענטער דיך, מײַן גימכען. הייב דײַן קאָפּ

און זאָלן טרעפן זיך די אויגן אונדזערע

און זיך געזעגענען.

גימכען:

(הייבט אויף דעם קאָפּ; שטיל — נאָך אַ שווײַגן)

אויב ווייי האָב איך געטאָן — זײַ מוֹחל. זײַ מיר מוֹחל,

אליקום.

אליקום:

מיר האָט דײַן פאָטער, המקובל ר׳ עזריאל,

געגעבן דיך, מײַן טײַער קינד, כּדי

דורך זיווג, פול כּוונות און יִחודים,

פון איין מדרגה צו דער צווייטער גרייכן.

דאַרום האָט ער גענומען פאַר זײַן פּטירה

דײַן תּקיעת־כּף.

זײַן תּלמיד און זײַן איידעם

טוט זײַן צוואָה אויספירן: דורך העכסטער

פון מדרגות — פרייד פון הייליקן גאָטס נאָמען —

די גאולה צו דערנענען.

אַ ניצוץ פון משיח זון פון יוסף,
דער פֿאַלן טוט אין שלאַכט מיט עשׂוס קליפּות,
טוט אויפבליצן אין יעדן דור, מאַכט קירצער
דעם וועג אַהערצו פון משיח, זון פון דוד.
(שטילקייט)
איך וויל די הענט דיר לייגן אויפן קאָפּ
און בענטשן דיך. נעם צו די ברכות מײַנע.
(לייגט אַרויף איר קאָפּ בלאַס־לײַכטנדיקע
הענט, מורמלט בענטשונגען; דערנאָך:)
פון דײַן תּקיעת־כּף ביסטו באַפרײַט.
נון גיי, מײַן גימכען, נאָך מײַן טויט און נעם דיר
אַ מאַן, דער ר׳ עזריאלן איז ווערט,
און קינדער און קינדסקינדער זאָלסטו האָבן,
און זאָג מיר צו, דאָס דו נישט טרויערן וועסט.

גימכען:

אליקום, זאָג מיר צו, דאָס נישט אַוועקנעמען
וועסטו די אויגן דײַנע פון דײַן מאַגד
און דאָס איר צוויי, דער פֿאָטער מײַן און דו,
מיך שיצן וועט פון אײַער זיץ אין הימל.
זאָגסטו עס צו, דאָ זאָג איך צו אויך דיר
צו זײַן אַ מוטער אין ישׂראל. טוט מיר העלפן ביידע
פון אײַער הויכן זיץ אַ מאַן דאָ אונטן
צו געפינען אַ ירא־שמים,
און גיב מירדו אויף דעם אַ תּקיעת־כּף,
אליקום.

אליקום:

(גיט איר תּקיעת־כּף, קושט איר אויפן שטערן.
גימכען וויינט)
האָסט צוגעזאָגט: נישט וויינען וועסטו, גימכען.

גימכען:

איך ווין דען? טרערן פרעגן נישט בײַ מיר:
די טרערן טוען פון אַליין זיך גיסן.
דאָך וועל איך פּרוּוון זיי אין האַרץ פאַרשליסן
און ביז צום לעצטן אָטעם טאָן געדענקען
די ברכות, די דו האָסט מיט דײַנע הענט
געלייגט מיר אויפן קאָפּ.

(קוקן איינס אויף ס׳אַנדערע אָן ווערטער. גימכען פאַלט פאַר אים; ער הייבט זי אויף. זי קוקט אים אָן צום לעצטן מאָל, גייט אַרויס האַסטיק. ס׳פאַלט אַרײַן דער שאַלקסנאַר).

שאַלקסנאַר:

געלאָזן האָב איך דרויסן אים, דעם נאַרן.
די דומע גלעקלײַן טו איך נישט באַוועגן.
איך טרעט קוים־קוים
און אָטעם אָן אַן אָטעם.
(צו אליקומען)
וויל דיך נײַערט בעטן
רשות אַ קוש צו טאָן דײַן בגדס זוים,
אויבוויל עס איז קיין בגד, זונדערן קליידונג
פון אַ תּפוס, דער צום גאַלגן גייט.
(קושט דעם זוים פון זײַן תּפיסה־העמד).

(עס קומען אַרײַן ליפּמאַן און דער בישאָף. ליפּמאַן שווײַגט; וואַרפט אַ פינצטערן בליק אויפן שאַלקסנאַר. שאַלקסנאַר אָפּ).

בישאָף:

שטיל... שטיל... די צעל אליקומס איז געבעטהויז...
אין ווינקל מעכט איך שטיין און מיך פאַרוואַנדלען
אין פור געבעט, אין טוי פון קינדער־יאָרן,
אין טיפן טרוים, אין ווײַטע טעג, די איך

אין ייִדנשטאָט פאַרבראַכט, אַ ייִדיש קינד
מיט חומשדיקע אויגן.
(שטילקייט).

ד ע ר ה ע נ ק ע ר:

(ווײַסט זיך אַרײַן; אין רויטער טראַכט; נאָך אים
משרתים זײַנע; פון דרויסן דערטראָגט זיך דעמפּיק גערויש
פון אַ קריסטן־המון, וואָס וואַרט אויף דעם ייִדס עקזעקוציע)
נון, שנעלער, שנעל!
(דערזעט דעם בישאָף)
וואָס טוט דער בישאָף דאָ?

ב י ש אָ ף:

(פאַרלירט זיך נישט)
האָב אים געטויפט, באַשפּרענגט מיט הייליק וואַסער.
ער האָט דעם קרוציפיקס געקושט. אים קומט
נײַערט געקעפּט צו ווערן, נישט געראַדערט
און נישט געפערטלט. בין געקומען מעלדן.

ד ע ר ה ע נ ק ע ר:

דאָך ווו איז, פּאַטער,
אין דײַן האַנט דער קרוציפיקס?

ב י ש אָ ף:

געטויפט שוין נעכטן
דעם פאַרדאַמטן.

ד ע ר ה ע נ ק ע ר:

נון, איך וועל דעם ייִד דאָ
מיט קריסטנגנאָד אַרונטערהאַקן בלויז
דעם שווײַנענקאָפּ.

ל י פּ מ אַ ן:

די קריסטנגנאָד איז גרויס.
נעם מ י ך צום גאַלגן, גנאָדנפולער הענקער!
זאָל דיר קיין ווונדער זײַן. איך טו דיר מעלדן און דו מעלד

צו אַלע דרויסן, דאָס דער ווירקליך שולדיקער
בין איך. איך האָב געטויט דעם פּרעכן ריטער,
האָב גוט געצילט און האָב מיט שטאַרקער האַנט,
דער האַנט פון ליפּמאַן שמיד, דעם שטיין געשליַדערט,
דען פון מיַין פאָלק האָט ער געטריבן שפּאָט.

אליקום:

דו, ליפּמאַן? נו, קיין אונטערשיד. עס ווערט
די פרייד פון הייליקן גאָטס נאָמען נישט געמינערט.

ליפּמאַן:

(וואַרפט זיך אויפן הענקער)

אַ פלוך צו יענעם ריטער־שוויַין! אַ פלוך
צו אַלע, די איר אונדז די וועלט פאַרשטעלט,
אַ פלוך צו דיר, דו הענקעריונג! אַ פלוך
צו ייִדן־הענקער! זיַיט פאַרפלוכט, פאַרפלוכט
אויף אַלע אייביקייטן! ליפּמאַן שמיד, דער ייִד,
שפּיַיט אין געזיכט דיר דעם געפּאָקטן, שפּיַיט
אויף דיר און אַלע דורות איַיערע, איר הענקערס,
די געוועזן און די נאָך קומען וועלן.
איך שפּיַי אויף דיר, אויף זיי און אויף די מערדערס,
די דרויסן זיך פאַרזאַמלט האָבן, מערדער
אין נאָמען פון אַ ייִד, דער פון די גויִים
געמערדערט 'וואָרן. נו, וואָס שטייסטו, הענקער?
(שפּיַיט אים אין פּנים אַריַין. הענקער — פון איבעראַשונג —
פאַרלוירן אַ רגע. בישאָף גנבעט זיך אַרויס אומבאַמערקט,
אַ געבויגענער)
דו ביסט פאַרנאַרט? איך בין באַרייט. איך גיי.
קאָנסט נישט אַראָפּוואַשן מיט ייִדנבלוט מיַין שפּיַי
אויף דיר, דו מערדער, און אויף אַלע זיי.

דער הענקער:

(לאָזט אים בינדן; צו די באַדינערס)

די טײַוולקינדער! ווער פון בײדע איז
דער גרעסערער פֿאַרברעכער — דאָס איז נישט
מײַן זאַך צו פֿאָרשטן. ב ײ ד ע וועל איך זײ
שינדן, רעדערן, פֿערטלען. דען די צוויי —
זענען זײ נישט דאָס זעלבע טײַוולסקויט?
(צו אליקומען)
ביסט געטויפֿט. עס זאָגט אַזוי דער בישאָף.
געזעץ און ברויך
פֿאָדערן, דאָס איך דיך בלויז קעפּן זאָל.
דאָך טאָן וועל איך דאָס זעלבע צו דיר אויך,
גלײַך צו דעם פֿלוכער דאָ, דער האָט געוואַגט
דאָס קריסטנטום צו פֿלוכן און צו שפּײַען
אַ הענקער אַן ערלעכן, אַ קריסט אַ גוטן,
אין געזיכט.

אליקום:
בין ייִד. בין נ י ש ט געטויפֿט.
שינד פֿאַסן, רעדער, פֿערטל, טו דײַן זאַך.
מיר בײדע זענען קינדער פֿון איין גאָט.

דער הענקער:
בישאָף!
(זוכט, געפֿינט אים נישט)
איז׳ס מעגליך? האָט ער דען גענאַרט
אַ קריסט אַן ערלעכן, אַ הענקער אַ גענײטן?
זאָל וואָר זײַן דאָס גערייד, דאָס ער פֿאַרמאָגט
אַ ייִדס געמיינע פּינצטערע געבליטן?
נון קומט, באַדינערס! שלעפּט זײ! ס׳וואַרט דאָס פֿאָלק
אין אונגעדולד. מיר וועלן זײ נישט צערטלען,
כאַ־כאַ... מיר וועלן בײדע זײ בײַזאַם
רעדערן, רעדערן, רעדערן — און פֿערטלען.

די סצענע ווערט פאַרוואַנדלט.

נאַכט. געטאָ־טויער. וועכטער און שאַלקסנאַר.

וועכטער:

מכולה איז די וועלט, מכולה.
שיץ אונדז, רבונו דעלמא כולא!
גיב פריד צו גרויסע און צו קליינע.
כן י־תן
לידידו שינה.

שאַלקסנאַר:

אַ גאָט מיטן אַלערגרעסטן גימל,
ס'איזביידן זיי דער זעלבער ייִדנטויט באַשערט!
ווו איז אליקומס הימל —
און ווו איז ליפּמאַנס ערד?
(גייט הין און צוריק)
ייִדנקינדער צום פאַרלענדן ברויכן זיי, די קינדער אדום,
און דו — דו שטעלסט זיי צו עקידת־ייִד.
אַ ייִד אַזאַ, אַ ייִד אַן אַנדערער — קיין אונטערשיד.
דו טראָגסט די שולד, דען אַלע, אַלע פּעדעם
פירן דאָך צו דיר... ביסט גאָט — ס'איז דײַן אַחריות!
און אפשר... ווייס איך דען?
(שטעלט זיך אָפּ)
גאָר ווילד, גאָר נײַ איז
דער געדאַנק... ביסט טרויערפול ווי איך, דער נאַר.
ווען יאָ — דאָ טו מיר מוחל זײַן, אָ האַר,
און לאַך מיט מיר באַגלײַך. ווי מעגן מיר פאַרשווײַכן
מיט טרערן־וואַסער זייער טויט? מיר וועלן לאַכן — —
כאַ־כאַ, כאַ־כאַ! לאַך, וועלטנהאַר, נישט וויין!
זאָל אדום טיפער, טיפער קריכן אין פאַרברעכן,
און מיר, דו אויבן, איך דאָ אונטן —ביידע זענען מיר אַליין,

און איבער אַלע, אַלע, אַלע זאַכן
זאָל זײַן געלאַכט, זאָל זײַן געלאַכט, געלאַכט!

וועכטער:

(נאָך אַ שטילשווײַגן)

אַ בשׂר־ודם — ווי קאָן ער גאָר זיך מישן
אין בוראס טוונג? נישט ער ווײנט און נישט ער לאַכט,
דער שומר־ישׂראל... ניין, ער וואַכט, ער וואַכט...
הנה לא ינום... לא ינום ולא ישן...

(סוף)

אסתרקע

באַטייליקטע לויטן סדר פון זייער אויפטריט

ספיטעק — אַ שררה
סוביווילק — קאַנצלער
וויעזשינעק — קראָקעווער ראַטהאַר
קאַזימיר — קעניג
באַריטשקאַ — גלח
אַדעלאַידאַ — קעניגין
קאַכאַן — שלאַסוועכטער
מאַטשקאַ באַרקאַוויטש — וואַיעוואָדע
יאַדוויגאַ — פירשטין
לעווקאַ — דעם קעניגס יִדישער צאַלמאַנער
רב
ייִדן
אסתרקע
נצחיאל — דער אייביקער ייִד
פאַסטעכל — גנאָם־געשטאַלט

זקנדל — צווייטער גנאָם־געשטאַלט
גאַוואַרעק — שלאָסוועכטער
זוואַנקאַ — קאַכמויד
קאַך
ריטער
לעך — ריטער פון באַרקאַוויטשעס סוויטע
דער ייִד מיטן זעקל
דער גײַסט פון אסתרקעס טאַטן
לאַקיעטעק — קעניג, גײַסט
באַרקאַוויטשעס לײַט
אַן אַלטער ריטער
משוגענער
ירוחם
פריץ
מיצקעוויטש

אסתרקע

ערשטער אַקט

ריטערזאַל אין קעניג קאַזימירס שלאָס. בישאָף יאַן סוכיווילק — דער קאַנצלער. וויעזשינעק — קראָקעווער ראַטהאַר, שאַמבעלאַן. ספּיטעק פון מעלשטין — אַ שׂררה.

ספּיטעק:

זיי האָבן ווידער פאַרן פויפּסט אין אַוויניאָן
פאַרמסרט פוילן.

סוכיווילק:

די לײַט פון קרייץ־אָרדן? די דײַטשלענדער?

ספּיטעק:

יאָ, זיי! ווען לאַנג נאָך ראָסטן אין איר שייד
די שווערד לאָקיעטעקס?

סוכיווילק:

לאָקיעטעק האָט געפונען פוילן אויפן שלאַכטפעלד,
זי אַ נאַקעטע אַהיימגעטראָגן,
צוגעדעקט מיט בלויזער שווערד.
אָרעם געווען די היים —
פון האָלץ אַ כאַטע, שטרוי דער דאַך.
מוז איצט קאַזימיר

אין אַ געמויערט אָרעמהויז אַרייַנזעצן
זייַן טאַטנס פּוילן.
ספּיטעק:
צו וואָס זיך אייביק לאָדן מיט די שונאים
פֿאַרן שטול דעם הייליקן פֿון פּויפּסט?
איז די שווערד לאָקיעטעקס נישט דער בעסטער ענטפֿער?
סוכיווילק:
רו דאַרף איצט פּוילן אויף צו ווערן גרויס.
און רעכט באַדאַרף עס.
וויעזשינעק:
כיטרע זענען פּוילנס שונאים —
זאָל באַזיגן זיי נישט שווערד, נאָר כיטרעקייט.
צו קליין די פּייַנט, צו גרויס דאָס לאַנד
אין שאָטן פֿון קאַזימירס האַנט.
נישט מלחמות דאַרפֿן מיר אַצינד.
ווילזייַן דאַרף מען — שטעט באַפֿעלקערן —
דוקאַטן — האַנדל.
סוכיווילק:
און געזעץ, וויעזשינעק.
ספּיטעק:
גאָלד און האַנדל לאָזט לעווקאָן איבער,
דעם קעניגס ייִד. און רעכט איז איינס נאָר דאָ:
דאָס ריטעררעכט.
סוכיווילק:
די זון פֿון רעכט מוז לייַכטן גלייַך פֿאַר אַלע.
ספּיטעק:
אויך פֿאַר קנעכט און ייִד?
סוכיווילק:
געזעצן דאַרפֿן מיר געשריבענע. סטאַטוטן גלייַכע
פֿאַר אַלע לענדער פּוילנס.

ספּיטעק:

נישט געהערט אַזױנס! זײַן רעכט
האָט איטלעך לאַנד אין פּױלן און זײַן רעכט
האָט יעדער ריטער.

װיִעזשינעק:

ספּיטעק, דאָס איז שלעכט
עס זאָגט דאָס דיר דעם קעניגס שאַמבעלאַן.

ספּיטעק:

װי געװען — אַזױ מוז בלײַבן.

סוכיװילק:

ס׳װעט נישט בלײַבן.
װען אַלע װעלן גלײַך זײַן פֿאַר דעם קעניגס טראָן,
װעט פּױלן װערן פּױלן. און אַז נישט —
האָבן מיר נישט פּױלן, נײַערט פּױלנס.

װיִעזשינעק:

קלוגע װערטער, בישאָף יאַן.
ס׳װעט קלינגען אין די קאַסטנס גאָלדענע מטבעות,
װײַל געזעץ איז גאָלד. און װאָס מאַכט גאָלד?
שטעלט טורעמס אױף, בױט פֿעסטונגשטעט — װאָס נישט?

ספּיטעק:

קראָקעװער ראָטהאַר, שאַמבעלאַן דעם קעניגס,
עס חלומט זיך דיר גאָלד. נאָר מיר, די ריטערס,
מיר דאַרפֿן אײַזן, דאַרפֿן שװערד, נישט קלוגן אָפּמאַך
און כיטרע לאָדעניש. בלױז שלאַכט מאַכט שטאַרק אַ לאַנד
און שלאַכט פֿאַרהיט עס. נאָך אַ זאַך: איך הער,
אַז די ריטערס קלײַבן זיך אַהער —
מע גײט אַראָפּברענגען די קעניגין, אַ טומל מאַכן,
און די קירך העלפֿט מיט. באַצײַטנס פֿרײט זיך
דאָס האַרץ פֿון די טעװטאָנען. אַלע אױף להכעיס
דאַרף זיך איבערבעטן מיטן װײַב קאַזימיר.

נאָך וואָס די שונאים שטאַרקן?

קאַזימיר:

(קומט אָן. אַלע נייגן די קעפּ).

ספּיטעק:

קליין זענען די פּײַנט און גרויס איז פּוילנס קרול*.

קאַזימיר:

וואָס חנפעסטו?

ספּיטעק:

ביסט גרויס, האָב איך געזאָגט, און דאָס איז וואָר.
נאָר צו פיל מײַדסטו אויס מלחמה — דאָס איז אויך וואָר.

קאַזימיר:

ס'איז אַ לאַנד מיר אָנפּאַרטרויט, לאָקיעטעקס אַרב.
שליס איך אָפּמאַכן, טו מערן שפע,
בוי און מויער. אויפגיין זאָל אין שלום
דעם פּויערס מי. און זאָל אָן שטראָף נישט בלײַבן
דער אומגערעכטער.

סוכיווילק:

גליקלעך בין איך דיר צו העלפן.
און שטעלט זיך דיר אַנטקעגן ריטערשאַפט, צי קירך —
שטעל איך זיך אַנטקעגן די, וואָס שטעלן זיך אַנטקעגן.
שטאַרק זײַן מוז קאַזימיר, פּוילנס קעניג.

קאַזימיר:

שטאַרק זײַן מוז קאַזימיר, פּוילנס קעניג.
נאָר ס'איז פאַראַן אַן אַנדערער קאַזימיר,
און יענער וויל אויך גליק פאַר זיך אַליין.

וויעזשינעק:

האָט דען אַ קעניג רעכט אויף אייגן גליק?

---

* קרול = קעניג; מלך.

סוכיווילק:

עס האָט דײַן וואָרט אָט ערשט אַזוי געלויכטן —
פאַרוואָלקן נישט דאָס וואָרט דײַנס.

ספּיטעק:

וויל מען גליק פאַר פּוילן —
מוז מען אייגן גליק פאַרגעסן. ס׳מוז אַ הערשער
זיך שלאָגן. לאַנג קיין קריג שוין נישט געווען.
איז גוט דעם כלאָפּ, ער אַקערט און ער זייט,
און אַ כלאָפּעס־קעניג ווערט דער זון לאָקיעטעקס,
פּירט אין שלאַכט אונדז נישט.

דער גלח באַריטשקאַ:

(ווײַזט זיך מיט אַ קרוציפיקס אין האַנט).

ספּיטעק:

פאָטער באַריטשקאַ גייט!

באַריטשקאַ:

ניעך בענדזשיע פּאָכוואַלאָני!*

אַלע:

אין אַלע אייביקייטן, אָמען.

באַריטשקאַ:

אין נאָמען פון דעם קעניג איבער קעניגן,
פון קריסטוס דעם געקרייציקטן.

קאַזימיר:

וואָס ברענגסט דיך אויף מײַן שוועל?

באַריטשקאַ:

דײַן שלעכטיקייט.

קאַזימיר:

ווי רעדסטו צו דײַן האַר?

---

* געלויבט זאָל זײַן (יעזוס).

באַריטשקאַ:

דער האַר מײַנער איז דער, וואָס הענגט דאָ אויפֿן קרייץ.

קאַזימיר:

וואָס ווילסטו?

באַריטשקאַ:

ס׳וואַרנט דיך דורך מיר, זײַן יונגן קנעכט,

באַדזאַנטאַ, פּאַטער פֿון דער קירך.

קאַזימיר:

וואָס קומט ער נישט אַליין?

באַריטשקאַ:

האָסט אים באַליידיקט.

קאַזימיר:

קומט מיך דערפֿאַר באַליידיקן זײַן שליח?

באַריטשקאַ:

הייסט דאָס באַליידיקט, ווען איך זאָג: עס איז מײַן האַר

נישט דו, נאָר דער געקרייציקטער? דײַן נאָמען

דונערט איבער ווענגערלאַנד און רוס.

ווי גרויס דײַן ערשאַפּט איז און קלוגשאַפּט — גרעסער

זײַנען דײַנע זינד. דעריבער גייט

ס׳וואָרט פֿון גאָטס צאָרן קעגן דיר. ס׳איז פֿאַרן קלויסטער

נישט פֿאַרהוילן, אַז צו פֿרעמדע ווײַבער

גיט אַוועק זײַן קראַפֿט דער זון לאָקיעטעקס,

און זײַן ווײַב, וואָס ס׳האָט די קירך געהייליקט

זײַן בונד מיט איר, זיצט עלנט און פֿאַרלאָזן

אין זשאַרנאָוויצער שלאָס. כ׳ווייס: קלויסטערס בויסטו,

נאָר ווינטשט דען יעזוס אין דײַן האַרץ? דאָרט ווינען ווײַבער.

וויעזשינעק:

אויב ס׳ווינט נאָר אין די קאַסטנס גאָלד — וואָס אַרט מיך,

וואָס ווײַבער ווינען אין דעם קעניגס האַרץ?

אַבי זיי זענען נישט פֿון ייִדנשטאַם.

סוכיווילק:

באַריטשקאַ, האָסט פאַרגעסן, אַז דו שטייסט
פאַר דעם, וואָס ער און פוילן זענען איינס.
איך בין אַ בישאָף, ווי דו ווייסט, נאָר כ׳בין דערצו
דער קאַנצלער פון דעם קרול: פון וואַנען ווייסטו,
וואָס דער געקרייציקטער באַגערט? פון וואַנען ווייס עס
באַדזאַנטאַ? ס׳דאַכט זיך מיר, ווען כ׳הער דיך רעדן,
אַז דער געקרייציקטער באַגערט אַראָפּצוגיין,
אָוועקצוגיין פון דיר און פון דײַנס גלײַכן.

באַריטשקאַ:

ביסט אַ ליגנער
און אַ פאַררעטער. ס׳דאַרף דיך נישט די קירך.

סוכיווילק:

עס דאַרף מיך פוילן.

ספּיטעק:

ריטערס זאָגן אויך:
דער קעניג גיט זיך אָפּ מיט ווײַבער אַלערליי,
וויל פון זײַן אייגן ווײַב קיין קינד נישט האָבן.
צי וועט נאָך אים אַן אייניקל לאָקיעטעקס
אַרויף אויף פוילנס טראָן?

באַריטשקאַ:

דו הער, קאַזימיר:
פון קעפּסווײַבער ווענד אָפּ דײַן האַרץ. דו פאָלגסט
דעם גלוסט פון אויגן זינדיקע.

קאַזימיר:

וואָס ווייסטו
און וואָס פאַרשטייסטו? קאָנסטו וויסן, נאַר,
וואָס מיך, דײַן הערשער, טרײַבט פון ווײַב צו ווײַב?

באַריטשקאַ:

ווער טרײַבט אַ מענטשנס האַרץ פון ווײַב צו ווײַב,

אַז נישט דער פינצטערער בעל־דבב?
פאַרנעם: געקומען דאָ אַהער
בין איך נישט איינער. ריטערס, דינערס יעזוסעס,
וואָס שטייען אויפן צד פון קלויסטער, זענען
געקומען דאָ מיט מיר.

ספּיטעק:

ס׳איז נישט אומזיסט
אַזאַ געטומל פאַרן שלאָס. איך הער דאָס קול
פון דעם באָרקאָוויטש.

קאַזימיר:

ווער? דער מאַטשקאָ? רעדט אויך ער
אין נאָמען פון געקרייציקטן? באַריטשקאַ,
ס׳האָט דאָך שוין געשיקט באַדזאַנטאַ דיך.

באַריטשקאַ:

געוויס. נאָר איז באָרקאָוויטש דען קיין קריסט נישט?

סוכיווילק:

צי מיינט איר — איר וועט קרייציקן דעם קעניג?
קעפּ פאַרשווערערישע האָבן ליב
אַראָפּצופאַלן פון די אַקסלען.

וויעזשינעק:

גוט געזאָגט. וואָס גייט מיך אָן, מיט וועמען
ס׳פאַרברענגט דער קרול,
ווי לאַנג די ווײַבער זענען קריסטן־טעכטער?

באַריטשקאַ:

מיר האָבן נישט קיין מורא פאַר די קעפּ, סוכיווילק,
מיר האָבן מורא נאָר פאַר גאָט. דער קעניג זינדיקט.

ספּיטעק:

ווײַל ליב איז אים די רו. אונדז פעלט מלחמה.
פון לאַנגווײַליקייט וואַקסן אַלע זינד.

באַריטשקאַ:

ווייס: מיט די ריטערס איז אַ פרוי געקומען.

דײַן פאַרוואָרלאָזט ווײַב, אַדעלאַידאַ.

קאַזימיר:

אַדעלאַידאַ! נישט־געפרעגטערהייט

זי אַהערגעברענגט פון זשאַרנאָוויצער שלאָס———

(צו באַריטשקאַן)

כ׳וועל דיך אין קייטן לאָזן שמידן!

באַריטשקאַ:

שמיד!

קאַזימיר:

כ׳וועל אין אַ גרוב דיך וואַרפן!

באַריטשקאַ:

וואַרף! מיט מיר איז גאָט.

ספּיטעק:

(צו קאַזימירן)

איך וועל מיך אײַנשטעלן פאַר איר.

איז זי נישט די, וואָס טיילט מיט דיר די קרוין?

קאַזימיר:

דרײַצן יאָר שוין ווי זי טיילט נישט, ספּיטעק,

נישט די קרוין מיט מיר, נישט דאָס געלעגער. גאָרנישט.

און הינטער איר — זי ווייס אפשר אַליין נישט —

שטייען לאַנדגראַפן און ריטערס טײַטשישע. עס קומען זיי צו הילף

ריטערס פּוילישע. זאָל איך דערלאָזן, ספּיטעק,

אַז מײַן פאָטערס אַלטע שׂונאים און די שׂונאים פּוילנס

זאָלן זייער הערשבאַגער דורך איר דערגרייכן?

מוז איך פאַר מײַן פאָטערס שאָטן געבן רעכנשאַפט,

צי נישט?

(דרויסן שטאַרקט זיך אַלץ מער דאָס געטומל).

אַדעלאַידאַ:

(קומט אַרײַן, אומזיכער און בלאַס, ווי אַרײַנגעשטופּט

פון דעם ריטער־המון).

באַריטשקאַ:

פאַר דײַן מאַן און קעניג בויג די קני.

האָט אײַער בונד דער קלויסטער נישט געהייליקט?

האָט ער דיך פאַרשטויסן — זאָל דײַן אָנבליק

דאָס האַרץ אין אים דערוועקן, אויב ער האָט נאָך

אַ האַרץ.

אַדעלאַידאַ:

(קניט פאַר קאַזימירן)

קאַזימיר... פּײַניק מיך נישט מער...

האַלטסט מיך פאַרשלאָסן אין דײַן האַנט. מאַך אויף די האַנט!

לאָז מיך היפּן איבער איר, אַ קליינער פויגל.

קאַזימיר:

איך ווייס, אַז דו האָסט יאָרן לאַנג געבענקט.

אַדעלאַידאַ:

(שטייט אויף)

כ׳האָב דרײַצן יאָר געהאָפט.

קאַזימיר:

די זעלבע אויגן נאָך —

די ליפּן האָבן קיינעם נישט געקושט —

אַדעלאַידאַ:

צו דיר געהערן זיי, קאַזימיר. בלויז צו דיר.

קאַזימיר:

ווײַבער־אונטערטעניקייט! דו טרויער פון פאַרשקלאַפונג!

(האַרב)

אין שונאימס הערצער קאָכט! צי ווייסטו, וואָס דו ביסט

אין זייער האַנט? איך פרעג בײַ דיר: צי ווייסטו?

אַדעלאַידאַ:

איך ווייס נאָר, אַז דו ביסט אַ קינד מיר שולדיק.

קאַזימיר:

כ'וואָלט זיך אַליין צו ליבשאַפט זיך געצוווּנגען
פֿון ריטערישער איידלקייט צו דיר,
דײַן פֿאָטער אָבער — ער און אַלע שׂונאים
פֿון פּוילן — ווייסטו, אַז זיי רײַסן זיך דורך דיר
צו מײַן פֿאָטערס אַרב? אַ קינד דיר געבן —
ווייסטו וואָס דאָס הייסט? מײַן אַרב פֿאַרקויפֿן
צו שׂונאים און פֿאַררעטערס. פֿײַנט האָב איך דײַן טאַטן,
דאָס טײַטשע לאַנדגראַפֿל.

אַדעלאַידאַ:

עס אַרט מיך נישט מײַן פֿאָטער
און כ'ווייס נישט וואָס די שׂונאים דאַרפֿן. דיך אַליין
באַדאַרף איך.

קאַזימיר:

מיר איז לאַנגווײַליק מיט דיר.
אַ שקלאַפֿין ביסטו, פּונקט ווי אַלע ווײַבער.
זאָל בעסער ס'טײַטשע לאַנדגראַפֿל, דײַן טאַטע,
אײַנצאָלן פֿאַר דיר דאָס צוגעזאָגטע געלט —
צוויי טויזנט קאָפּעס גראָשנס פּוילישע. אַזוי פֿיל יאָרן —
און ער האַלט נישט וואָרט.

באַריטשקאַ:

טרײַבסט שפּאַס פּאַגאַנישן.
דאָס קלויסטער זאָגט: עס איז דײַן ווײַב. מוזסט פֿאָלגן.

אַדעלאַידאַ:

איך גיי. נאָר ווייס, קאַזימיר — לאַנגע נעכט
ביז עלנטע פֿאַרטאָגן וועל איך האָרכן:
קערט זיך אַלץ נישט אום מײַן האַר צו מיר?

אייביק וועט עס פרעגן ס׳האַרץ אין מיר.

איך גיי.

(גליַיכט זיך אויס, וואַרפט אויף קאַזימירן אַ לעצטן בליק,

גייט פּאַמעלעך אַרויס).

ספּיטעק:

איז עס נישט די קעניגין? כ׳פאַרשטיי נישט.

ס׳איז דאָך די קעניגין אַליין.

קאַזימיר:

זי בעטלט!

ליבע בעטלט זי ביַי מיר ווי אַ נדבה,

דיַין קעניגין.

(דאָס געליאַרעם דרויסן ווערט דראָעוודיק.

ס׳לויפט אַריַין קאָכאַן, שלאָסוועכטער)

קאָכאַן:

אַ שטורעם, קעניג! אַלע ברויזן, שריַיען.

העכער פון זיי אַלעמען שריַיט אייגער.

קאַזימיר:

יענעם לאָז אַריַין. (קאָכאַן — אָפּ).

מאַטשקאָ באָרקאָוויטש:

(קומט אַריַין, נייגט זיך).

קאַזימיר:

באָרקאָוויטש? דו?

באָרקאָוויטש:

עס בייגט זיך נידעריק מיַין קאָפּ פאַר דיר, געביטער.

קאַזימיר:

וואָס האָסטו עס אַזוי געליאַרעמט דרויסן?

באָרקאָוויטש:

האָב איך דען, קרול מיַינער, אַזוי געליאַרעמט?

כ׳האָב נאָר געזאָגט עפּעס.

ק אַ ז י מ י ר:

וואָס האָסטו דען געזאָגט?

ב אַ ר ק אָ ו י ט ש:

איך זאָג: צי זאָל קאַזימיר זײַן דער לעצטער פּיאַסט?
ווו איז זײַן טראָן־יורש? פֿאַר וואָס האָט ער אויף ס׳נײַ
פֿאַריאָגט פֿון זיך דאָס ווײַב זײַנס?

ק אַ ז י מ י ר:

ביסטו נישט איינער פֿון קאַזימירס ראָטלײַט?
קאָנסטו נישט רעדן אויפֿן קעניגלעכן ראָט?
ווער רייצט דאָס קעגן מיר דאָס ריטערפֿאָלק?

ב אַ ר ק אָ ו י ט ש:

דאָס טוען אַ נ ד ע ר ע. איך — נישט. איך בין געטרײַ.

ק אַ ז י מ י ר:

דײַן פֿאַלשקייט איז מיר וויל באַקאַנט, באַרקאָוויטש.

ב אַ ר ק אָ ו י ט ש:

איך בין געטרײַ.
נאָך איז נישט אָפּגעקילט מײַן צאָרן.

ק אַ ז י מ י ר:

כ׳געדענק אים נאָך — דײַן בונט קעגן וויעזשבענטאַן, קעגן מיר.
אָ, איך געדענק נאָך. היט זיך.

ב אַ ר ק אָ ו י ט ש:

(לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ).

ק אַ ז י מ י ר:

(רופֿט).
קאָכאַן, גאָוואָרעק! העי, ווו זענט איר? שנעלער!
(קאָכאַן און גאָוואָרעק, שלאָסוועכטערס, קומען אַרײַן).

ק אַ ז י מ י ר:

אַלעמען אַרײַנלאָזן! איר הערט?
געעפֿנט טיר און טויער!

(די וועכטערס פירן אויס דעם באַפעל; דער זאַל ווערט פול
מיט ריטער־לײַט).

קאַזימיר:

(צו די וועכטערס)

אַרײַנפירן די פירשטין, וואָס בײַ מיר אין שלאָס.

זאָגט: דער קעניג רופט!

(קאַכאַן און גאַוואַרעק — אָפּ).

ספּיטעק:

וואָס גייט דער קעניג טאָן?

וויעזשינעק:

אַליין געעפנט

פאַרן בונט די טירן!

סוכיווילק:

האָט נישט מורא.

עס ווייס דער קעניג וואָס ער טוט.

קאַזימיר:

(צו באַריטשקאַן, באָרקאָוויטשן און די ריטערס)

איר מײַז,

איר נאָגט מײַן טראָן — און ווילט מײַן האַרץ צענאָגן?

אײַך אַלעמען דערווידער וועט אַרײַן דאָ

און אויף מײַן באַפעל איר ליבשאַפט אויסטאַנצן

יאַדוויגאַ, שלעזיעס פירשטין.

יאַדוויגאַ:

(ווערט אַרײַנגעפירט)

דעם קעניג לויב! איך קוש זײַן שטויב!

וואָס וועט מײַן האַר באַפעלן?

קאַזימיר:

דײַן האַר... דו קנעכטיש ווײַב! שטיי, שמייכל, קוק.

יאַדוויגאַ:

וויל דער קעניג — שמייכל איך אַזוי פיל שמייכלען

ווי דער קעניג וויל. באַפּעלט דער קעניג —
קוק איך מיט אַזוי פּיל אויגן וויפל ס'וויל דער קעניג.
דער ווילן פון מײַן האַר איז מיר געבאָט.

קאַזימיר:

אַלע זענען זיי אַזוי... דער האַר... דער קעניג...

סוכיווילק:

זי בליצט!

וויעזשינעק:

ווי ס'ריינסטע גאָלד אין אוצר פון דעם רײַכסטן מאַן.

ספּיטעק:

ווי אַ העלער העלדן־פּאַנצער.

סוכיווילק:

ווי די ווײַסל, ווען זי טרינקט פאַר נאַכט
די גאַנצע זון אויס.

באַרקאָוויטש:

(כאַפּט זיך אַרויס — אומגעריכט פאַר זיך אַליין)

אַ, ווען איך בין קעניג —

קאַזימיר:

דערווײַל בין איך דער קעניג. און אַצינד
טאַנץ אויס, יאַדוויגאַ, יענעם טאַנץ, וואָס דו האָסט ליב
פאַר מיר צו טאַנצן. זאָל דיך גאָרנישט אָנגיין,
וואָס דו ווערסט פאַר מענטשן אין די אויגן
אים אויסטאַנצן. איז דען אַ מענטש דער מאַטשקאַ,
זענען מענטשן אָט די אַלע וואָס מיט אים?
זיי זענען דאָ פאַראַן? ניין, נישט פאַראַן.
קאָן דער גאָרנישט זײַן פאַראַן? זיי זענען גאָרנישט.

יאַדוויגאַ:

(מיט צוגעמאַכטע אויגן, אויסגעצויגענע הענט,
צעוואָרפענע פלעכטן)
מײַן ליבער איז אַ לייב.

איך גיב דעם לייב מײַן לײַב —
גערן גיב איך, גערן —
מײַן ליבער איז אַ לייב.

מײַן ליבער איז דער שטאַרקסטער,
דער העלדישסטער פון מענער.
פרויען זענען מיך מקנא,
ווײַל ער איז דער שטאַרקסטער.

ליפּן האָט ער מאַכטיקע,
מאַכטיקע און זיסע,
ליפּן פון אַ קעניג,
וואָס טרינקט די בעסטע ווײַנען.
זײַנע בין איך, זײַנע.
(נאָכן טאַנץ, באַגלייט מיט איר געזאַנג, פאַלט זי,
אַ גליקלעך־אויסגעשעפּטע, דעם קעניג צו די פיס).
קאַזימיר:
געפעלט עס דיר, באַרקאָוויטש? שיין, נישט אמת?
באַרקאָוויטש:
(ענטפערט נישט).
קאַזימיר:
יאַדוויגאַ, כ׳דאַנק. קאָנסט גיין צוריק, יאַדוויגאַ.
שטיי אויף און גיי.
יאַדוויגאַ:
(שטייט אויף)
מײַן מאַכטיקער! מײַן האַר!
(אָפּ, נישט קוקנדיק אויף קיינעם).
קאַזימיר:
דו וואָלסט געוואָלט אַזאַ, באַרקאָוויטש? ניין?
געוואָלט? וואָס שווײַגסטו, מאַטשקאָ?

באַרקאָוויטש:

כ׳וואָלט געוו — (כאַפּט זיך צוריק)

ניין...

(געלעכטער).

קאַזימיר:

און איך באַדאַרף נישט, וויל נישט ——

באַרקאָוויטש:

וואָס זשע האַלטסטו זי אין שלאָס?

קאַזימיר:

ס׳איז אָט די פרוי, דאָס פּירשטנקינד, געקומען
מיר די ליבשאַפט אירע אָנצובאָטן,
וויל פון דעם שלאָס נישט אָפּטרעטן... נאָר איר פאַרלאַנג
האָט נישט געטאָן דער זעלביקער קאַזימיר,
וואָס אַלע ווייסט איר, אַז ער האָט מכלומרשט
פאַרפירט דאָס וועגגערישע הויפמיידל, די קלאַראַ,
צוליב איר דעם גאַנצן שטאַם אירן פאַרטיליקט...
די שענסטע ווײַבער זענען נאָכגעלאָפן אײַער קרול,
נאָר זיי אַלע האָט ער ליב געהאַט נישט מער
ווי די אַלדאָנאַ, יענע געצנדינערין די ליטווישע,
און ווי דעם דײַטשן מאַרגראַפס טאָכטער, די אַדעלאַידאַ.
שיין זענען געווען זיי אַלע, אָבער אַלע
האָבן זיי דאָס זעלביקע געזאָגט,
וואָס די יאַדוויגאַ האָט דאָ טאַנצנדיק געזונגען
אָט ערשט... איך ווייס: איר וועט עס מיר נישט גלייבן,
נאָר פון אַדעלאַידאַן, דער פאַרשטויסענער,
ביז יאַדוויגאַן, פּירשטנקינד פון ליגניץ,
האָבן אַלע הינטיש מיר אין אויג אַרײַן געגלאָצט:
קעניג, הערשער, שטאַרקסטער פון די מענער —
און כ׳האָב זיי אַלע פײַנט פון וועגן זייער קנעכטשאַפט.
עס ברענט אין דיר, באַריטשקאַ, מיט די תאוות

פון אַ נזירדיקן קלויסטערמאַן, און דו, באַרקאָוויטש,
ביסט פול מיט קינאה קאָכיקער. איר ביידע,
וואָס ווייסט איר פון קאַזימירן דעם צווייטן,
קאַזימירן, וואָס איז נישט האַר, נישט קעניג,
נישט וויַבער־יעגער, נאָר פון וויַבער אַ געיאָגטער?
איך קוויק מיַין אויג מיט זייער פּראַכט, איך הייס זיי טאַנצן,
פאַרברענג מיט זיי, נאָר אַז דאָס נאַכטלעגער איז גרייט —
ליג איך נישט מיט זיי. איך וואַרט — אויף וועמען?
איך ווייס אַליין נישט. אָדער זי מוז שטאַרק זיַין,
ווי איך, אַז נישט — איז אומשולדיק ווי קינדער.
ס׳קאָן קיינע נישט פון זיי די מוטער ווערן
פון מיַין יורש — קיינע נישט פון זיי!

סוכיווילק:

קינד פון דער תאווה — זאָגט איר — איז קאַזימיר.
אויף די קני זאָלט איר פאַר איַיער הערשער פאַלן
און בעטן זיַין פאַרגעבונג.

באַרקאָוויטש:

יאָ, אָבער אַ קעניג —
ער מוז אַ יורש האָבן. מוז ער נישט, לעכיטן?

קולות:

ער מוז. גערעכט איז מאַטשקאָ.

סוכיווילק:

(צו קאַזימירן)

ביסטו גרייט
דער לעצטער פון דיַין שטאַם צו זיַין, אַ קעניג,
דער לעצטער פון די פּיאַסטן?

קאַזימיר:

איך בין גרייט.

קאָכאַן:

(קומט אַריַין)

לײַט פֿון שטאָם דעם ייִדישן, אין הויכע היט,
אין גאַרטלען, פֿאַרמעטן אין זײער האַנט,
בוקן זיך און ווילן צו דעם קעניג.
מיט זײ איז דער מטבעות־גיסער לעווקאָ.

קאַזימיר:

אַרײַנלאָזן!
(קאָכאַן אָפּ).

ספּיטעק:

זײ פֿלײצן אָן אַלץ מער,
די ייִדן. ס'טראָגט זײ אָן אַ בײזער ווינט
פֿון שוואַבן־לענדער, בעמער־לאַנד, פֿון אומעטום.
זײ מאַכן כּישוף, טוען גיפֿט אַרײַן
אין ברונעם־וואַסער —

באַרקאָוויטש:

און ס'יאָגט פּוילן נישט אַרויס
די, וואָס שוואַבן האָבן זײ פֿאַרטריבן
פֿון וועגן זײער כּישוף־בונד מיט איר,
דער שוואַרצער פּעסט.

באַריטשקאַ:

קאַזימיר לאָזט אַרײַן
אַלץ מער און מער די קריסטן־מערדערס, די
וואָס האָבן יעזוסן געקרײציקט. ווײ אונדז.

וויעזשינעק:

מיט אומרו קוקן שלאַסהאַרן אויף זײער קומען.
די שטאָטלײַט זענען נאָכמער נישט צופֿרידן.

סוכיוווילק:

פֿון וואָס איז פּוילן יאָ צופֿרידן, ראַטהאַר?

קאַזימיר:

(צו סוכיווילקן)
מיר וועלן, יאַן, סטאַטוטן לאָזן שרײַבן.

אין ווישליץ, יאַן. סטאַטוטן אויך פאַר ייִדן.
רעכט געשריבענע אויף שטאַרקן פאַרמעט.

ספיטעק:

באָלעסלאַוו, פירשט פון קאַליש, האָט באַשאַנקען
מיט סטאַטוטן שוין די לײַט זייערע — די
וואָס זענען פריִער נאָך אַרויף אויף אונדזער ערד
און אָנגעשטאָפּט די זעק מיט פּויליש גאָלד.

סוכיווילק:

ווען מיר די ייִדנרעכט באַנײַען
און זיי באַשטעטיקן.

באַריטשקאַ:

נישטאָ קיין רעכט
פאַר קרייציקערס פון אונדזער גאָט. אָ יעזוס,
דו זעסט עס צו — און שווײַגסט!
(ייִדן, מיט לעווקאָן בראָש, קומען אַרײַן).

קאַזימיר:

(צו לעווקאָן)
וואָס וויל דער ייִד, דער דינער פון מײַן קאַמער?

לעווקאַ:

דעם קעניג טראָג איך צאָל,
אויפגעמאָנט בײַ זײַנע קנעכט, די ייִדן.
אויך ייִדן האָב איך מיטגעבראַכט דאָס מאָל —
זיי ווילן רעדן צו דעם קעניג.

רב:

געלויבט איז דער, וואָס פון זײַן כבוד טיילט ער אויס
צו בלוט־און־פלייש.

די איבעריקע ייִדן:

(חזרן איבער די ברכה).

רב:

צוגעפאַלן זענען מיר, אַנטרונענע פון שווערד,

צום גוטן לײַב פון פוילנס ערד.
פה־לין! דאָ נעכטיק — האָט געזאָגט אַ מלאך,
ווען איין מאָל אין אַ נאַכט
זענען מיר, אַנטרונענע, געקומען
מיט ווײַב און קינד אויף דײַנע פעלדער.
די ערד האָט נאָך געציטערט אונטער אונדזער פוס,
ווי מיר וואָלטן ערשט אַרונטער פון אַ שדים־שיף.
אונדז איז פאָרגעקומען: שוואַרצע מעסערס
שאַרפט די נאַכט; עס וואַרגן שלעכטע ווינטן
די שלאָפנדיקע פייגל, ווילן אויך דערוואַרגן
די קינדער אונדזערע.
האָט זיך געעפנט איבער אונדז אַ וואָלקן,
אויף צווייען זיך געשפּאָלטן —
און פון דער מיט האָט אויף אַ בליץ־שנור זיך געוויגט
אַ מלאך, מיט אַ פינגער מיט אַ זילבערנעם געטײַטלט:
פה־לין! דאָ נעכטיק איבער! איז געוואָרן שטיל,
און ווי פאַרצײַטנס אין די טויערן פון כּנען
זענען מיר אין לאַנד אַרײַן צו מאָרגנס.
(שטילקייט).

קאַזימיר:

וווּנדערלעך איז דײַן געשיכטע, אַלטער.
נאָר פאַר וואָס בלויז איבערנעכטיקן? דײַנע ברידער
האָבן אויף מײַן ערד שוין נישט איין נאַכט גענעכטיקט.

רב:

עס שטייט געשריבן: וואָרעם טויזנט יאָר —
אין דײַנע אויגן זענען זיי אַ נעכטן אַ פאַרגייזקער,
אַן אַשמוּרה אין דער נאַכט. אַזוי איז אויך די נאַכט
פון פאָלק ישׂראל. מעג די נאַכט פון אונדזער גלות
טויזנט יאָר געדויערן אויף דײַנע ערדן —
איז זי איין נאַכט בלויז, מלך.

ביז אויפגיין וועט אויף ס'ניַי דער טאָג ירושלימס
וועלן מיר דאָ איבערנעכטיקן איין נאַכט,
סיַי די, וואָס זענען שוין געקומען פריִער,
סיַי מיר, וואָס קומען דאָ אַהער אַצינדער,
געיאָגט פון רישעות און בילבולים.
פה־לין! דאָ נעכטיק!

ספיטעק:

די ייִדן זענען קלוג. זיי קענען אויסטראַכטן.

באַריטשקאַ:

אויב ס'וועט באַשיצן זיי די קרוין — וועט זיי דער קרייץ
דער הייליקער צו רו נישט לאָזן.

באַרקאָוויטש:

קרייץ און קרוין
מוזן גיין צוזאַמען.

קולות:

אמת, אמת!

סוכיווילק:

שטעלט זיך דער קרייץ דער קרוין אַנטקעגן — מוז
די קרוין דעם קרייץ זיך קעגנשטעלן.

באַריטשקאַ:

פאַלשער הירט!

לעווקאָ:

געוווינט האָבן מיר דאָ אין שאָטן פון די פירשטן.
און ס'האָט באָלעסלאַוו, פירשט פון קאַליש,
סטאַטוטן אונדז געגעבן, שוץ צו אונדזער האָב.
(דערלאַנגט קאַזימירן די פּאַרמעטן)
מיט קעניג־זיגל בעטן מיר באַזיגלען
באָלעסלאַווס אַלט געשריפטס.
ווי איך, דיַין לעווקאָ, בין דיַין ייִד און דיַין געשיצטער,
אַזוי זאָלסטו זיי אַלע שיצן, די אַנטלאָפענע.

די נײַ־געקומענע צו דיר אין לאַנד —
זיי אַלע זענען דײַנע.
דעם קעניגס זענען מיר, ווײַל מען פאַרשטייט אונדז נישט,
ווי מען טוט אַ קעניג נישט פאַרשטיין.
איינזאַם איז ישׂראל.

קאַזימיר:

מע פאַרשטייט זיי נישט, ווי מען פאַרשטייט אַ קעניג נישט...
זיי זענען איינזאַם ווי אַ קעניג — און דעריבער
געהערן זיי צום קעניג... גייט מיט גאָט
און זײַט געטרייסט. איך וועל אײַך געבן שוץ,
איר איינזאַמע.

רב:

זאָל דער גאָט פון סיני דיר דײַן חסד נישט פאַרגעסן.

וויעזשינעק:

די ייִדן־אויגן גלאַנצן.
דעם קעניגס האַרץ ווערט אײַנגעוויגט.

ספּיטעק:

נישט גוט, נישט גוט, וויעזשינעק.

לעווקאָ:

(צו קאַזימירן)
ווײַ וועט זײַן צו פּוילנס שטאַם,
אויב ער וועט פּלאָגן ס׳פאָלק, וואָס גאָט אַליין
האָט עס צעזייט און אין זײַן גנאָד וועט ער עס זאַמלען.
פאַר אַ נסיון איז געשטעלט דאָס פאָלק דײַנס.

קאַזימיר:

איך פאַרשטיי.
(אַ געוויין דערטראָגט זיך פון הינטער די שלאָספענצטער)
ווער וויינט דאָס פאַר די פענצטער מײַנע?

לעווקאָ:

קעניג, פאַר אַ ייִדן־טאָכטער בעט איך.

זי איז אונדז באַרוועס נאָכגעלאָפן,
האָט דעם גאַנצן וועג געוויינט. זי וויינט ביז איצט נאָך.
עס לאָזן זי די דינערס דיַינע נישט אַריַין.

קאַזימיר:

ברענגען זי צו מיר! מלאָכים מוזן אַזוי וויינען,
אויב זיי וויינען.

ספּיטעק:

ס׳וויינען אַזוי פאַלשע יידן־טעכטער.

וויעזשינעק:

(צו סוכיווילקן)

ווער פאַרהיט דעם קעניגס האַרץ?

באָרקאָוויטש:

לעכיטן,
דאָ רוקט זיך אָן אויף איַיך אַ ניַיע כמאַרע.

באַריטשקאַ:

דער קרייץ, וואָס אין מיַין האַנט, וועט זי פאַרטריַיבן.

אסתּרקע:

(קומט אַריַין וויינענדיק, דאָס פּנים פאַרשטעלט מיט די הענט).

קאַזימיר:

(צו אסתּרקען)

הענט אויפן פּנים... ליַיכטנדיקע הענט...
נעם זיי אַראָפּ — באַוויַיז זיך!

ספּיטעק:

(לויפט צו צום מיידל)

ניין, נישט נעם אַראָפּ! אויב ס׳איז דיַין פּנים שיין
ווי דיַין געשטאַלט — וועסטו פאַרכישופן דעם קרול,
דו קינד פון דעם מכשפים־פאָלק.

קאַזימיר:

(צו אסתּרקען)

איך וואַרט.

אסתּרקע:

(ציטערט אויף; נעמט אַרונטער די הענט פון פּנים).

סוכּיווילק:

די זון האָט זיך באַוויזן — וועלכער פויגל וועט נישט טינקען?

קאַזימיר:

ווי רופט מען דיך?

אסתּרקע:

אסתּרקע. כ׳בין פון אָפּאָטשנע.
מיַין מאַמע לעבט שוין נישט. ס׳איז מיַין געבורט
געווען איר טויט. מיַין טאַטע האָט געהאַט
מיך בלויז — און אַ גאַסטהויז. פּאַשקאָ, האַר פון דאָרף,
האָט געוואָלט מיך צונעמען ביַים טאַטן,
האָט דער טאַטע נישט געלאָזט. אויך איך
האָב נישט געוואָלט. איך האָב מיך אויסבאַהאַלטן.
האָט פּאַשקאָ, האַר פון דאָרף, געלאָזט פאַרברענען
דאָס גאַסטהויז — און — צוזאַמען מיטן גאַסטהויז —
מיַין טאַטן. כ׳בין אַנטלאָפן. פּאַשקאָס קנעכט
האָבן מיך געפינען נישט געקאָנט.
צו פּוילנס קרול בין איך געלאָפן, פאַר זיַין טראָן
צו פאַלן און גערעכטיקייט צו מאָנען.
האָב איך געטראָפן יידן אויפן וועג צום קעניג.
בין איך נאָכגעלאָפן.

קאַזימיר:

באַשטראָפט זאָל ווערן פּאַשקאָ. איך וועל הייסן
אין קייטן ברענגען אים אַהער. נאָר זאָג מיר, טאָכטער:
פאַר וואָס האָסטו מיט פּאַשקאָן זיצן נישט געוואָלט?

רב:

איז דאָך אַ יידן־טאָכטער, קעניג. זאָל זי דען פאַרלייקענען
דאָס גלויבן פון די אָבות?

קאַזימיר:

(צו אסתּרקען)

און ווען איך, דײַן קעניג,

זאָג: פֿאַרבלײַב מיט מיר? ווען איך?

אסתּרקע:

(שווײַגט).

סוכיוווילק:

ציטערט דעם קעניגס האַרץ אין נעץ — און וואַרט ——

וויעזשינעק:

ס׳געשעט —— אָ, אומגליק!

ספּיטעק:

אומגליק! ס׳איז אַ כּישוף ——

רב:

חלילה שמד ——

די איבעריקע ייִדן:

אונדזער איינע... ווײ אונדז... שמד חלילה...

לעווקאָ:

אסתּר הייסט זי —

פֿאַר וואָס דען נישט אַ צווייטע אסתּר?

און שיצן זאָל אויך זי איר שטאָם,

זיך אײַנשטעלן פֿאַר ברידער.

פֿאַר וואָר, ס׳וואָלט שיין געווען.

קאַזימיר:

(צו אסתּקרען)

ענטפֿער! ווען דײַן קעניג הייסט דיר: זײַ מיט מיר —

וואָלסטו אויך אַנטלאָפֿן?

אסתּרקע:

יאָ. כ׳האָב פֿײַנט די שטאַרקע.

רב:

(צו די ייִדן אַרום, שטיל)

געלויבט איז גאָט —

לעווקאַ:

דו נאַריש קינד!

וויעזשינעק:

האַ! איר געפעלט נאָך נישט! וואָס זאָגסטו, ספּיטעק?

ספּיטעק:

איך זאָג: זאָל זי שוין איצט אַנטלויפן — איצט — וואָס פריער!

באָרקאָוויטש:

(לאָזט נישט אַראָפּ פון איר ס׳אויג)

צו שיין איז זי... צו שיין... דער גרעסטער ריטער

וואָלט זי געמעגט צום קעפּסווייַב מאַכן, יאָ —

און דערנאָך — אַראָפּדרייען דעם קאָפּ.

קאַזימיר:

האָסט פּײַנט די שטאַרקע... קוק מיך אָן. קוק שטיל.

וואָס זעסטו?

(פּויזע).

אסתרקע:

דו ביסט נישט פריילעך. זענען אויך די שטאַרקע

נישט פריילעך? קאָן מען אויך די שלעכטע שלעכטס טאָן?

קאַזימיר:

איינער, וואָס האָט אַלץ, איז עלנט, אסתרקע,

גלײַך איינער וואָס האָט גאָרנישט.

שלעכט זענען די שטאַרקע, נישט די שטאַרקסטע.

אסתרקע:

(ווי פון חלום אַרויס)

ער רעדט... איך ווייס נישט וואָס מיר איז... די ווענט

רוקן זיך פונאַנדער... כ׳זע נישט קיינעם...

בלויז אים...

(מאַכט אַ פּאָר טריט צום קעניג).

סוכיווילק:

(צו קיינעם נישט)

מײַן קעניגס חלום... דאָס באַגערטע ווײַב...

דאָס קינד... די אומשולד... איז דער חלום גוט,

איז דער חלום שלעכט? ווער קאָן עס וויסן?

קאַזימיר:

בלויז דו און איך... בלויז דו און איך... ס׳ווערט ליכטיק...

באַריטשקאַ:

(צום קעניג)

פאַרשאָלטן זײַ ווי יודאַס! זײַ פאַרשאָלטן!

סוכיווילק:

דו לעסטערסט פוילנס קעניג! (רופט)

וועכטערס, בינדט אים!

(באַריטשקאַ ווערט געבונדן. באַרקאָוויטש, נאָך אים די ריטערס,
רוקן זיך אַרויס פון זאַל. ספּיטעק און וויעזשינעק שושקען זיך).

(**אַ פּאַנטאָם שאָטנט אַרײַן אין זאַל**).

נצחיאל, דער אייביקער ייִד:

(רוקט אַרויף זײַן הויכן דרײַקאַנטיקן שאָטנהוט, גיט אַ באַוועג
מיט אַ דינעם געשפּענסטיקן שטאָק, רוקט זיך צו אויף
שפּיץ־פינגער; Ad spectatores)

מיט שאָטנשטאָק און שאָטנפוס,

אין הילוך מײַנעם דעם הוילן,

אַזוי בין איך געקומען

צו שפּרײַזן דאָ קיין פוילן.

דער ייִד, דער ייִד נצחיאל

איז הינטער זייער רוקן.

זיי וועלן פאַר מיר שפּילן

און ס׳וועט נצחיאל קוקן.

(**פאָרהאַנג פאַלט שנעל**)

צווייטער אַקט

אַ ווינקל אין הויף פון קעניגלעכן שלאָס. שטיינערנע טרעפּ פירן צו אַ געמויערטער גרוב מיט אַ קײַלעכיקן אײַזערנעם צודעק פון אויבן; אויף דער אונטערשטער טרעפּ, די פיס אויף דעם צודעק, מיט אַלעבאַרדן אין די הענט, שאָטענען זיך די פיגורן פון צוויי וועכטערס, דעם קעניגס הויזדינערס — קאַכאַן און גאָוואַרעק. זיי צופוסנס רויכערן זיך לאַמטער־נעס. פון אַ ברייטן ליידיקן פּלאַץ רעכטס קומט אָן אַ גנאָם־געשטאַלט: ס'פּאַסטעכל — מיט אַ בײַטשל אין האַנט; זקנדל — אַ ברייטער שוואָמענקאַפּ, ציטערדיקע פּיסלעך — צווייטע גנאָם־געשטאַלט, גייט אים נאָך.

פּאַסטעכל:

(גיט אַ פײַף, קנאַקט מיטן בײַטשל, מאַכט אַ פּאָר קאַזשעליקלעך, קוקט זיך אום, דערזעט ס'זקנדל)

אַלטער קרעכצער, וווהין?

זקנדל:

צו אסתּרקען אין מלכס שלאָס.

פּאַסטעכל:

איך אויך.

זקנדל:

גוטער חלום, שטיפער, פײַפער, ליגנערוק!

פּאַסטעכל:

שלעכטער חלום, אַלטער זאָרגער, ציטער־פּיסל!

זקנדל:

בײַטשל־קנאַקער, קאָזשעליק־מאַכער, ווייס־איך־וואָס, גענאַרניק!

פּאַסטעכל:

אמת־זאָגער, אמת־קלאָגער, קריכער, אַלטער רעטאַך!

זקנדל:

יונגער פעטאַק! *

פּאַסטעכל:

יונג בין איך ווי אסתּרקע, אַ טשערעדע
דאַכטעגישן גיי איך פּאַשען.

זקנדל:

וואָס וועט שפּעטער זײַן, דו הפקרניק?

פּאַסטעכל:

שפּעטער־שמעטער, זויערער פּעטער! לאָמיך לויפן —
דו קריך נאָך!
(ביידע אָפּ).

גאָוואָרעק:

(צו קאָכאַנען)
זאָל דאָס אַ הונט אַ ביל טאָן! גאָרנישט!
ביסט אַ הונט — טאָ ביל! אַ היטער — היט! אַ קלויסטערמאַן —
טאָ מאָדליע זיך! און ביסטו הערשער — הערש!
און העצט דער קלויסטערמאַן — אין גרוב אַרײַן!
כאָטש, וואָס אַן אמת, ס׳מעג אים מישפּטן דער קלויסטער בלויז.

קאָכאַן:

זינט סוכיווילק האָט אים דאָ געלאָזט פאַרשפּאַרן —
ביז צום מישפּט —
ליגט ער אויף אַ בינטל שטרוי,
צלמט זיך און הערט נישט אויף צו שעלטן
אונדזער קרול דעם גנעדיקן.

גאָוואָרעק:

נו, אויך דאָס איז רעכט.
האָט מען דיר שלעכטס געטאָן —
טאָ שווײַג נישט, ברודער! שעלט!

* פּעטאַק (אַקצענט אויף ערשטער זילב) — שוטה.

אַיעדער טוט זיך ס׳זיַיניקע.

קאָכאַן:

ברויט און וואַסער לאָזט מען דיר אַרונטער?
זאָג אַ דאַנק.
ווילסט זיַין אַ הייליקער — טאָ זיַי,
נאָר דעם הערשער טשעפּע נישט.
וויל דען גאָט, דו זאָלסט אַ קעניג לעסטערן?

גאָווארעק:

דער קעניג, ברודער קאָכאַן, האָט אים פריַי לאָזן געזאָלט.
סוכיווילק וויל שוין אויך. נאָר, ברודערל, מע קאָן נישט!

קאָכאַן:

דער קרול און דער סוכיווילק זאָלן זאַלבענאַנד
נישט קאָנען טאָן די קליינינקייט, וואָס איך מיט דיר —

גאָווארעק:

מיינסט, אַ ריגל־אויף דעם צודעק דאָ — און פאַרטיק?
ניין, די ריטערליַיט, וואָס קעגן אונדזער גנעדיקסטן,
וואַרטן נאָר, מע זאָל באַריטשקאַן פריַי לאָזן —
מאַכן זיי אים קירצער מיט אַ קאָפּ — און פרעג נישט:
מ׳עט זאָגן, אַז קאַזימיר האָט געטויט
דעם דינער פון האַר יעזוס.

קאָכאַן:

רעדסט פון שלאָף!

גאָווארעק:

אַ נאַר דאָס איז. כ׳זאָג: קירצער מיט אַ קאָפּ — פאַרשטייסט?
און אַרויפגעוואַלגערט וועט ער ווערן,
דער קאָפּ, אויף אונדזער קעניגס אַקסלען.
וואָס דו הערסט!

קאָכאַן:

טראַכסט אויס.

גאוואַרעק:

אַליין געהערט אין הויף...

אַנדערש האָבן מיר געהיט ביז איצטער,

אַנדערש היטן מיר אַצינד.

איצט היטן מיר, כּדי עס זאָלן אים

נישט אָוועקטויטן דעם קעניגס שׂונאים.

קאָכאַן:

אַ לאָגל וואַסער צײַט אַרונטערלאָזן אים אין גרוב.

(ריגלט אויף, בייגט זיך אַריבער, האָרכט)

העי, ווילסט טרינקען, פּאַטערל באַריטשקאָ?

(לאָזט אַרונטער אויף אַ שטריק אַ לאָגל; פון אונטן טראָגט זיך
באַריטשקאָס אַ קללה־געשריי. קאָכאַן פאַרריגלט צוריק.
אויבן אויף די טרעפּ, וואָס פירן צו דער גרוב, ווײַזט זיך
אַ סילועט. ס'איז דער קעניג — בלייך, אויפגעשויבערט, נאַכטיק.
די וועכטערס בוקן זיך. קאַזימיר נידערט).

קאַזימיר:

וואָס מאַכט ער?

קאָכאַן:

דער גנעדיקסטער באַוויליקט אונדז צו פרעגן וואָס ער מאַכט?

ער ליגט און שעלט. מיר לאָזן אים נישט שטאַרבן.

וואַסער. ברויט. זײַן ענטפער — קללות.

קאַזימיר:

ריגלט אויף!

(די גרוב ווערט אויפגעריגלט; דער קעניג גייט צו נאָענט)

באַריטשקאָ!

דערקענסט נישט ווער עס רעדט? דער קעניג רעדט.

עס שלאָפט זיך נישט, באַריטשקאָ.

באַריטשקאָס קול:

איז אויך ד ײַ ן געלעגער שטרוי? צום ייִדן־קעפּסוויַב גיי.

בראָך צו דיר, וואַוועל, בראָך!

(ווערט אַנטשוויגן).

קאַזימיר:

צוריק פֿאַרריגלען!

(די גרוב ווערט פֿאַרריגלט צוריק)

גאָט, וואָס טו איך דאָ?

אַ הימל פֿול מיט ליבשאַפֿט איבער מיר:

אסתּרקע. און אונטן דאָ — אַ קללה.

אַ הימל פֿול מיט ליבשאַפֿט — און אַ גרוב.

אסתּרקע, די פֿינגער דײַנע זוכן מיך געוויס.

האָט דיך נישט אויפֿגעוועקט אַ פּלוצעמדיקע נאַכטקעלט?

אסתּרקע:

(אין נאַכטקלייד, איבערגעשראָקן, מיט אַ ליכט אין האַנט, ווײַזט זיך אויבן אויף די טרעפּ).

קאַזימיר:

איך קום צו דיר. איך גיי... זײַ רויִק, קינד.

(צו דער גרוב געווענדט)

פֿאַרשעלט מיך נישט צו שטאַרק, דו שוואַרצער אונטן.

(גייט אַרויף, וויל נעמען אסתּרקען אויף די פּלייצעס, זי אַרויפֿטראָגן אין שלאָס אַרײַן).

אסתּרקע:

טו דאָס נישט. איך בעט דיך.

גענוג איז דיר דער טאָג פֿאַר דײַנע גבֿורות.

ווילסט מיך טראָגן ווי אַ שפּילצײַג. ניין, מיט מיר

זאָלסטו נישט זײַן קיין שטאַרקער.

(ביידע אָפּ).

גאָוואָרעק:

געהערט? עס קומט איר נאָך, דער ייִדנמויד, אַ רעשט.

קאָכאַן:

ס'איז איר ווייניק, וואָס ער האָט זי ליב —

גאוואַרעק:

שלעכט איז ליגן אין אַ גרוב, נאָר ס'איז נישט בעסער
צו זײַן אַ קעניג און נישט קענען שלאָפן.

קאַכאַן:

ס'האָט דאָך אים קיינער נישט געהייסן זיך פאַרליבן

גאוואַרעק:

ער טאָר נישט?
ביסטו אַ הערשער — מעגסטו אַלץ.

קאַכאַן:

געוויס. אָבער די אויגן זײַנען פרעמדע,
נישט קיין אונדזעריקע. וואָלט זי כאָטש געלאָזט זיך טויפן.
און וואָס וועט זײַן, אַז ער וועט געבן איר אַ זון?
מיט אויגן יִדישע אַ קעניג, האַ?
ווער וועט עס אַזאַ איינעם
אַ טראָן אַ קריסטלעכן געטרויען? קאָן די ברכה פון געקרייציקטן
רוען אויף אַ קאָפּ אַ יִדישן?

גאוואַרעק:

דער יעזוס, זאָגט מען, איז דאָך אויך געווען אַ ייִד,
נאָר אַז דער האַר אונדזערער, יעזוס קריסט,
האָט זיך געטויפט — איז ער געוואָרן אונדזער איינער.
וועט דער יִדישקעס אַ זון דאָך קענען אָננעמען
די אמונה אונדזערע די הייליקע.

קאַכאַן:

אָבער יעזוס האָט דאָך אויגן אונדזעריקע, פּוילישע,
און דער אסתּרקעס אַ זון, אַפילו אַ געטויפטער,
וועט האָבן אויגן צוויי, פאַרשלעפּט ווער ווייס פון וואַנען.
אויגן פון די ווײַטסטע, פרעמדסטע צײַטן.

גאוואַרעק:

אַ... אַזוי מיינסטו?
(ווערן אַנטשוויגן).

קאָכאַן:

(רײַסט איבער די שטילקייט)

צו שטיל איז, אמת? און די נאַכט — צו לאַנג.

(גענעצט)

וואָלט כאָטש די קאָכמויד איצט געקומען, זוואָנקאַ.

גאָוואָרעק:

אָט לויף איך באַלד און וועק זי אויף.

וואָס איז? דער קאָכאַן, מויד איינע, איז הונגעריק —

כאַפּ, קאָך אים אָפּ אַ ביסל ליבע.

קאָכאַן:

האָט דאָך צוגעזאָגט אַהער צו קומען

ווי נעכטן און ווי אייערנעכטן,

און נישט מען זעט און נישט מען הערט.

גאָוואָרעק:

וואָרעם קאַלט איז איר, דער קאַץ,

גלוסט איר נישט פון נאַכטלעגער אַרונטערקריכן.

קאָכאַן:

ווייסט? ס׳מוז זײַן אין דעם די האַנט פון קאָך.

דער היט זי אָפּ מיט זיבן אויגן היניטישע.

גאָוואָרעק:

אויך קיין נאַר נישט. וויל פאַר זיך.

(שטיל).

קאָכאַן:

וואָס קאָן דאָס זײַן? אַ צײַט שוין ווי עס בילן נישט די הינט.

(עס ווײַזט זיך אַ טונקעלע פרויען־פיגור אין אַ טוך).

גאָוואָרעק:

אָט האָסטו זי!

קאָכאַן:

ווער? זוואָנקאַ?

זוואָנקאַ:

ניין, נישט איך.

קאָכאַן:

דו נישט, אָבער דאָס קול דײַנס; זאָל זיך ס׳קעצעלע אַנידערזעצן
צווישן מיר און דעם גאָוואָרעק. זאָל דעם קעצעלע זיך דאַכטן,
אַז דאָ זיצן קאַטערס.

זוואָנקאַ:

(זעצט זיך)

צווישן קאַטערס צוויי — מיט אַלעבאַרדן אין די הענט —
איין בידנע קאַץ.

קאָכאַן:

זאָל זיך ס׳קעצעלע נישט שרעקן, ווײַל די קאַטערס זײַנען גוט.

זוואָנקאַ:

און אַז דער קאַך וועט קומען?

קאָכאַן:

ווער? דער בעם? דער נאַסער האָן? די לאַנגע נאָז?
האָ׳מיר אַלעבאַרדן, קעצעלע.

גאָוואָרעק:

אַ קאַך — און קאָן קיין רעכטן קוש נישט אָפּפּרעגלען.

קאָכאַן:

מע דאַרף אים נעמען ס׳האַרץ, עס לייגן אויף אַ פּאַן
און זען צי ס׳קאַכט.

זוואָנקאַ:

און ווײַן פאַרמאָגט איר, קאַטערס?

קאָכאַן:

ווײַן צום ווײַן אַ צוגאָב? יונגען זײַנען וואַסער?

זוואָנקאַ:

קאַלט, איר קאַטערס, וויל דאָס קעצעלע אַ טרונק.

(אויבן ווײַזט זיך דער קאַך).

זוואַנקאַ:

(טוליעט זיך דערשראָקן צו קאָכאַנען און גאָוואָרעקן)

ווענצעסלאַוו?

קאָד:

וואָס וווּנדערסטו זיך? איך, דער קאָד.

זוואַנקאַ:

אויב דו ביסט ווענץ, בין איך נישטאָ. ס'איז נישט די זוואַנקאַ.

קאָד:

נאָר ווער?

זוואַנקאַ:

נישט איך.

קאָכאַן:

קום, ברודערל, אַרונטער. קריגסט אַ דריטל זוואַנקאַ.

גאָוואָרעק:

נישט בלויז דײַנע איז זי, הינער־פּרעגלער, נישט בלויז דײַנע.

קאָד:

(קומט אַרונטער)

שאַ, אָן געפּילדער... האַלט זי אײַך געזונטערהייט,

געזונטערהייט... איך זוך זי נישט... ווער דאַרף זי?

קאָכאַן:

וואָס דען, צעדרייטער קאָפּהאָן, זוכסטו פּאָרט,

אַז נישט די זוואַנקאַ?

קאָד:

(כיטרע)

וואָס איך זוך?

עס שלאָפט זיך נישט. דערמאָן איך מיך, אַז גוטע־ברידער

זיצן אויף אַ גאַנצע נאַכט — אין קעניגס דינסט.

איז וואָס וועל איך דאָ אויסליגן? בין איך געקומען.

נישט מיט בלויזע הענט: פון קעלערן דעם קרולס

ווײַן געבראַכט צו טראָגן.

זוואָנקאַ:

ווײַן?

גאָוואָרעק:

וואָס פרייסטו זיך? ער האָט דאָך דאָס געגנבעט
בײַם קעניג אונדזערן. נו, וועסט אים שווײַגן, קאָכאַן?

קאָכאַן:

אַזאַ מנוול וועל איך שווײַגן?

(צום קאָד)

אַזוי, דאָס ביסל שווענקעכץ, גנב? עפּעס רעכטס?

קאָד:

פון וועגנערלאַנד, ווער ווייס ווי אַלט —

זוואָנקאַ:

מיר אויך. מיר אויך אַ ביסל, וועגץ.

קאָד:

כאַפּט דיך דער טײַוול, מויד. זאָל דיך דער טײַוול זעצן
אויף זײַן ווײדל און מיט דיר אַוועקפאָרן אין גיהנום.
דיר אויך? דו ביסט דאָך גאָר נישטאָ, האָסטו געזאָגט.

זוואָנקאַ:

צו אַלע דײַנע מעלות ביסטו בלינד? דו זעסט נישט?

קאָד:

איך זע... יאָ, יאָ... איך זע שוין דווקא אַלץ...

קאָכאַן:

איז טרינקט מען, ברידערלעך?

קאָד:

מע טרינקט.

זוואָנקאַ:

מיר טרינקען.

קאָד:

נו, און דו, גאָוואָרעק?

גאָוואָרעק:
אַ ביסל גיב. עס קאָן זיך נאָך דער קאָפּ פֿאַרדרייען,
און מיר, דו קאָך איינער, מיר דאַרפֿן היטן.
מיר זענען היפּוועכטערס. פֿאַרשטייסט?
נישט קיין קאָכן דאָרט בײַם פֿײַערפֿאַן.

זוואָנקאַ:
שיין לײַט ביסטו, גאָוואָרעק.
האָב איך דעם קאָך שוין ליבער איידער דיך.
ווער ס׳טוט צום זויפֿן נישט באַגערן
באַגערט אויך נישט צו עפּעס אַנדערש.

קאָכאַן:
צו עפּעס בעסערס, מײַנסטו
(צו גאָוואָרעקן)
שעמסט זיך גאָרנישט?
די זוואָנקאַ האָט דאָך אים אַפֿילו ליבער,
דעם קאָך, דעם קעכעריונג.

קאָך:
(ביטער)
אויך מיך אַפֿילו — הם — אַפֿילו מיך —

גאָוואָרעק:
נו, ווייל, זאָל זײַן געטרונקען. נאָר געדענק:
מיר היטן, קאָכאַן. ניין? מיר האַלטן קאָפּ.

קאָכאַן:
אַוודאי היטן מיר. ווער זאָגט, אַז נישט?

קאָך:
נו, היט! און איצטער — טרינקט!
(גיסט אָן)
טרינק, זוואָנקאַ! ביסט דאָך יאָ פֿאַראַן — טאָ טרינק.

זוואָנקאַ:
געוויס בין איך פֿאַראַן. און טאַקע דאָ.

נישט בײַ דיר הינטערן אויוון, וועניך.

קאָכאַן:

(צום קאָך)

און דו?

קאָך:

(אַ מאַך מיט דער האַנט)

עט, גאָרנישט, שוין געטרונקען. זיפּט!

(קאָכאַן, גאָוואָרעק, וואַנקאַ טרינקען.

קאָך האַלט אין איין אָנגיסן — אַליין טרינקט ער נישט)

זוואָנקאַ:

(דעם קאָך אַ צונג אויסשטעלנדיק)

איז געווען בײַם קרול קאַזימיר,

איז געווען בײַ אים אַ קאָך,

איז אַ קאָך בײַ אים געוועזן —

איז צום קאָך געווען אַ בראָך.

(געלעכטער).

קאָכאַן:

יאָ, אַ בראָך.

אָך־אָך־אָך, ברודערל קאָך.

גאָוואָרעק:

אַ בראָך פון אַלע בראָכן

צום קאָך פון אַלע קאָכן.

זוואָנקאַ:

ווייסט, וועניך? אָט בין איך ווידער שוין נישטאָ.

(שיכּורע געלעכטערס).

אַ קול פון אויבן:

שוין?

קאָך:

אַ רגע!

(צו די דרײַ)

נאָך?

גאָוואָרעק:

וואָס? שוין ווידער טרינקען? בעסער שלאָפן — —

(בייגט שווער דעם קאָפּ).

זוואָנקאַ:

(זינגט)

שלאָפן... וויג מיך, קאָכאַן... שלאָפן...

קאָכאַן:

שלאָפן...

(די דריַ שלאָפן איַין, איינס געלענט אָן אַנדערן).

קאָד:

(שפּאַנט, קוקט אויף זוואָנקאַן, דער שלאָפנדיקער)

הורן־מויד! דו אומריין פלייש! אין מיטן נאַכט

צו קאָכאַנען געקראָכן! און אַ קאָד,

אַ קאָד אַן ערלעכן, פאַרלאָזן.

(נישטערט ביַי קאָכאַנען, גאָוואָרעקן; געפינט דעם שלאָס צום איַיזערנעם גרובצודעק)

אָט מיט דעם, איר העכטעלעך, וועט מען אויפמאַכן דאָס דעקעלע.

(רופט אויבן צו)

שוין פאַרטיק!

(טונקעלע געשטאַלטן לאָזן זיך שטיל אַראָפּ פון די טרעפּ, מאַטשקאַ באַרקאָוויטש, נאָך אים — באַוואָפנטע ריטערס; טראָגן זעק, שטריק, איַיזנס, אַ לייטער).

קאָד:

(טיַיטלט אויף די דריַי)

זעט דער וואָיעוואָדע?

ווי די טויטע שלאָפן זיי. אַ מויד אין מיטן.

ווי די הינט. ווי טאַטערן נישט־גלייביקע.

באַרקאָוויטש:

פּראַל נישט. אויפגעריגלט.

קאָד:

כ׳רעד דאָך נישט... נאָר כ׳מיין... פאַר וואָס זאָל אַזאַ מויד — —

(ענדיקט נישט)

אָבער קאָכאַן מיט גאָוואָרעקן — זיי וועלן זיך שוין אויסריכטן

אַ שוואַרצן סוף פאַר אַזאַ היטן.

באַרקאָוויטש:

אַהער דעם שלאָס! מיר זענען נישט געקומען הערן

די פּלוידעריַיען פון אַ קאָך.

קאָד:

(נאָכן דערלאַנגען באַרקאָוויטשן דעם שלאָס)

דיך, מויד, וועט מען געפינען מאָרגן צווישן אַט די צוויי.

און די גרוב — אַ פּוסטע... נאָך אַ מאָל פאַרראַט נישט

אַ קאָך אַן ערלעכן.

(וויל אַוועק).

באַרקאָוויטש:

(פאַרשטעלט אים דעם וועג)

וווהין?

קאָד:

אַ גוטע נאַכט. נישט אויסגעשלאָפן, וואָיעוואָדע.

באַרקאָוויטש:

באַלד לייגן מיר דיך שלאָפן.

וועסט נישט גיין פון דאַנען, ליבער מענטש.

קאָד:

כ׳פאַרשטיי נישט.

באַרקאָוויטש:

וועסט דען מאָרגן אַלץ נישט אויספּלוישן. מע קען איַיך, כאַמעס.

קאָד:

איך האָב דעם האַר געהאָלפן. איך וויל שלאָפן גיין.

באַרקאָוויטש:

פאַר דיַין הילף אַ דאַנק. נאָר העלפן מוזסטו ביז צום סוף.

דו מוזסט זיך לאָזן טויטן.

(צו אַ ריטער)

שטעך אים! שנעלער!

קאָד:

(אין טויטאַנגסט)

פאַר וואָס? פאַר וואָס?

דער ריטער:

עס ציטערט מיר די האַנט.

באַרקאָוויטש:

נישט געפּלוידערט! שטעך!

דער ריטער:

(שטעכט דעם קאָד).

קאָד:

(פאַלנדיק)

זוואָנקאַ...

באַרקאָוויטש:

לאָזט אים ליגן. אַ געטריַיער מענטש געווען. געהאָלפן.

(בייגט זיך איבער דער אויפגעעפנטער גרוב)

פאָטערל באַריטשקאַ! פאָטערל באַריטשקאַ!

מיר זענען דיך געקומען אויסלייזן. דאָס רעדט אַ גוטער קריסט,

מאַטשקאַ באַרקאָוויטש.

באַריטשקאָס קול:

איך דערקען די שטים —

באַרקאָוויטש:

דערקען זשע אויך דאָס האַרץ. געקומען ראַטעווען.

אָט איז אַ לייטער. שנעלער. שנעל.

באַריטשקאָס קול:

געלויבט איז יעזוס קריסט.

באַרקאָוויטש:

(פרום)

אין אַלע אייביקייטן.
(די לייטער ווערט אַרונטערגעלאָזט אין גרוב אַרײַן. באַריטשקאַ, פאַרוואַקסן אין גאַנצן, מיט טרייסלענדיקע הענט און פיס, קריכט שלאַבעריק אַרויס, קוקט זיך אומרויִק אַרום, צלמט זיך)
וואונדער טוסטו, יעזוס, צו די גלייביקע צו דײַנע.

באַרקאָוויטש און די ריטערס:
(פרום)
אַמען.

באַרקאָוויטש:
און איצט — אין זאַק קריך, פאַטערל, אין זאַק.

באַריטשקאַ:
פאַר וואָס אין זאַק?

באַרקאָוויטש:
דאָס מוז מען, פאַטערל, מען מוז. ס'אַזוי דער פּלאַן.
(די ריטערס הייבן אָן צו שטופּן באַריטשקאַן אין אַ זאַק אַרײַן)
איר האָט דאָך שטריק — פאַרציט! איר הערט? פאַרציט!

באַריטשקאַ:
איך ווער דערשטיקט. צו וואָס די שטריק, איר קריסטן?

באַרקאָוויטש:
דו ביסט אַ הייליקער און גאָט וועט נישט דערלאָזן,
דו זאָלסט דערשטיקט ווערן גראָד איצט,
ווען ס'ראַטעווען דיך מײַנע לײַט.

באַריטשקאַ:
צו וואָס פאַרצײַען? יעזו, העלף! וואָס טוט איר?

באַרקאָוויטש:
דאָס מוז מען, מוז מען. מ'זאָל נישט כאַפּן זיך,
וואָס מיר טראָגן דאָ און וועמען.
(צו די ריטערס)
שוין פאַרצויגן?

באַריטשקאַ:

(אַ לעצטער כאָרכל, ס׳ווערט שטיל)

באָרקאָוויטש:

דערוואָרגן, אַ? און ווער איז שולדיק? קרול קאַזימיר!
ס׳איז אַלץ דאָך צוליב אים און איר, זײַן ייִדן־טאָכטער,
דעם שיינעם אומגליק פון אָפּאָטשנע.
ווען נישט ער איז קרול און זי זײַן קעבסווײַב —
וואָלטן מיר אַ קריסט אַ הייליקן דערוואָרגן?
ניין, מיר וואָלטן נישט געטאָן אַזוינס.
הייסט דאָס: ער, קאַזימיעזש, ער און די עסטעראַ —
זיי זענען שולדיק! זיי! גאַנץ פּוילן וועט עס וויסן!

די ריטערס:

ער איז שולדיק — און זײַן קעפּסווײַב,
די ייִדן־טאָכטער. פּוילן וועט עס וויסן.

באָרקאָוויטש:

איצט נעמט מיר אים, דעם הייליקן, פון זאַק אַרויס
און לייגט אים אויף אַ רגע דאָרט, ווו ס׳ליגט דער קאָך־יונג.
(דער באַפעל ווערט אויסגעפירט)
איך וויל אַרײַנקוקן אין זאַק. כ׳וויל זען.
(הויקערט זיך איבער דעם ליידיקן זאַק, וואָס ריטערס
האַלטן פאַר אים)
עס פינקלט אויפן דעק פון אָט דעם זאַק
אַ קרוין פאַר מיר. די קרוין פון פּוילן. ווייסט:
איר אַלע וועט בײַ מיר אין גאָלד אַרומגיין.
איר וועט זען, אין גאָלד. איר דאַרפט נאָר פאָלגן.
(פּויזע)
איר זעט? שוין נאָענט צום פאַרטאָג. דער שלאָס —
(גאַפט צום קעניגלעכן שלאָס, וואָס בלייכט אין הינטערגרונט)
דער שלאָס וועט מײַנער ווערן. ס׳ווערט הײַנט נאַכט געבוירן
אַ נײַער הערשער: איך, גרויס־פּוילנס וואָיעוואָדע.

צוויי טויטן, איין געבורט אין אָט דער נאַכט.
און איצט — נעמט צו דעם זאַק פון מיר און לייגט אים,
דעם פּאַטערל, אין זאַק אַרײַן צוריק.
(די ריטערס לייגן באַריטשקאַס קערפּער צוריק אין זאַק אַרײַן.
באַרקאָוויטש ווענדט זיך צו איינעם פון די ריטערס, אַן אַלטן
בערדיקן קריגסמאַן)
צוויי טויטן, האַ? וואָס זאָגסטו, לעך? ביסט דאָך אַ קלוגער.

לעך:
צוויי. געוויס.

באַרקאָוויטש:
ביסט זיכער, האַ? אויך ע ר אַ מענטש — דער קאָך?

לעך:
אויך ער. געוויס.

באַרקאָוויטש:
רעדסט ליגן. זאָג, אַז ניין.

לעך:
איך מיין, אַז יאָ.
אַ גוטער קאָך געווען.

באַרקאָוויטש:
יאָ, ער האָט געהאָלפן. זאָגסטו: צוויי — ?
(צלמט זיך)
און ער, קאַזימירס פאָטער, דער לאָקיעטעק,
האָט דען ווייניק בלוט פאַרגאָסן? קרוין איז בלוט.

לעך:
שיצן זאָל אונדז דער געקרייציקטער.

באַרקאָוויטש:
שלעפּ מיר נאָך דעם קאָך אַהער, דעם נאַרישן.
איך דאַרף אים עפּעס זאָגן.

לעך:
ר'ווועט דען הערן?

באַרקאָוויטש:

שלעף און פרעג נישט, אַלטער.

לעך:

(שלעפט דעם קאָכס קערפּער, קרעכצט).

באַרקאָוויטש:

(איבערן קערפּער)

אַזוי, דו קאָך... דו קעניגלעכער קאָך...

איין שטאָך —

און שוין אויס קאָך... אַ מענטש? לעך זאָגט: אַ מענטש.

דו מעגסט אָבער פאַרשטיין, אַז איך בין האַר,

וואָס גייט אַ קעניג ווערן. זײַ זשע מוחל.

(איבערן זאַק, וווּ ס׳ליגט דער קערפּער פון באַריטשקאַן)

ווי? דו האָסט נישט אויפגעלעבט צוריק,

נישט אויפגעשפּרונגען פלוצלינג,

נישט געלייגט אונדז ווי

נישט טויטע שלאַנגען צו די פיס?

(פויזע; קוקט צום אויפגעגרויטן מיזרח, צלמט זיך

אין געצנדינערישער שרעק)

דו, פּאַרטאָג?

אויך נאָך אַזאַ נאַכט קומסטו? ריטערס, קומט!

גנבעט זיך אַרויס! אַזוי! ס׳איז אין הימלען

קיינער נישטאָ; אויב יאָ — איז ער ווי אונדזער איינער.

(שטיל זיך שאַרנדיק, אָפּ מיט די זײַניקעס).

(די דרײַ — קאַכאַן, גאָוואַרעק, זוואָנקאָ — שלאָפן. אָפּגעסמטע הינט ליגן אַן באַוועג. דער שלאָס שלאָפט. ס׳גייען שטיל צוריק פון שלאָס: פּאַסטעכל — דער גוטער חלום, זקנדל — דער שלעכטער חלום).

פּאַסטעכל:

אײַ, האָב איך עס אָפּגענאַרט, דאָס מיידל פון אָפּאַטשנע...

מיט קיצלדיקע נאַרישקייטן עס פאַרוויגט... קאַטאָוועס־טשערעדעס

געפּאַשעט... זיך אויפן קאָפּ געשטעלט... אין סאַמע האַרצן אסתּרקען
אַרײַנגעפּײַפט.

זקנדל:

כ'האָב דעם טאַטן איר געוויזן, דעם ירוחם... און דעם קרול
האָב איך לאָקיעטעקן געוויזן...

פּאַסטעכל:

אַוועק פון מײַנע אויגן. איך בין יונג —
און כ'שטעל דיר אויס אַ צונג.

זקנדל:

הפקר־יונג! וועסט אויפהערן צו שמײַסן מיטן בײַטשל?

פּאַסטעכל:

(יאָגט אַוועק דעם זקנדל, גיט זיך אַ קוליע־איבער, שטייט אויף
פון באַגינען־טוי נאַס, טאַנצט אַוועק אין קשאַקעס אַרײַן).

נצחיאל:

(קומט אָן, פּאַכעט מיטן שאַטנשטאַק, קוקט אַריבער צו די פענצטער
פון שלאָס, זינגט שטיל אַ זמרל)

שלאָף, שלאָף אסתּרקע.
איך — איך קום צו שפּאַנען
פון פוילנס שוואַרצע וועלדער,
נעפּל־גרויע לאַנען.

בייזע יאָרן, הונדערטער,
וועל איך מיר דאָ שפּאַנען,
ביז איך וועל, ביז איך וועל
אַוועקשפּאַנען פון דאַנען —
און קיין מאָל נישט צוריקקומען,
נאָך אַזוי פיל דורות!

כ'ווייס נישט, נאָר אַזוי איז
דער באַפעל דעם בוראס.

כ׳ווייס נישט וואָס ער וויל,
כ׳ווייס נישט, נאָר כ׳פאַרטרוי אים.
צרות מוז איך אויסשטיין דאָ
פון די ערגסטע גויִים — —
(קורצע פּויזע)

שלאָף, שלאָף, אסתּרקע,
גיסט זיך באַלד אַ וועק.
כ׳וועל אַ מאָל אַוועק,
מיטנעמען, מײַן שוועסטערקע,
צרות פּעק אויף פּעק,
אומגליק גאַנצע פּאָלעס,
גלות, גלות, גלות.

(פאָרהאַנג)

דריטער אַקט

אסתּרקעס שלאָס אין לאָבזאָוו. קלאַנגען פון קלויסטערגלעקער טראָגן זיך פון ערגעץ אין שטיל־וואָלקנדיקן טאָג אַרײַן. אסתּרקע און לעווקאָ אין שלאָסגאָרטן.

אסתּרקע:

אין איינזאַמקייט האָט מיך באַזעצט קאַזימיר.
די הייל דאָ,
באַהאַלטן צווישןביימער, צוגעוואַלגערט מיט אַ שטיין,
ברענגט אים צו מיר בגנבה, פּירט אים אָפּ צוריק —
און זעלטן איז מײַן פרייד און קורץ. דו ווייסט דאָך: זײַנע שונאים
האָבן אויסגעקלערט, אַז דאָס האָט ער
געלאָזט באַריטשקאַן טויטן און אַז אסתּרקע די ייִדישקע

האָט אים אָנגערעדט דערצו. און אסתּרקען אַליין
האָט אָנגערעדט איר שטאָם, דער פײַנד פון זייער גאָט
און זײַנע דינערס. כ׳זיץ פון דעמאָלט אָן פאַרבאָרגן,
און מײַן קינד —
ווּ איז מײַן זון, מײַן פעלקאָ, וואָס איך האָב געבוירן
דעם קרול פון פוילנלאַנד? ס׳איז ער אַליין,
דער טאַטע פון מײַן קינד, געווען געצוווּנגען
צו לאָזן עס פאַרשיקן ערגעץ אין אַ קלויסטער.
הערסטו די קלאַנגען? כ׳ציטער אויף ווי נאָר
איך הער אַ קלויסטער קלינגען: ס׳וויינט צו מיר מײַן פעלקאָ.
וואָס שווײַגסטו, לעווקאָ? וואָלט מײַן טאַטנס בלוט כאָטש
געוואָרן אויפגעמאָנט. אַפילו ד אָ ס
איז נישט באַשערט געווען.

לעווקאָ:

ניין, נישט באַשערט געווען אַפילו ד אָ ס...
דער פאַשקאָ איז קיין אונגערלאַנד אַנטלאָפן,
ווי נאָר קאַזימירס שׂונאים האָבן אים געוואָרנט.
אַז דיך באַשיצט דער קרול אַליין און אַז סוכיווילק
גייט אים אין קייטן שמידן... אָבער וואָס
קאָן טאָן דער קרול? ער איז אַ מלך־חסד,
נאָר אַ מלך איז ער איבער גויִים —
זאָל ער מיט דיר צוזאַמען זיך באַהאַלטן?
ווער זשע וועט, אסתּרקע, אַ מלוכה פירן?

אסתּרקע:

וואָס גייט מיך אָן זײַן מלוכה? כ׳האָב דאָך ליב
נאָר אים אַליין, און נישט אַ מלך. ווער דאַרף מלכים?
וואָס איז אַ קרוין? פאַר וואָס זאָל איך נישט טאָרן
ליב האָבן אַ מענטש דערפאַר בלויז, ווײַל ער הייסט
קאַזימיר און איז מלך איבער פוילן?

לעווקאָ:

אַ קינד ביסטו, נאָך גאָר אַ קינד ——— איך, לעווקאָ,
איך בין דער שולדיקער... חטאתי! ס׳האָט זיך מיר געחלומט
אַ צווייטע אסתר, ס׳וועט די צווייטע אסתר
זיך איינשטעלן פאַר אונדז, ווען ס׳וועט זיך שטאַרקן
די שינאה קעגן אונדז. וואָס מײַנע ברידער
האָבן באַלד געוווסט, דאָס האָט דער חלום
מיך נישט געלאָזן זען... אַ נאַר בין איך געווען,
אָ, ס׳אַראַ נאַר!
כ׳האָב נישט באַנומען, אַז דו קאָנסט נאָר זײַן
דעם מלכס אַ פילגש, נישט קיין מלכה
אין אַ קריסטנלאַנד, דערצו אַ נישט־געשמדטע.
עס האָט דער חלום מיר פאַרבלענדט די אויגן
פון צו זען, אַז צווישן דיר, אסתר בת־ירוחם,
און אַ קאַזימיר בן־לאָקיעטעק, ליגן תהומות
פון דורות. כ׳וואָלט דיך צוכאַפּן געדאַרפט
פון קעניגס אויגן. כ׳האָב מיך נישט געכאַפּט,
אַז אויב דער מלך וועט אַ זון דיר געבן —
וועט ער אַ ממזר זײַן אַ נישט־געמלטער,
אַ ממזר בלויז ——

אסתרקע:

דו רופסט מײַן פעלקאָן ממזר?

לעווקאָ:

יאָ, ווי אַנדערש?
עס איז אין פאָלק אַרײַן אַ מורא, טאָמער קריגט עס
מיט דער צײַט אַ ייִד פאַר אַ הערשער;
אַפילו יאַן סוכיווילק איז נישט דער וואָס פריִער.
פעלקאָ מעג דערצויגן ווערן אין אַ קלויסטער
און מעג אַפילו פײַנט האָבן דעם ייִדנשטאַם —

פאַר זיי איז ער דער זון פון מערדער קריסטוסעס,
זיי מיינען, אַז מיר, די טרעגערס פון גאָטס לוחות,
זענען גרייט צו מערדערן אויך זיי.
פעדערן זיי זיך צו מערדערן באַציטנס אונדז.
וואָס פאַרשטייסטו פון דעם אַלעמען? ביסט בלויז אַ קינד,
בלויז אַן אסתּרקע. און איך ווער בין?
אַ נאַר, אַ לעווקאָ נאַר — —
(עס ווײַזט זיך אַ ייִד מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס).

דער ייִד מיטן זעקל:
פון צלמים, וואָס זיי האַלטן מיך אין הענגען
אויף זיי, בין איך אַרונטער. ס'האָבן רוימערס
מיך אַ מאָל געקרייציקט און פון דעמאָלט
קרייצן מיך גויִים, פּײַניקן אַן אויפהער
מיך און מײַנע ברידער. כ'בין אַ פּראָסטער ייִד,
וויל איך מיט אַ זעקל אויף די פּלייצעס
מיך לאָזן האַנדלען איבער דערפער. כ'האָב נאָר מורא
פאַר דאָרפסהינט, אַז זיי זאָלן מיך נישט רײַסן
בײַ די פּאָלעס. העלף מיר, ליבער גאָט!
(ווערט נעלם).

דער גײַסט פון אסתּרקעס טאַטן:
מײַן הויז איז פאַרברענט צוזאַמען מיט מיר,
פאַרברענט איז מײַן אַכסניא.
מײַן קינד האָט פאַרבלאָנדזשעט צו גויִים
און איך בלאָנקע אום אויפן עולם־התּוהו —
אַז ווײ מיר, מאַשטשיפּאַניע!
אַז ווײ איז מיר און ווינד...
מײַן קינד האָט דעם גויִישן מלך
געבוירן אַ קינד — —
(ווערט נעלם).

(דער שטיין, וואָס וואַלגערט צו די הייל, ווערט אָפּגערוקט פון אינעווייניק
ס׳קומט שטיל אַרויס — און לאָזט זיך גיין צו אסתּרקען און לעווקאָן —
דער קעניג קאַזימיר).

קאַזימיר:

ס׳איז גוט צו זען דיך, לעווקאָ. זי איז איינזאַם
און דאַרף אַ מענטשן פון איר שטאַם.
(צו אסתּרקען, וואָס קוקט אויף אים שווײַגנדיק)
הײַנט, פאַר טאָג, אויף דער יאַגד
האָט דײַן בילד מיר געטאַנצט צווישן ביימער.
כ׳בין דיר נאָכגעלאָפן, אָנגעהויבן בלאָנדזשען.
ס׳האָט מיר פרישער חיה־ריח אין די נאָזלעכער געזעצט,
דער וואַלד האָט אויסגעשפּילט דײַן נאָמען.
מיט אויגן צוגעשלאָסענע
האָב איך זיך צוגעהערט צום שאַל פון הערנער,
גענומען נאָכגיין נאָכן קלאַנג,
אַ וועג געפינען צו די מײַניקע.
און מיר איז פאַרגעקומען: ס׳רופן נישט די יאַגד־הערנער...
דו רופסט — איך גיי...

אסתּרקע:

נישט רעד פון יאַגד, עס איז די בלוטשפּיל פון די שטאַרקע.

קאַזימיר:

עס האָט דער וואַלד, דער גאַנצער וואַלד, פאַרשמעקט
מיט דײַנע האָר.

אסתּרקע:

נישט רעד פון וואַלד... נישט רעד!
ס׳איז געשטאַנען בײַ אַ וואַלד מײַן טאַטנס גאַסטהויז.
אַז דער דאָרפסהאַר פּאַשקאָ
פלעגט אַרויספאָרן אויף יאַגד —
פלעגט אין אונדזער פענצטער אָפּשטאַרבן די זון,
הינט האָבן געבילט, די הערנער האָבן מיטגעבילט.

דאָס גאַסטהויז האָט געציטערט.
נישט רעד פון יאַגד, נישט רעד פון וואַלד.
דאָס זענען רייד פון שטאַרקע.

לעווקאַ:
(האַלב צו זיך)
נישט קיין אסתּר, נאָר אַן אסתּרקע... אַ פייגעלע אין ווינטער...

קאַזימיר:
עס האָט דער וואַלד געהאַט דעם אַנבליק
פון אַ גרינעם קלויסטער. דורך דעם קלויסטער,
דורך זײַן גרין,
בין איך צו דיר, צו אסתּרקען, געגאַנגען.

אסתּרקע:
נישט רעד פון וואַלד, נישט רעד פון יאַגד, נישט רעד פון קלויסטער.
האָסט אין אַ קלויסטער
געלאָזט פאַרשיקן פעלקאַן.

קאַזימיר:
(דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט)
כ׳האָב געמוזט.

לעווקאַ:
האָסטו געהערט, מײַן קעניג, אַז ס׳באַהעלטעניש
פון אסתּרקען איז אויפגעדעקט?

קאַזימיר:
איך ווייס דאָס, לעווקאַ.
דערפאַר בין איך געקומען. לאָמיר זאַלבע דריט
אַרײַן דערוויַיל אין שלאָס. (אַלע דרײַ — אָפּ).

(ווײַטער רײַטער־גאַלאָפּ. אַ רגע ווערט שטיל. דערנאָך קומט אַן מיטן וועג אַ געשטאַלט, אַ קליין־געוויקסיקע, מיט אַ קרוין אויפן קאָפּ, קוקט, האָרכט זיך איין).

לאָקיעטעק:
פוילן, שאַל אויף — איך בין געקומען.

ווּ ביסטוּ? דײַן געקרוינטער רופט דיך.
דער טויט האָט מיר קייטן
געלייגט אויף די הענט.
די שווערד נעם אין האַנט —
און מיט דער שווערד
האַק מיר די קייטן אַראָפּ.
דאָס בין איך, לאָקיעטעק.
(רײַטער־גאַלאָפּ דערהערט זיך פון דאָס נײַ)
מײַן קרוין צוקאָפּנס
הייבן זיך פּוילישע ביימער,
זינגען: גרוס דיר, פּוילנס פּאַן.
ווּ איז מײַן זון, מײַן קאַזימיעזש?
(אָפּ).

(גאַלאָפּ דערנענטערט זיך אַלץ מער. רײַטערס שטײַגן אַראָפּ. פֿאַרן שלאָס אַ טומל. צוויי מחנות: איינע — מיט באַרקאָוויטשן בראש; אַ צווייטע — בראש מיט קאַנצלער יאַן סוכיוווילק, וויעזשינעק און ספּיטעק).

באַרקאָוויטש:
אַנטדעקט קאַזימירס שאַנד! ער האַלט זי דאָ, באַהאַלט זי!
אַהער דאָס קעפּסווײַב!

וויעזשינעק:
מיר טאָרן איר קיין האָר פון קאָפּ נישט קרימען.
דער קעניג האָט באַהאַלטן זי פֿאַר אונדז —
איצט ווען מיר פֿאַר אים זי אויסבאַהאַלטן —
דאָס איז אַלץ. וואָס שרײַט איר?

ספּיטעק:
קעגן כישוף
איז דער גרעסטער נישט באַוואָרנט, שליאַכטע.
וואָס איז דער קעניג שולדיק? און אויך זי —

עסטעראַ — איז נישט שולדיק: זי געהערט
צום מכשפים־פאָלק, איז דאָ אין איר אַ כּישוף,
דאַרף מען זי דערוויַיטערן פון אונדזער קרול דעם קריסטלעכן
און גאָרנישט מער. זי האָט דאָך פאָרט געהערט
צום קעניג. נעמט דעם כּישוף פון אים צו —
און ווידער וועט ער זיַין לאָקיעטעקס זון,
וועט פירן אונדז אין שלאַכט צו פוילנס רום,
און די היַיזער, וואָס ער מויערט, וועט
די בלאַנקע שווערד באַשיצן.
סוכיווילק:
שטיל זאָלט איר זיַין, וויַיל אַלץ געשעט אין נאָמען פון דעם רעכט.
עס וויל דער שלום און דאָס וווּל פון לאַנד,
אַז אסתּרקע די ייִדין, שולדיק אָדער אומשולדיק,
זאָל אָפּגעטיילט פון קעניג ווערן. בלויז דערפאַר
זעט איר אויך דאָ מיך, דעם דינער פוילנס
און קאַזימירס. רויִק און באַדאַכט
מוז פאָרקומען דאָס אַלץ, וואָס טוט געשען
פאַר פוילנס וווּל, וואָס איז צו גליַיך דאָס וווּל
פון איר גרויסן הערשער.
באָרקאָוויטש:
הערשער? גרויסער?
גרויס — מיט וואָס? איז דען נישט ער, דיַין הערשער,
שולדיק אינעם טויט פון גוטן דינער קריסטוסעס,
דעם הייליקן באַריטשקאַ? און דיַין הערשערס קעפּסוויַיב —
שטאַמט זי נישט פון די, וואָס האָבן קריסטוסן געטויט,
און האָט זי דען נישט אָנגערעדט דיַין הערשער,
האָט זי נישט געשטאַרקט זיַין בייזע האַנט?
פאַר באַריטשקאַס הייליק בלוט, איר שליאַכטע!
ריטער:
(פון מאַטשקאַס לייַט)

פאַר באַריטשקאַס הייליק בלוט!

(אַנדערע פון זײַנע לײַט וואַקלען זיך, קערן שטיל

אין סוכיווילקס זײַט).

סוכיווילק:

(צו באַרקאַוויטשן)

דוווילדער העצער!

פאַררעטער דו!

באַרקאַוויטש:

ווען איך בין פוילנס קעניג —

האַ, וואָס זאָגט איר, שליאַכטע —

וואָלט איך באַפּלעקט די הענט מיט בלוט פון קריסטוסעס אַ דינער!

וואָלט אויך איך אים אומגעבראַכט דערפאַר,

וואָס יענער וואָלט מײַן בײַזקייט נישט פאַרטראַגן,

פאַר מײַנע מעשׂים מיך געשטראָפט? וואָס זאָגט איר, שליאַכטע?

וויעזשינעק:

ווען דו ווערסט פוילנס הערשער, וואָיעוואָדע,

וואָלט איך אין מײַן שאַצקאַמער אַרײַן

און וואָלט אַרויסגענומען פון די קאַסטנס גאָר מײַן גוטס

און עס צעשלײַדערט פאַר חזירים פון מײַן הויף

און זיך אַליין וואָלט איך אַרויסגעשלײַדערט אויך

און אַרײַנגעשלײַדערט אין דער ווײַסל — שטאַרב, וויעזשינעק!

באַרקאַוויטש:

שטאַרב זשע! מיט דעם קעניג דײַנעם שטאַרב!

ווײַל ווען איך בין פוילנס קעניג —

האַ, וואָס זאָגט איר, שליאַכטע —

וואָלט איך אויך אַזעלכע־אָ סטאַטוטן געלאָזט שרײַבן,

ווי קאַזימיר דאָרט אין ווישליץ?

ניין. איך וואָלט די אַלטע ריטעררעכט פאַרהיט,

איך וואָלט —

סוכיווילק:

פאַרגעסן, ווער עס שטייט דאָ? גיב זיך אַ דערמאָן:
סוכיווילק! ס׳קאָן אַ צונג אַזאַ ווי דײַנע
דיר קאָסטן — ווייסטו וואָס? אַ קאָפּ.

באָרקאָוויטש:

מיר האָבן נישט קיין מורא.
ברידער שליאַכטע, ווער באַדאַרף דאָ יאַנען?
וואָס טוט ער דאָ? קיין קראָקע זאָל ער גיין!
קיין ווישליץ! רעכט! סטאַטוטן!
(לאַכט)
איצט זענען מיר די קעניגן, נישט וואָר?
(תּאווהדיק)
אַהער דאָס ווײַבשטיק פון אָפּאָטשנע!

סוכיווילק:

שיין איז זי און ריין, דו קרעציקער, דו מאַטשקאָ.
וועסט זי נישט פאַראומרייניקן, חיה.

באָרקאָוויטש:

אַ שיינע ווערט זי זײַן ווי קיין מאָל גאָרנישט?
אַ ריינע אין אַ וועלט, וווּ בלוט איז רעכט,
וווּ בלוט איז קרוין,
וווּ ס׳ווערט אַ מענטש אין בלוט געבוירן,
אין בלוט געטויט?
אַהער דאָס ווײַב! נאָך מיר!

סוכיווילק:

שרצים־בלוט! פאַרהאַלט אים! כאַפּט דעם טײַוול —
(באָרקאָוויטשעס ריטערס ציִען די שווערדן און רײַסן זיך צום שלאָס.
סוכיווילק, ספּיטעק, וויזשינעק און אַנדערע קעניג־געטרײַע
פאַרשטעלן די דורכגענג).

סוכיווילק:

איבער מײַן קערפּער! אָפּטרעטן! צוריק!

(באַרקאָוויטשעס לײַט, אָפּהענטיק, הייבן אָן זיך צוריקציִען).

באַרקאָוויטש:

וואָס הערט איר אים? ווער איז ער?

סוכיווילק:

מיר וועלן זי אַרויסרופן, נישט וואָר,

זיך נייגן און איר זאָגן וואָס מיר ווילן.

מיט ערפּאָרכט וועלן מיר דאָס טאָן, לעכיטן.

וואָס דעם האַר איז ליב — דאָס מוזן ערן זײַנע דינערס.

באַרקאָוויטש:

מיר ערן נישט דעם קעניג און מיר דינען נישט

נישט אים, נישט יאַנען.

(ס׳באַווײַזן זיך: דער קעניג, לעווקאָ; לעווקאָ פירט אסתרקען

פאַר דער האַנט).

קאַזימיר:

(צאָרנדיק)

דאָס ביסט דו, באַרקאָוויטש?

באַרקאָוויטש:

ווער באַדאַרף דיך?

(צו זײַנע לײַט)

ווער מיט מאַטשקאַן — שלאָג!

קולות:

פאַרן בלוט באַריטשקאַס — שלאָג!

לעווקאָ:

(צו מאַטשקאַן)

דו וואַלד־חזיר! מע דאַרף דעם קאָפּ דיר שפּאַלטן —

באַרקאָוויטש:

אויף שטיקער האַקט, צעהאַקט דעם ייִד, דעם לעווקאָ!

סוכיווילק:

(האַלב צום קעניג, האַלב צום המון)

רעכט ווערט אין בונט פאַרוואַנדלט! ווילשטאַנד פונעם לאַנד —

אין אויפשטאַנד קעגן לאַנד!

שווערד קעגן שווערד און שטראָף פאַר מאַטשקאָן — שלאָגט!

באַרקאָוויטשעס לײַט:

פאַר יאַנען — שטראָף! פאַר מאַטשקאָן — קרוין!

באַרקאָוויטש:

די יידנמויד אַהער! דערנאָך — קאַזימיר, אויך קאַזימיר!

באַרקאָוויטשעס לײַט:

ווער פאַר מאַטשקאָן — שנײַד!

באַרקאָוויטש:

געדענק: אויך בראַנדענבורגיע איז אויף מאַטשקאָס זײַט.

קוק נישט — שנײַד!

און פאַר דער קרוין — אַ לוין!

(צום קעניג און צו סוכיווילקן)

ס'איז אויס מיט אײַך!

אַנדערע ריטערס:

לוין? אָט שוין באַקומסטו, בונט!

סוכיווילק:

געטרײַע, צו די שווערדן! בונט —

וויעזשינעק:

(צו באַרקאָוויטשן)

הונט משוגענער — פאַרשווערער — הונט———

ספּיטעק:

פאַרן קעניג! וואַרפט זיי אויפן גרונט!

(שווערדן־געראַנגל. אויף דער ערד — פאַרוווּנדעטע ריטערס. סוכיווילקס מחנה שטאַרקט זיך איבער דער מחנה פון מאַטשקאָ באַרקאָוויטשן).

לעווקאָ:

(לויפט צו צו באַרקאָוויטשן, כאַפּט אים אַרויס פון האַנט די שווערד).

קאַזימיר:

בינדט דעם באַרקאָוויטש!

(די קעניג־געטרײַע בינדן אים).

באַרקאָוויטש:

(ווילד)

ווען בינדט איר? מ י ך?

(דערזעט זיך צוגעבונדן צו אַ בוים און אַרומגעשטעלט

פון ריטערוואַך)

איבערן בוים — אַ הימל. איך אונטערן בוים.

הימל, איך, אַ בוים אין מיטן.

וווּ בין איך דאָ, לעכיטן?

קולות פון זײַנע לײַט:

געפאַלן מאַטשקאָ! לויפט!

(אַ טייל לויפן).

סוכיווילק:

איצט זאָל ער קעניגן! איצט, וואָיעוואָדע, הערש!

אַ קול:

(פון צווישן די באַרקאָוויטש־לײַט)

לויפט נישט! פאַרגעבונג בעט בײַם קעניג און בײַ יאַנען!

אַן אַנדער קול:

אַנטלויפן? קאָנען מיר דען איבערלאָזן גוססע?

באַרקאָוויטש:

פּחדנים! שלאָגט! בינדט אָפּ! וואָס גאַפט איר? ש ט ר ו י!

סוכיווילק:

(צום קעניג)

פאַרגיב די דינערס דײַנע. און פאַרגיב,

וואָס דו זעסט מיך ד אָ.

קאַזימיר:

וואָס טוען מײַנע דינערס צווישן רויבערס?

סוכיווילק:

אָפּגעהאַלטן האָבן זיי פון רויב די רויבערס,

צוריקגעשלאָגן די, וואָס האָבן צורויבן געוואָלט

דעם קעניגס מאַכט און כּבוד און זײַן אוצר, די עסטעראַ,
געבונדן בונט און אומרעכט. אָבער —

קאַזימיר:
כ׳הער.

סוכיווילק:
ס׳האָט ברידערבלוט באַפלעקט די ערד
פאַר דײַן האַרץ־געליבטערס שלאָס, מײַן קעניג.

קאַזימיר:
(שווײַגט).

סוכיווילק:
מוזסט אָפּשייד נעמען, קעניג.

קאַזימיר:
דו, סוכיווילק, זאָגסט עס?

סוכיווילק:
(פעסט)
אין נאָמען פון דעם לאַנד.

קאַזימיר:
דו מיינסט אַזוי?

סוכיווילק:
דו זעסט אַליין, מײַן האַר.

קאַזימיר:
(מיט אַ האַלב קול)
איך זע.

סוכיווילק:
מיר וועלן בוקן זיך פאַר דער עסטעראַ,
אַוועקפירן זי ערגעץ אין אַ שלאָס אַן אַנדערן, אַ גאַר־גאַר ווײַטן
און געבן היטערס איר און געבן קנעכט,
אַלץ וואָס איר האַרץ וועט באַגערן,
פון הימל — דאָס גאָלד פון די שטערן,
דאָס זילבער פון דער ווײַסלס כוואַליעס,

און ברענגען איר די בעסטע ווײַנען,
און אָנפילן איר שלאָפקאַמער מיט ריחות פון געווירצן,
מיט ווינטן, וואָס פאַרוויגן,
און דעם קאָפּ דעם גאָלדענעם פון דער לבנה
איר ברענגען צום געשאַנק,
און געבן איר דאָס אַלץ, וואָס פליט נאָר דורך
דורך די וועלדער פון געדאַנק —
אַלץ איר געבן, אויסער דיך!
דיך דאַרפן מיר פאַר זיך —
מיר דאַרפן דיך פאַר פוילן.
(שטילקייט).

קאַזימיר:
(רעזיגנירט)
דורך דיר רעדט פוילן. יאָ, איך האָב דערהערט.
עס רעדט נישט אַזוי איינער — ס׳רעדט אַ שטאַם.
ס׳איז אומגערעכטיקייט, נאָר נישט פון איינעם,
נײַערט פון אַ שטאַם אַ גאַנצן, יאָ.

אַן אַלטער ריטער:
(פון באָרקאָוויטשעס מחנה, אויף דער ערד אויסגעצויגן,
ערב דער גסיסה)
איך שטאַרב... איך וויל... איך מוז... מוז זאָגן... אַז...

סוכיווילק:
(דערנענטערט זיך צו אים)
וואָס ווילסטו זאָגן? אַז דו שטאַרבסט ווי נאַרן שטאַרבן —
פון וועגן אַ באָרקאָוויטש?

באָרקאָוויטש:
(צום גוסטדיקן)
לעך, דו שטאַרבסט דאָך סײַ ווי סײַ... טאָ רעד נישט... שטאַרב!
באַריטשקאַ האָט נישט אויפגעלעבט אין יענער נאַכט,

און גאָט — ער האָט געשוויגן. שווײַג אויך דו.
קום אום — און שווײַג —

לעד:

גאָט רעדט דורך מענטשן... איצט דורך מיר... זײַט וויסן...
באַריטשקאָן האָט געלאָזט דערווערגן מאַטשקאָ...
פּאַר איין ווערט אויף דעם קאָך אין יענער נאַכט...
געלאָזט דערשטעכן... און באַריטשקאָס בלוט
אויפן קעניג און דער יידישקע אַרויפגעלייגט...
זײַ מוחל, יעזו... מוחל...
(שטאַרבט).

קאַזימיר:

מערדערס האָבן זייער שווער געוויסן
אַרויפגעלייגט אויף מיר און איר. לעכיטן,
איר האָט געגלייבט.
מיט אײַזן דאַרף מען הערשן איבער אײַך —

סוכיוווילק:

און מיט רעכט —

ספּיטעק:

אָ, ווען אַ קריג דערצו!

סוכיוווילק:

איך הייב די האַנט און שווער אין פּוילנס נאָמען:
פּאַרטיליקט מוזן ווערן אַלע מאַטשקאָס.

באָרקאָוויטש:

פּאַרטיליקט מוזן ווערן די סוכיוווילקס.

וויעזשינעק:

פּאַרטיליקט מוזן ווערן די באָרקאָוויטשעס.

ספּיטעק:

נאָר וואָס שווײַגט לעווקאָ? און וואָס שווײַגט עסטעראַ?

ס׳מוז עפּעס זײַן אין אײַער שווײַגן, לעווקאָ,
כ׳וויל וויסן וואָס דו קלערסט.

לעווקאָ:

ס׳איז געווען אַ חלום — און דער חלום
האָט אָפּגענאַרט סײַ פּוילנס גרויסן הערשער
און סײַ דאָס ייִדן־מיידל פון אָפּאָטשנע.
אָט דאָס איז וואָס איך קלער.

אסתּרקע:

(צו קאַזימירן)
איידער מײַנע ווערטער ווערן ווערטער,
ווערן פון זיי קושן.
איידער מײַע קושן ווערן קושן,
ווערן פון זיי טרערן.
נאָר ניין, איך טאָר נישט וויינען.
(צו סוכיווילקן)
סוכיווילק, כ׳האָב פאַרנומען דײַנע רייד.
איך דאַרף נישט קיין באַהעלטענישן, ניין.
איך וויל נישט וואַנדערן פון שלאָס צו שלאָס.
קיין אָפּאָטשנע וויל איך גיין.
אויף די חורבות פון מײַן פאָטערס גאַסטהויז
וועל איך שטיין. דאָרט וועל איך לאָזן בויען
אַ קלויז. דאָרט וועט מען נאָך מײַן טאַטן זאָגן קדיש.
און איך אַליין —
וואָס וועט זײַן מיט מיר? איך ווייס נישט. כ׳גיי אַוועק.
כ׳וועל גיין און ס׳אַרט מיך נישט אויב כ׳וועל פאַרגיין.
באַגלייט מיך, לעווקאָ.
(ביידע אָפּ. טיפע שטילקייט).

אהרן צייטלין

עפּילאָג

אויף די חורבות פון ירוחמס גאַסטהויז אין אָפּאָטשנע.
סודותדיקע שטיל־אויסגעשטערנטע נאַכט.

אסתּרקע:

דאָ איז געווען אַ מאָל מײַן הויז.
דאָ איז געווען אַ מאָל מײַן מאַמע:
מיך אויף דער וועלט געבראַכט און אין אַ וועלט אַן אַנדערער
אַוועק. דאָ איז געווען אַ מאָל מײַן טאַטע.
דאָ איז געווען, געווען... און איך אַליין
בין אויך געווען. כ׳בין אַ געוועזענע. איך שטיי
אויף געוועזנס, לעווקאָ.

לעווקאָ:

ס׳דרייט זיך אום דאָ אויף די חורבות
אַ מענטש, דו זעסט? העי, קום אַהער, דו מענטש!
זאָג: וווהין קוקסטו? אָדער גאָר — אין וואָס?

משוגענער:

איך קוק אין זאַכן צוויי, וואָס זענען איינס:
אין דעם, וואָס איז געווען,
און אין דעם, וואָס וועט נאָך ווערן ווער־ווייס־ווען.
זע איך, בראַנדן, שׂרפות איינע גרעסער פון דער צווייטער.
עס ברענט, עס ברענט דאָס גאַסטהויז. אייביק ברענט
דאָס גאַסטהויז. ס׳קראַכן באַלקנס, טירן, ווענט...
אין דעם גאַסטהויז ווערט דער ייִד פאַרברענט,
און אַ פאַרברענטער גייט ער, גייט ער, גייט ער...

אסתּרקע:

מיר ציִען זיך די פינגער פון די הענט

שבת־ליכט צו צינדן —

לעווקאַ:

(צום משוגענעם, טײַטלענדיק אויף אַ שאָטן)

ווער איז יענער?

משוגענער:

פון דעם נישטאָ־נאָך, פון די דורות שפּעטער...

גייט דורך פּוילנס נאַכט און עפּעס זוכט ער, עפּעס רעדט ער...

פּרץ:

פּוילן, דײַן נאַכט און מײַנע

האָבן זיך צונויפגעבאַהאַפטן.

שפּין זיך, נאַכט טאָפּלטע, שפּין!

ווער אַזוי דין,

איך זאָל דורך דײַן אײַנגעוועבטן קאַנען

אויף ייִדיש דערהערן דאָס קול

פון דער וועלט.

(פּויזע)

ניין, כ'בין גענאַרט!

פּוילנס נאַכט.

יאָגסט מיך, פאַריאָגסט מיך.

כ'מוז פון דאַנען גיין.

בין נישט פון דאַנען, ניין.

כ'מוז גיין —— מוז גיין ——

(אַ שאָטן אַ צווייטער קומט אים אַנטקעגן).

מיצקעוויטש:

מײַן טאַטע — פון אדום,

מײַן מאַמע — פון ייִדן,

און מײַן נאָמען — אָדם —

איז דערווײַל נאָך ד ם.

פּרץ:

פון פראַנקיסטן קומסטו,

פיר און פערציק הייסטו — —
גייסט אויך — וווהין גייסטו?

מיצקעוויטש:
פיר־און־פערציק הייס איך.*
דם — און ס׳פעלט דער אַלף.

פרץ:
ווער דו ביסט — דאָס ווייס איך,
דאָך ווער איך בין ווייסטו נישט...
פון דײַן מוטערס שטאַם!

מיצקעוויטש:
אָדם איז נאָך דם...
אָדם איז נאָך דם...

פרץ:
בלאָנדזשעסט אויך...

מיצקעוויטש:
ווי דו...
ס׳יאָגט פוילנס נאַכט אויך מיך.
האָבן מיך אַוועקגעשטעלט —
שטיי בײַ אונדז, באַדענקמאָלט זײַ —
כ׳קאָן אָבער נישט שטיין בײַ זיי.
כ׳מוז פון דאַנען גיין.
בין נישט פון דאַנען, ניין.
כ׳מוז גיין, מוז גיין.

דער ייִד מיטן זעקל:
אויך איך מוז גיין.
בין נישט פון דאַנען, ניין.
זיי האָבן מיך אַרויפגעהאָנגען,

* „פון אַ פרעמדער מאַמען, אַלט גיבוריש־בלוט זײַן בלוט, און דער נאָמען זײַנער — פיר און פערציק״ (די גרויסע אימפּראָוויזאַציע).

א ס ת ר ק ע

ס׳קרייציקן מיך צלמים —
נידער איך צו גיין
צום אמתן משיח,
צום וויַיטן אַחרית־ימים.

י ר ו ח ם :

גיי איך, גיי איך, אַלע גיי׳מיר —
אסתּרקע, קום מיט!

א ס ת ר ק ע :

אַלע גיי׳מיר, גיי׳מיר —
טאַטע, איך קום מיט!

ל ע ו ו ק אָ :

גיי׳מיר אַלע, אַלע —
מיט די זעלבע טריט —
(צום משוגענעם)
נו, און דו — און דו?

מ ש ו ג ע נ ע ר :

נעם פון מיר צו
דיַינע אויגן די קלוגע——
פון ייִדישע צרות
בין איך משוגע.
אַוודאי גיי איך!
איך גיי נאָכן ריח
פון ייִדישע שׂרפות —
טרייף איז זי, טרייף איז
די וועלט — בײַם מיזבח
וואַרט אויף מיר אויבן
מיכאל דער שׂר,
איז מקריב נשמות
פאַר גאָט אונדזער האַר.
(האָרכט)

שאַ, סקאַנדאַל קומט!
דער אייביקער ייִד!
וואָס מאַכסטו, נצחיאל?
זינג מיר אַ ליד...

נצחיאל:

(אָנגעלענט אָן זײַן שאָטנשטאָק, שטייט ער, קוקט
אין ערגעץ אַרײַן, זינגט שטיל)

פּה לין! פּה לין!
אַזוי דער גזר־דין.
נעכטיקן מוזסטו דאָ די נאַכט,
דו מוזסט.
פאַר וואָס?
אין די ערגעצן איז דאָס באַוווּסט.
און אַ מאָל, ווען די נאַכט
וועט נעמען נאַכטן
מיט אַ טײַוולשן כּוח
אַ נישט געדאַכטן,
וועט נאָך דעם ווערן
אויס פּה לין.
און אין ירושלים
גייט אויף אַ באַגין
און קיין ירושלים וועט מען גיין,
קיין ירושלים וועט מען גיין.

(סוף)

איבערגעאַרבעטע ווערסיע — 1967.

יעקב פראַנק

דראַמע אין זעקס בילדער

די געשטאַלטן

יעקב־יוסף פראַנק
אַוואַטשאַ — זײַן טאַכטער
מאַליוודאַ
דער אַלטער אלישע
יאָזעף דער צווייטער
פירשט פאָן־קאַוניץ
גרויספירשט
ישׂראל בעש״ט
זײַן ווײַב
דער ניסתּר — אַ באַהאַלטענער העל־
פער דעם בעל־שמס,
אַ רואה ואינו נראה
שבתי צבי
נתן העזתי
אַברהם היכיני
שמואל פרימו
נחמיה חיון

אַ המון — שבתי־צביניקעס
אַ המון — פראַנקיסטן
דער לץ
ירוחם
פראַנצישעק
גולמל
דער שליח
נערות
בעלי־קבין
אַ בעל־קב — אויף שטאַלצן
דריי קאָנפעדעראַטן — מאַליוודאַס
יונגען
פראַנקיסטן אולאַנער
שענקער
שענקערין
זעלנערס
אַ מויד

צײַט — אין אַכצנטן יאָרהונדערט

יעקב פראַנק

דאָס ערשטע בילד

רויטע דעמערונג איבער די קאַרפּאַטן.
פאַר דער טיר פון אַ הייל אין די קאַרפּאַטן־בערג — דער בעש״ט
מיט זײַן ווײַב.

דאָס ווײַב: די זון פאַרגייט. צײַט שלאָפן גיין. ישׂראל, שלאָפן גיין. דאַוון אָפּ מעריב — און לאָמיר אַרײַן אין דער הייל.

בעש״ט: אַ גאַנצן טאָג זיך אָנגעהאָרעוועט, ליים געגראָבן. ליים. אַ ליימענער טאָג. און דו, אָרעמע אישה, מיטן וועגעלע ליים ביסטו געפאָרן איבער דערפער. געהערט אַ ביסל, ווי זי האָט דאָס אַ גאַנצן טאָג געזונגען?

דאָס ווײַב: ווער, ישׂראל? איך — געזונגען?

בעש״ט: (שמייכלט) די זון. זי האָט אָפּגעזונגען. איצט פליט זי אַוועק.

דאָס ווײַב: (טוליעט זיך צו אים) קאַלט, ישׂראל. קאַלט איז אין די בערג, ישׂראל. און פאַר וואָס וווינען מיר אין די בערג, ישׂראל? מיר קאָנען נישט וווינען אין אַ שטעטל, ווי אַלע ייִדן? וואָס?... — שאָטענער קריכן... פון אַלע זײַטן... דאָרט, זעסט? שאָטענער מיט פּנימער... קום, ישׂראל. כ׳האָב מורא, ישׂראל, מירן פאַרקריכן אין הייל אַרײַן.

בעש״ט: שרעק דיך נישט, קינד מײַנס. די בעסטע צײַט אַצינד. אַ טאָג זיך אָנגעהאָרעוועט — איז דאָס באַצאָלט פאַר דער האָרעוואַניע

מיט דער מי ס׳ביסל אײַנקוקן זיך. לאָז קוקן, אישה. די לופט איז ריין.

דאָס ווײַב: אָבער איך פאַרכט מיך. איך האָב גרויס פאַרכט, ישׂראל. וואָס קוקסטו אַזוי?

בעש״ט: מורא! מורא! שייך מורא האָבן? לאָז אַראָפּ דעם קאָפּ.

דאָס ווײַב: (ציטערט) וואָס גייסטו טאָן, ישׂראל? איך וועל שרײַען! אוי!

בעש״ט: (רויִק) שלאָף אײַן.

דאָס ווײַב: ס׳איז מיר שווער דער קאָפּ. האָסט אויף מיר אַ באַרג אַרויפגעלייגט. האָסט אויף מיר אַ שלאָף אָנגעוואָרפן, ישׂראל (שלאָפט אײַן).

(בעש״ט שמייכלט צו זיך. פּיפּקעט פויעריש פון דער ליולקע. שאָקלט זיך. באָרד און קאַשקעט באַוועגן זיך פּאַמעלעך, ווי גראָז אויפן ווינט. ער קוקט, ווי אַ העלפט פון קעגנאיבערדיקן באַרג איז אָנגעטאָן אין ברענענדיק גאָלד און ווי די צווייטע העלפט ווערט אַלץ שוואַרצער... אין דער אומגעהײַערער שטילקייט הערן זיך בת־קולס, וואָס קומען און פאַרגייען, ווי אונטער דער ערד. זילבערנע גלעקלעך פון אַ פערדגעשפּאַן קלינגען ראַפּטעם אויף, לאַכן אָפּ אַ זילבערן געלעכ־טערל און ווידער ווערט שטיל. פאַרציטערט און פאַרזיכטיק צו גלײַך, ווי קינדער, וואָס האָבן מורא צו שטעלן אַ פוס אין הייס וואַסער, שלײַכן שאָטנס צווישן און איבער די קאַרפּאַטן־בערג — אַ רוק פאָרויס און אַ טראָט הינטערווײַלעכץ, אַ שטעל אַ פוס און אַ גיי אויף צוריק. דאָ און דאָרט נעמען זיך ווײַזן אומבאַשטימטע שווינדל־פּנימער, ווירבל־פּרצופים, וואָס אײַלן פאַרבײַ, פאַרפלעכטן זיך אין רעדער, האַלבע רעדער, מנורות, קוואַדראַטן — און פאַרגייען, האַלב־לאַכנדיק, האַלב־וויינענדיק. דער בעש״ט זיצט רויִק פאַר דער הייל, קלאַפּט אָפּ די ליולקע, די פּיס אויסגעצויגן פאַר זיך, און קוקט פאָרויס, אין דער לופט אַרײַן — ווי ער וואָלט מעין געווען אין אַ ריזיקן ספר.

אַ רגע האַקט זיך אָפּ דאָס שפּיל פון די פּנימער. די לופט בלײַבט הענגען אויסגע־ליידיקט, קלאָר ווי אַ ים. אַ שטיק פאַרגייענדיקע זון גיט אַ שפּריץ איבער די בערג, פלאַקערט אויף אַ ווײַל, ווי אַ בריליאַנטן־בלינצנדיקער קנויט — און דערנאָך ווערט ווידער ווי פריִער. די פּנימער און שאָטנס הייבן זיך ווידער אָן צו שאַרן. צוויי ריזיקע, טונקעלע הענט הייבן זיך אויף, ווי פליגלען פון אַ פויגל, גיבן אַ פּאָך אויף פיר זײַטן און מאַכן צייכנס. גלײַך דערנאָך, ווי אויף דעם סיגנאַל פון די צוויי הענט, ווערט אין די בערג אַ גערודער: עס הערט זיך דאָס ראַשע פאָרן פון אַ וואָגן. דער אומגעזעענער וואָגן קוילערט זיך פאַרבײַ אין די בערג, ווי אַ קורצער דונער. עס זעען זיך נאָר אַרויס בעתן דורכפאָרן לאַנגע, פאָכעדיקע לייצעס, וואָס פאַרשווינדן אין די בערג, און ס׳הערן זיך אַרויס געלעכטערלעך מיט גרילציקע מיאַוקערײַען פון די אָונט־לצים, וואָס פאָרן דרינען, אין וואָגן, אומגעזען).

בעש״ט: (שאָקלט מיטן קאָפּ) חברה קונדסים הייבט זיך שוין אָן

נאַריש צו מאַכן. אוי, איר חברהניקעס, פּוסטע מײַלער, ליידיקגייערס פרײַ־לעכע! אַמער וואָלט איר אַזוי געהאָרעוועט, ווי איך. אַ טאָג זיך אָפּגע־פּראַצעוועט. אַ מערכה, איר טוט גאָרנישט! כ׳לעבן, אײַך איז ווויל, איר קונדסימלעך, סטרא־אחראניקעס קליינע, בערעלעך־וואָרפערס! איר פאָרט זיך אַרום, ווי די כּראַביע־פּאַטאַצקעס. און איך, פאַרשטייט איר מיך, בין מיר אַנ׳אָרעם מענטש. קודי!... נישט פאַר ישׂראלן! אונדזערס אַ מענטש, פאַרשטייט איר, פּראַצעוועט זיך אָן — קאָן ער מיט אַ גליד נישט רירן. זיצט און קוקט.

(צווישן די עולם־התוהו־שאַטנס איבער די קאַרפּאַטן טיילט זיך ביסלעכווײַז אויס אַ לעבעדיקע פיגור פון אַ מענטש. גייט אָנגעטאָן ווי אַ בעטלער. אַ זאַק פאַרוואָרפן איבער די פּלייצעס, אַ שטאָק. שטײַגט אַראָפּ פון די קעגנאיבערדיקע בערג צום בעל־שם. עס זעט אויס, ווי די זון וואָלט אים אַרויסגעשיקט פון הינטערן באַרג).

בעש״ט: (זעט אים אַראָפּשטײַגן, פרייליך) אַ גוטן אָוונט דיר, לייבל! זע־נאַר, ביסט דאָך עפּעס קוים מיט צרות געקומען!

דער ניסתּר: אַ גוטן אָוונט, אַ גוטן אָוונט! חברה האָט פאַרשטעלט נ׳וועג (וואַרפט אַראָפּ דעם זאַק, לייגט אַוועק דעם שטאָק און זעצט זיך צו צום בעל־שם).

בעש״ט: (באַטראַכט אים) אַזוי... אַזוי... חברה חיצונים האָט אַ ביסל דעם וועג פאַרשטעלט. נו, איז וואָס? מעגן שטיפן. נעבעך אַ רחמנות. ליידיקגייערס! זאָלן זיי אַ ביסל הנאה האָבן. דאָס ביסעלע שׂימחה, לייבל. קאַטאָוועסניקעס. ורחמיו על כל מעשׂיו. (פּויזע) איצט זאָג מיר אָקערשט, לייבל, וואָס איך וועל דיך פרעגן: געווען מלאָכה דעם טאָג?

דער ניסתּר: אַוודאי געווען! דאָ געהאַנדלט סחורה אויפן יאַריד, דאָ צום משוגענעם פּריץ אין פּאַלאַץ אַוועק, דאָ גאָר צו שבתי־צביניקעס זיך אַוועקגעשלעפּט... זיך אין מיטן טאָג פאַרשפּאַרט מיט ווײַבער... גילוי־עריות... טאַנצן מיט וואַקסענע ליכט אין די הענט... הוילע ווײַבער שפּרינגען, וואַרפן זיך... פּיס, האָר, הענט — אַלץ אין דער הייך!

בעש״ט: (לאַכט).

דער ניסתּר: מיטן פּריץ שוין געווען ס׳גרינגסטע... מיט אים גראָד נישט לאַנג אײַנגעטענהט. יאָגסט אַרויס — מאַך איך — מאַשקען פון

קרעטשמע אַרויס, גייסט אים בדיל־הדל שטעלן, זיי זשע וויסן, אדוני־פּריץ, אַז כּך־וכך...

בעש"ט: און דאָס יאַרידל? עפּעס געלייזט?

דער ניסתּר: ס׳יאַרידל? נישט צום פאַרזינדיקן. מיצוות איינגע־האַנדלט. נשמהלעך. (פאַרקלערט) שטיי איך אין געוועלבל, וואָס איך האָב מיר געדונגען, און קוק אויס קונים. אַ געפּילדער — ווייבער אין פּאַטשיי־לעס מאַכן נדבות פאַר אָרעמע כּלות, נעבעך — אַ ייִד שלעפּט אַ קו פאַר די הערנער — אַ מלמדל קומט מיט אַ ציג — אַ בער טוט טאַנצן ביי אַ ציגיינער — קונצן־מאַכערס — פויערימלעך אין סערמעגעס... אַ מערכה, די וועלט האָוועט. קיינער זעט נישט, אַז ר׳ לייבס קלייטל איז פּוסט... הוילע פּאָליצעס... לייט גייען פאַרביי און שמעקן נישט אַריין... זעען נישט — נישט דאָס קלייטל, נישט מיך... וואַרט איך טאַקע אויף דעם רעכטן קונה, עס זאָל עפּעס איצטער פאַרביילויפן פון סאַמע געדיכטן עולם־התוהו אַרויס — וועל איך אים שוין אַליין אַריינרופן, דעם קונה, נישט לאָזן מיטליידיקן, חלילה...

בעש"ט: און געפּאַקט?

דער ניסתּר: נאָך אַ מין!

בעש"ט: אַ קונה אין די יאָרן?

דער ניסתּר: אַ צוויי טויזנט שנים! לויפט — דורות!

בעש"ט: אָפּגעשטעלט?

דער ניסתּר: ביי דער סאַמע פּאָלע אָנגעכאַפּט! ווו לויפט אַ ייִד? גאָרנישט! מוז לויפן! האָט קיין צייט נישט... און אַזוי — דורות... און האָט קיין צייט נישט... אַ מינוט נישט... קרוע־בלוע, דאַר — אַ האָקן, הענדעם־פּענדעם, די הענט אין דער לופטן — אַ ווינטמיל! מאַכט עפּעס מיטן מויל... אים דאַכט זיך, אַז ער שרייט! אַ נעבכטיקער טאָג — עס ד אַ כ ט זיך אים!

בעש"ט: (מיטפילנדיק) און — צעהיצט, לייבל? פאַרשמייעט, נעבעך?

דער ניסתּר: קוים אָפּגעשטעלט! ער מוז — מאַכט ער — לויפן צום פּריץ!

בעש"ט: אוי, נשמהלעך! רק געלאָפן, נעבעך, און רק געשוויבלט... עולם־התוהוס געשעפטן! פאַרהאַוועט! און קליפּות יאָגן אָן מיט זיי, מען

שטעלט זיי אויס אַ צונג — זיי זעען נישט... פערדלעך בלינדע — קיין ברונעם נישט אויפן וועג, קיין קרעטשעם... בײַטשן פון הינטן, משוגעתן פון פאָרנט... דרייען זיך ווי מילן אויף אַ באַרג, מאַכן אָן ווינט אויף דער וועלט!

דער ניסתר: הײַנט געזען אין איוואַניע אַזאַ מיל...

בעש״ט: און דאָס מעל שוואַרץ — אַ? חושך?

דער ניסתר: ס'אַ מיל גאָר אַ גרויסע!

בעש״ט: ווו מאָלט זי? בײַ די שבתי־צביניקעס?

דער ניסתר: בײַ די שבתי־צביניקעס.

בעש״ט: און דער וואָס גראָבט דאָרט, גראָבט טיף?

דער ניסתר: ביז אונטער די וואָרצלען! עס זאָל ווערן כּולו־חייב...

(אַ פּאַרציטערטער) כּולו־חייב וויל ער...

בעש״ט: אַ מדרגה!

דער ניסתר: רשעים אין גהינום מעגן רויט ווערן... וואָס ער צעטוט אַלץ בײַ זיך אין איוואַניע! קינד־און־קייט — אַלע בײַ אים... ווײַבער אַנטלויפן פון מענער, קומען אָן אין מיטן נידה צו לויפן, די האָר צעפלאָ־שעט, טוען זיך אויס נאַקעט — מען טאַנצט... געווען דאָרט... גאָרנישט אויפגעטאָן... דערזען ס'פײַער, צוריקגעגאַנגען... סדום ברענט אין איוואַניע!

בעש״ט: אַלץ ער, לייבל! שבתי־צבי, זאָג איך דיר. זײַן האַנט! ער רוט נאָך נישט!

דער ניסתר: דאָס רחמנות אויף די לײַט — אײן־לשער...

בעש״ט: וואָרט, לייבל, מ'דאַרף אַ פרעג טאָן בײַ אים אַליין.

(עלית־נשמה־שטילקייט. בעש״ט מאַכט צו די אויגן, פאַרשטעקט די ליולקע אין גאַרטל, זיצט אומבאַוועגלעך. אין די בערג טונקלט אַלץ מער, אָבער שטיקער זון, ווי שטיקער בלוט, שפּײַט אַרויס דער מערב פון צײַט צו צײַט אין די בערג אַרײַן. בעש״טס ווײַב כאַפּט זיך אויף, וואַרפט אַ דערשראָקענעם בליק אַרום זיך, לאָזט אַרויס אַ טיפן קרעכץ און דרימלט אײַן צוריק, ווי אַ פאַרכישופטע, מיט אַ קרומען שמייכל אויפן פּנים. דער ניסתּר שטעלט זיך אויף. ער בלײַבט שטיין אין דער גאַנצער הייך פון זײַן גיבור־געשטאַלט פאַר די בערג פון קעגנאיבער. האָרכט זיך אײַן, קוקט פון בעש״ט אויף די קאַרפּאַטן — פון די קאַרפּאַטן צוריק אויפן בעש״ט, און מורמלט שטיל למד־וואָווישע תּפילות. הינטער די בערג הייבט זיך ווידער אָן צו באַוועגן... ווײַטע אויסרופן, וואָס ווערן אַלץ נעענטער).

דער ניסתר: אַראָפּברענגען שבתין! אַ קליינקייט!

בעש"ט: (עפנט צוריק די אויגן) קום אַהער. זעץ דיך.

דער ניסתר: (גייט צוריק אויף זײַן אָרט) ער גייט?

בעש"ט: ער — און די זײַניקע.

דער ניסתר: זיך געלאָזט?

בעש"ט: מיט צרות... איך קום — חברה טאַנצט... מאַכן נאָך אַלץ די קונצן... און ער — אין טורבאַן... וואָס דאַרפסטו — זאָגט ער — מיר זאָלן גיין צו דיר? ביסט געקומען — בלײַב זשע! אלא וואָס? ווילסט פרעגן און צוריק אַוועקגיין — פרעג זשע און גיי! מאַך איך: ניין, ליבערשט קומט אַריבער צו מיר אַ ביסל. איך האָב מורא, אַז איך בין בײַ אײַך איין מינוט לענגער — בלײַב איך שטעקן... און קיין צײַט האָב איך נישט — אַ מענטש אַ פאַרנומענער: דאַרף מאָרגן פרי אויפשטיין, ליים גראָבן...

דער ניסתר: (אומגעדולדיק) טאָ ווו איז חברה?

בעש"ט: גייען שוין. געמוזט פאָלגן — אַ ברירה? פאַר נאַכט איז דאָס ביסל נשמה, וואָס אינעם מענטשן, ריין נאָך דעם טאָג האָרעוואַניע. אַז מען איז ריין — טוט מען אַלץ אויף. אומריינע מוזן פאָלגן ריינע. אַז די לופט איז ריין און דאָס ביסל נשמה איז אויך ריין, קאָן איטלעכער זען און הערן. קיין טויט איז דאָך נישט בנימצא, לייבל. ווייסט דאָך. אַלץ איז פאַראַן. מען דאַרף נאָר דערלאַנגען אַ ציִ צו זיך, אַ רוף — שוין! קומט עס!

(קעגן איבער, צווישן די פעלדזן פון די קאַרפּאַטן, ווײַזן זיך געשטאַלטן: **שבתי־צבי** אין אַ טונקעלן דערווישן־מלבוש, ווי גענייט פון גרינע שאָטנס. די הענט אין דער הייך. דער טורבאַן זײַנער לײַכט מיט אַן אומהיימלעך פאָספאָרישן אָוונטליכט. נעבן אים — שרה זײַן ווײַב. די האָר ווילד צעפלאָשעט. באָרוועס. אין איין העמד אויפן לײַב. אין די מאָגערע הענט — אַ פּויק. אַרום דיביידע און הינטער זיי — נתן העזתי, אַברהם היכיני, שמואל פרימו, נחמיה חיון, אַ גאַנצער המון יובלענ־דיקע, שרײַענדיקע מענער און פרויען. שרה פּויקט — די געשטאַלטן דרייען זיך און טאַנצן מיט געשריי. טייל פאַלן אויף די פּנימער און זאָגן נביאות מבולבעלע, אויף גיך געשריגענע ווערטער).

בעש"ט: (צום ניסתר) איצט, אַז זיי זענען שוין יאָ אין אונדזער מחיצה — מעג מען אַ פרעג טאָן (צו שבתי־צבי) שבתי, הער: מיינסט דאָס נאָך אַלץ אויף אַן אמת?

(צווישן די געשטאַלטן ווערט שטיל. זיי קוקן זיך אום, ווי זיי וואָלטן ערשט דערזען, ווי זיי געפינען זיך. שבתי־צבי ציטערט אויף פון קאָפּ ביז פיס. שרה לאָזט הענגען די פויק אויפן אָרעם און קוקט אָן דעם בעש״ט נײַגעריק).

בעש״ט: וואָס ענטפערסטו נישט?

שבתי־צבי: (שטיל) דערויף האָסטו מיך גערופן?

בעש״ט: קוק מיר אין די אויגן, שבתי.

שבתי־צבי: וואָס באַגערסטו?

בעש״ט: איך פרעג: מיינסט עס נאָך אַלץ אויף אַן אמת?

(פויזע, די געשטאַלטן קוקן זיך איבער).

שבתי־צבי: (נאָך אַ לאַנגן שטילשווײַגן) אויף אַן אמת.

בעש״ט: (קוקט אים שאַרף אָן) מיינסט, ס'וועט דיר העלפן?

שבתי־צבי: אַז מען קאָן נישט מיט ריינקייט — איז מיט זינד! אַז מען קאָן נישט אויסלייזן מיט מיצוות — דאַרף מען נישט די מיצוות!

אברהם היכיני: משה האָט איין מאָל צעבראָכן די לוחות — דאַרף מען צעברעכן אַ צווייט מאָל!

נתן העזתי: (מיטן רוקן צום בעש״ט; זינגט אין המון אַרײַן) העגט איר טײַערע, קניפּט אויף אַלע באַנדן!

אַלע: (הייבן די הענט) אויפקניפּן! אויפקניפּן!

שרה: זינדיקן!

אַלע: זינדיקן! זינדיקן!

שרה: ביז ער וועט מוזן אויסלייזן!

אַלע: (ווי אַן עכאָ) מוזן! מוזן!

דער ניסתר: (קאָן נישט אויסהאַלטן. ער שטעלט זיך אויף, טענהט, דאָס קול ציטערט אים) ייִדן, אַ רחמנות אויף אײַך, ייִדן. ס'איז דען, אַ פּנים, שוין אין גאַנצן נישט מעגלעך קיין כּולו־זכּאי?

ייִדן, ס'איז גאָרנישט אַזוי שווער. איך שווער אײַך, ייִדן. אַ ביסל כּוונת־הלב איז שוין גענוג. מיטן דאָשעק פון היטל איז צו שאַרן ליכט, אַזוי פיל ליכט וואַלגערט זיך.

בעש״ט: (ציט אים בײַ דער פּאָלע) זעץ דיך, לייבל. (דער ניסתר זעצט זיך) שבתי, וואָס קלערסטו וועגן כּולו־זכּאי?

שבתי־צבי: כּולר־זכּאי — אַ ליגן!

אַלע: (ווי אַן עכאָ) אַ ליגן! אַ ליגן! אַ ליגן!

אברהם היכיני: מען מוז צווינגען גאָט, ער זאָל אויסלייזן דעם בן־אָדם.

נחמיה חיון: אַפילו ער, דער האַר אונדזערער, אַפילו ער, דער לייב פון וואַלד דעם אייבערשטן, אַפילו ער, שבתי, האָט נישט געקאָנט ריין בלײַבן — וואָס זשע איז ריינקייט?

שמואל פרימו: און קדושה? אַז גאָט האָט נישט געראַטעוועט נאָך ת״ח און ת״ט, ווען ס'איז אַ שטאָם פון לויטער קדושים געוואָרן דאָס גאַנצע פאָלק זײַנס, — טאָ וואָס איז קדושה? מיר האָבן אַזוי געוואָלט אויסגעלייזט ווערן און אויסלייזן מיט זיך אַלע פעלקער פון דער וועלט, מיר האָבן אַזוי זיך געלײַטערט און אַזוי זיך געהייליקט, און געזונגען האָבן מיר צו גאָט, דעם האַר, פון אונדזער פאַרגאָסן בלוט אַרויס, און מיט גרויס געזאַנג זענען מיר פון אַלע וועלטעקן און אַלע ימען געקומען צום טאָג פון גאָט אין ירושלים דער שטאָט, און ס'האָט נישט געהאָלפן, און גאָט האָט נישט אויסגעלייזט זײַן שטאָם, און די וועלט נישט אויסגעלייזט — וואָס זשע העלפט קדושה? וואָס דאַרף מען קדושה? וואָס איז קדושה?

נתן העזתי: (אין המון אַרײַן) און אַ קול איז געווען צו מיר:

גיי בײַט דײַנע קליידער און מאַך זיך נישט דערקענען צו מיר און לאָז זיך אויף די וועגן פון די זינדיקע און שטרויכל אויף צו פלײַסן און וואַרף אַוועק די געזעצן!

שׂרה: הייליקע האָט ער נישט געראַטעוועט — זאָל ער זינדיקע ראַטעווען!

בעש״ט: זאָג נאַר, שבתי! און דעם מענטש, וואָס ווינט אין איוואַניע, קענסטו?

שבתי־צבי: ער? אים איז געגעבן צו ענדיקן, וואָס איך האָב אָנגעהויבן! זײַנע הענט שטאַרקן מיר און זײַן צוקאָפּנס באַוואַכן מיר, מיט אים אונדזער ווילן, מיט אים אונדזער ווילן!

נחמיה חיון: (מיט אַ ניגון) דרך כוכב מיעקב — אַ שטערן איז

אַרויסגעטראָטן פון יעקב, וקם שבט בישׂראל — און אַ שטאַם, אַ נײַער שטאַם, איז אויפגעקומען אין ישׂראל.

אַלע געשטאַלטן: אַ שטערן איז אַרויסגעטראָטן פון יעקב, און אַ שטאַם, אַ נײַער שטאַם, איז אויפגעקומען אין ישׂראל.

נתן העזתי: (נביאיש) פון יעקב אַרויס דער שטערן — און צו דער וועלט זײַן וועג! אין ישׂראל אויפגעקומען דער שטאַם — און צו אַלע פעלקער זײַן וואָרט!

נחמיה חיון: אַז מיר מענטשן וועלן מאַכן נאַכט און די מעשׂים אונדזערע וועלן אַנוואַרפן אַ פינצטערניש אויף אַלע וועלטן — וועט זיך גאָט דערזען אין אַ חושך־מצרים. וועט ער מוזן ליכטיק מאַכן זיך אַליין, וועט ער מוזן אָנצינדן ליכט אין די וועלטן זײַנע, אַז ער אַליין זאָל נישט פאַרלוירן גיין — וועט ממילא ליכטיק ווערן אויף אונדז, מענטשן, אויך אונדז!

אַלע געשטאַלטן: (שטיל) אויך אונדז, מענטשן, אויך אונדז...

שמואל פרימו: אָ, וואָלט איך געהאַט קראַפט נאָך אין מײַנע הענט — איך וואָלט געוועזן דער שרײַבער פון דעם מענטש אין איוואַניע און וואָלט בריוו צעשיקט איבער דער וועלטס מדינות, אַז צושטיין זאָלן צו אים אַלע, אַלע.

אברהם היכיני: דאָס ווערק פון אונדזערע הענט וועט ער דער־פירן צום סוף! צו שפּעט האָבן מיר זיך אַרומגעזען, ער אָבער גייט זיכער זײַן וועג! יעקב הייסט ער און דער צווייטער יעקב איז ער, וואָס וועט שליסן שלום און ווערן איינס מיט עשׂו זײַן ברודער! און זײַן לייטער, די לייטער פון צווייטן יעקב, גייט אין אָפּגרונט. פון אָפּגרונט וועט ער דערהייבן די וועלט, דען פון הימלען וויל די ישועה נישט קומען.

אַלע געשטאַלטן: (שטיל) פון די הימלען וויל זי נישט קומען.

שׂרה: איז נישט פון די הימלען! אָבער מוזן וועט ער! נישט צוליב אונדז — צוליב זיך! אַזאַ וועלט וועלן מיר אים מאַכן! אַזאַ וועלט! מיר ביידע! איך און שבתי! טאַנצט אַרום אונדז! לאַכט אַרום אונדז! זינגט אַרום אונדז!

(לאַכט זיך הילכיק און בייז פונאַנדער, צעשפּרייט די אָרעמס, וואַרפט די פויק צום בעש״טס פיס. די פויק פאַלט מיט געדודער. יונג און אַלט — אַלע דרייען זיך אַרום שׂרהן און שבתי צבין אין אַווירבלטאַנץ, דורכגעפלאָכטן מיט הויכע, התלהבותדיקע געלעכטערס. פרויען און מענער מישן זיך אויס אין איין שנעל־טאַנצנדיקער שאָטן־מחנה. דער קלאַפּ פון דער געפאַלענער פויק וועקט אויף דעם בעש״טס ווײַב. זי קוקט זיך אום בלייך און פאַרבליפט, דערזעט די געשטאַלטן און כאַפּט אָן דעם בעש״ט בײַם בגד).

דאָס ווײַב: אוי, ישׂראל, מיט וועמען רעדסטו דאָס? ווער איז עס?

בעש״ט: קיינער נישט.

דאָס ווײַב: טאַקע אַזוי. קיינער נישט. ס׳האָט זיך מיר אויסגעדאַכט.

בעש״ט: שלאָף בעסער.

דאָס ווײַב: מען האָט געלאַכט.

בעש״ט: נישט אמת.

דאָס ווײַב: טאַקע. מ׳האָט **נישט** געלאַכט.

בעש״ט: ס׳איז שפּעט. שלאָף אײַן.

דאָס ווײַב: באַלד, באַלד, ישׂראל... (שלאָפט ווידער אײַן).

(דער טאַנץ אויף די בערג ווערט אַלץ שוואַכער).

שבתי־צבי: (פּלוצלינג) גענוג געטאַנצט! איצט לאָמיר חוזק פון אים.

שׂרה: (ווײַזט אויפן בעש״טס ווײַב) די, וואָס שלאָפט בײַ דײַן זײַט — ווער איז עס? אַ קעבסווײַב?

דער ניסתר: (רײַסט זיך צו די געשטאַלטן. בעש״ט פּרווט אים אײַנהאַלטן) און איך, ייִדן, זאָג אײַך נאָך אַ מאָל, אַז **דאָס ליכט איז אומעטום**. און אַז מען וויל — וואַלגערט זיך עס אונטער די שוועלן. עס שפּראָצט אומעטום, אָט ווי גראָזן. און צו וואָס פינצטער מאַכן, ייִדן, אַז ס׳איז ליכטיק, ייִדן, ס׳איז גאָלע ליכט... (צו שׂרהן) שׂרה! ביסט דאָך פּאָרט אַ ייִדישע טאָכטער.

שׂרה: (קרימט איבער) ייִ־ד־יי־ש־ע ט־אָ־כ־ט־ע־ר! כאַ־כאַ! ט־אָ־כ־טער! (די געשטאַלטן לאַכן מיט).

(שבתי צבי, חיון, פּרימו, אַברהם היכיני און נתן העזתי נעמען די לאַכנדיקע באָרוועסע שׂרה אויף די אַקסלען און פאַרשווינדן מיט איר. אויף די קאַרפּאַטן פאַלט צו די נאַכט).

דער ניסתּר: (פאַרצווייפלט, דעם קאָפּ צווישן די הענט) **וואָס טוט מען?**

בעש״ט: גאָרנישט!

דער ניסתּר: זיי וועלן אָנטאָן חורבנות... אין איוואַניע ברענט... דער מענטש יעקב פירט ערגעץ...

בעש״ט: אין איוואַניע דאַרף ברענען און דער מענטש יעקב דאַרף פירן.

דער ניסתּר: (איבערראַשט) **וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד?**

בעש״ט: (כאַפּט אָן דעם ניסתּר פאַר דער האַנט, שטעלט זיך אויף און רעדט האַסטיק) **דער מענטש פון איוואַניע לייגט פונאַנדער אַ פייער, וועל איך, ישׂראל, נעמען ליכטיקייט. און איך וועל קנעטן דאָס ליכטיקייט און וועל מאַכן דערפון ברויט.**

דער ניסתּר: (כאַפּט אים אָן ביי אַ האַנט) **גייסט ניתגלה ווערן?**

בעש״ט: איך גיי מאַכן ברויט און ער דאָרט, יענער יעקב, מעג מאַכן פייער. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן מיט אים. די וועלט דאַרף ברויט.

(פויזע. בעש״ט פאַרשטעקט די ליולקע הינטערן גאַרטל. דער קאַשקעט — אַרויפגעשאַרצט, ער הייבט אויף די פויק, וואָס שׂרה האָט געוואָרפן צו זיינע פיס, און נעמט שפּאַנען מיט איר הין און צוריק. דער ניסתּר פון פאַר דער הייל קוקט אים שטום אָן. מינוטן־לאַנגע אָפּוואַרטונג. בעש״ט כאַפּט ר׳ לייבס שטאָק, באַשטייגט מיט דער פויק אין האַנט אַ קעגנאיבערדיקן פעלדז — און הייבט אָן צו פויקן).

בעש״ט: (פון פעלדז אַראָפּ) **איך, ישׂראל, זון פון אליעזר פון אָקופּ, שטעל מיך אויף דעם זעלבן אָרט, וואָס זיי, און איך נעם די זעלבע פויק, וואָס די טומאה האָט אַוועקגעשליידערט, און לאָז אַרויס אַ געפּויקעריי: „לכו נרננה לד׳! לכו נרננה לד׳! לכו נרננה לד׳״!** (פויקט און זינגט צו).

דער ניסתּר: שבת! שבת! (הייבט די הענט, ווי צום דוכנען, און בלייבט גאַנץ פאַרשטאַרט קעגן דריי מאַיעסטעטן: בעש״ט, קאַרפּאַטן און פאַלנדיקע נאַכט).

(סוף פון ערשטן בילד)

אהרן צייטלין

דאָס צווייטע בילד

צײַט — פּוילישע באַר־קאָנפעדעראַציע און באַלאַגערונג פון טשענסטאָכאָוו דורך דער רוסישער אַרמיי.
הויף פון טשענסטאָכאָווער תּפיסה.
שוואַרצעביימער, נאַכט איבער פעסטונג־מויערן, לאַנגדויערנדיקע שטילקייט. אין דער שטילקייט גייען אויף טריט, הינטער די ביימער ווײַזן זיך פאַקלען, געזאַנג דערנענטערט זיך. גוואַלדיק, ווילד, וואַלדיק געזאַנג. סוד און סעקטע. אויפן הויף ווײַזן זיך, צווישן די ביימער, פיגורן פון פראַנקס סוויטע — זיי גייען פּאַרלעכווײַז, ברודער נעבן שוועסטער, קעפּ פאַרוואָרפן אויף אַהינטער, פאַקלען ברענענדיקע אין די הענט. פרויען מיט אַנטבלויזטע בריסט און אָרעמס, תּאווה־דופּטנדיקע, קליינע און הויך געוואַקסענע, וואַנדלען ווי אין חלום. מענער אין זאַקן און סאַנדאַלן. אַלע גייען אָנגעטאָן ווײַס, די פאַקלען וואַרפן מיט גאָלד. די ביימער זעען אויס שרעקלעך שוואַרץ. די פראַנקיסטן — וואַנדלענדיקע שטיקער שניי. ירוחם, ערשטער אין דער פּראָצעסיע, אַ הויכער זקן מיט לאַנג לאַנג אַראָפּהענגענדיקע, לאָזט זיך אַראָפּ צו דער ערד מיטן פאַקל אין די הענט, לייגט צו צו דער ערד דאָס אויער, ווי אַ יעגער, און רופט אויס נאָך אַ רגע האָרכן:

באַהעפּטן די פלאַמען!
געטאַנצט צוזאַמען!
אַרויף די שטורקאַצן!

הייבט זיך אויף מיט אַ פלינקן שפּרונג, לאָזט זיך דער ערשטער אין טאַנץ מיט זײַן שוועסטער — אַ הויכע ווי ער, ווײַס ווי אַ יום־כּיפּור־ליכט, אַ פיגור פון אַ משוגענער, תּאווה־צעפּלאָמטער נזירה. נאָך דעם פּאָרל — אַלע איבעריקע. ברידער און שוועסטער פלעכטן זיך צונויף אין איין פאַקלענטאַנץ. שלאַנגיש־קאָנוולסיווע באַוועגונגען. דער טאַנץ ווירבלט זיך, ווי אַ שטורעם. געזאַנג. איינע אַ שוועסטער טיילט זיך פלוצעם אָפּ פון איר ברודער, — אַ בלייך מיידל מיט לענגלעכע, זיך וויגנדיקע בריסט. זי לויפט אַרויס פון צווישן די פאַקלען, נעמט ביידע בריסט אין די דאַרע הענט און שרײַט אין טאַנצנדיקן עולם אַרײַן.

די שוועסטער:
האָב איך בריסט, האָב איך קליינע —
אַ פּאָר פערדלעך אין שטאַל.

שפּאַנט מיר אויס מײַנע פערדלעך,
לאָזט זיי לויפן צום קוואַל!
האָב איך בריסט, האָב איך קליינע —
אַ פּאָר פערדלעך אין שפּאַן.
אויף די פערדלעך די יונגע
לאָזט רײַטן דעם מאַן!

(דער טאַנץ האָקט זיך ראַש איבער. פון צווישן עולם
גייט אַרויס אַקעגן דער שרײַענדיקער שוועסטער —)

אַ ברודער: (שטעלט זיך איר אַנטקעגן, ציט אויס צו איר זײַן פּאַקל — ביידנס פּאַקלען רירן זיך אָן. ער זינגט)

דער וועג צו אָדום גייט דורך דיר.
דורך דיר און טײַוול איז די טיר!

אַלע: (אַרום ברודער און שוועסטער, וואָס בלײַבן שטיין אין דער מיט)

בייגט דעם אַלף צו דער תּיו!
לאָזט דעם אַלף טרינקען גיין.
תּיו איז ברונעם, אַלף — שאָף!

פירט דעם אַלף צו דער תּיו!
לאָזט דעם אַלף שלאָפן גיין:
פירט אים זינגענדיק צום שלאָף!

בייגט דעם אַלף, בייגט דעם אַלף,
בייגט דעם אַלף צו דער תּיו!

(די שוועסטער הענגען זיך אָן אָן די אָרעמס פון די ברידער).

ירוחם: (דער הויכער זקן, וואָס האָט זיך פריִער אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד מיטן פּאַקל אין האַנט און געגעבן דעם סיגנאַל צום טאַנץ, הייבט אויף זײַן פּאַקל איבער אַלעמענס קעפּ, גיט דרײַ מאָל אַ דריי און שרײַט אויס)

פאַרלעשן די שטורקאַצן!

אַלע ווײַנטרויבן זענען פול!

אַ שוועסטער: (כאַפּט אים אָן בײַ דער האַנט) **זיי ווילן פּלאַצן!**

(שטורקאַצן ווערן אויסגעלאָשן. פינצטער. אַרגיעס הינטער דיביימער. רווישיקע געזאַנגען פון מאַן, שטילע תּאווה־געוויינען פון פרוי. יללות, שעפּטשערײַען, אויס־געשרייען, שיר־השירים־פּסוקים — אַלץ שווימט אין דער נאַכט אַרײַן).

אַ שוועסטער: (ווײַנט אַרויס פון הינטער הויכע ביימער) **איך בין אַרויס פון מײַן קלייד, איך האָב צעפּליקט מײַן קלייד, איך האָב נישט מער קיין קלייד! אָבער איך האָב אַ פרייד, איך האָב אַ קלייד פון פרייד: איך און דו — מיר האָבן זי זאַלבע צווייט!**

אַ צווייטע שוועסטער: (האַלב געזאַנג, האַלב יאָמער) **איך האָב צעריסן מײַן העמד און בין אַרײַן אין טײַך! צי מיך אַרויס! שלעפּ קרום, שלעפּ גלײַך! שלעפּ — פאַר די צעפּ! שלעפּ — פאַר די בריסט!** (סאָפּערײַען, ספּאַזמאַטישע אויסגעשרייען, פּלוצלינגדיקע געלעכטערס).

(פראַנק באַווײַזט זיך, אַנקומענדיק מיט קרעפּטיק שנעלע טריט. הויכגעוואַקסענע שטאַלצע פיגור; רויטע אַריענטאַלישע טראַכט; גרינער שפּיציקער טורבאַן. אונטערן טורבאַן — אַ ברענענדיק געגאָלט פּנים. אַן אַדלערנאָז — האַלב הערשער, האַלב דערלייזער. אים פאַרויס שפּרינגט זײַן לץ — אַ קאַרליקל, וואָס טראָגט אַ ריזיקן שטורקאַץ און לויפט אַרום זײַן האַר ווי אַ ווילד הינטל).

פראַנק: (באַפעלעריש) **קינדער!** (אויף זײַן קול קומען צו לויפן פון אַלע פאַרשטעקענישן שוועסטער און ברידער).

ווי ס'האָט גאָט אַ מאָל געפרעגט אין גאָרטן — אַזוי פרעגט יעקב, אײַער האַר: וווּ זענט איר?

(ווערט אַרומגערינגלט דורך מאַן און פרוי, גרויס און קליין. אַ רירעוודיקע מחנה אין דער פינצטער. בלויז דער ריזיקער שטורקאַץ אינעם קאַרליקס הענט באַלײַכט פראַנקס הויכע פיגור און וואַרפט שטראַלן אויף דער אַרומיקער, ווימלענדיק־שאַטנדיקער מחנה).

ירוחם: (טרעט אַרויס) **איז עס דען אַ נאַכט ווי אַלע נעכט, אָ האַר? האָסט אונדז באַפוילן פריידן איבער פריידן, האָסט אונדז באַפוילן טאַנץ איבער טענץ, האָסט אונדז באַפוילן י ִ ח ו ד. זענען מיר אַוועק הינטער ביימער יִחוד אָפּריכטן.**

פראַנק: גוט, קינדער. אָבער אויך יעקב אײַער האַר וויל זיך פרייען מיט אײַך און אַרויס איז ער צו זײַן פאָלק. (שטיל. פלוצלינג — צו איינער פון די שוועסטער).

דו ביסט עס? עס זעט דיך נישט דער האַר דײַנער יעקב. נאָר דעם ריח פון לײַב דײַנעם שפירט ער, ווי דעם ריח פון אַן עפּלגאָרטן — אויפֿגעגאַנגען איז דײַן לײַב, שוועסטער, אויפגעגאַנגען אין דער נאַכט. עס האָט דעם האַר פאַרשמעקט דײַן לײַב, ער האָט דערקענט דײַן לײַבגערוך.

ווי רוישיק וואַסער נעמט אַרום אַן אינדזל — אַזוי וויל דיך אַרומנעמען דײַן האַר! קום — אפשר וועל איך, מיט דיר שטייענדיק, פאַרגעסן אָן דער וואָס איר לײַב האָט מיר געלויכטן ווי דער ליכטיקער ים.

(ער שטעלט שנעלע טריט, גייט צו צו דער שוועסטער, נעמט זי אָן בײַם קלייד. די שוועסטער בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ הכנעהדיק, שפרייט אויס די הענט, ווי פליגלען, און וואַרפט זיך אין די אָרעמס פון האַר).

פראַנק: שטיי מיט מיר. דו האָסט אַ סך געזינדיקט און דײַנע לענדן זענען הייס, ווי אַ טאָג אין תמוז.

דער לץ: (מיט אַ יינגלש קול) דו האָסט אַ סך געזינדיקט, ביסטו אויסדערוויילט! ווײַבער, אפשר האָט ווער פון אײַך מער געזינדיקט די נאַכט — שווײַגט נישט!

אַ שוועסטער: וואָס ווייסן מיר? דער האַר ווייס אַלץ. ער שפירט די לײַבער אונדזערע. ער שפירט די הערצער אונדזערע.

פראַנק: שוועסטער, אַוועק פון מיר. דײַן האַר האָט זיך שוין אָנגעזאָפּט מיט דײַן נאַכט־ריח... גענוג... חנה... חנה... נישטאָ חנה... קאָן דער ריח פון דער זינדיקסטער און שענסטער צווישן אײַך זיך גלײַכן צום נאַכט־ריח חנהס? חנה... חנה מײַן ווײַב... (פאַרשטיינערונג, דערמאָנונג).

אַ טאַכטער האָט זי מיר געלאָזט, דעם וווּנדערשפּראָץ פון מײַן זאָמען, דאָס ליכט פון דער וועלטס אויגן. צו איר וועט אָבער יעקב אײַער האַר נישט צוגיין נאָענט, ווי צו איינער פון אײַך. הייליק איז זי צו דער העכסטער זינד, וואָס דאַרף נאָך קומען. איר זינד איז נישט געקומען נאָך!

אומבאַפלעקט און אומבאַרירט — אַוואַטשאַ!

אַלע: (פאַרבענקט, האַלב געשריי, האַלב תפילה) אַוואַטשאַ!

אַ שוועסטער: (פאַלט אויף די קני) אָ האַר, איך ברען! איך קאָן נישט וואַרטן! אַ ווילדער ווינט איז אַרײַן אין מײַנע האָר! פאַרקירץ די שעהען! גיב די הילף אונדז!

אַלע: פאַרקירץ די שעהען! צו לאַנג די נאַכט!

פראַנק: צו לאַנג? די לײַט פון מאָסקווע־לאַנד קומען באַלד און נעמען די טשענסטאָכאָווער פעסטונג איבער. איידער איר קוקט זיך אום — הויכט אויס די נאַכט איר לעצטן אָטעם און ס׳קומט די הילף נאָך דרײַצן יאָר. ערשט איצט, אָ קינדער, וועלן מיר צו אָדומען גיין אַ גאַנג, ווי מיר באַגערן, און לערנען וועל איך מײַנע מענער זעלנערײַ, זיי איבן אין געפעכט, עס זאָלן ווי אָדלערס פליִען די שווערדן בײַ זיי. אַרײַן וועלן מיר מיט שטורעם און געפעכט אין עשׂוס הויז. און די ייִדן מיט די גוייִם וועלן מיר ווײַזן, וואָס פאַר אַ זאַך מיר זוכן. מיר גייען אויפהייבן אַ זאַך!

דער לץ: מיר גייען אויפהייבן אַ זאַך! און איך — לאַך! און איך — לאַך!

פראַנק: (בייז) שווײַג!

דער לץ: וואָס טוט נישט אַ לץ צוליב אַ גראַם, אָ האַר!? (בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ, דער שטורקאַץ אין זײַן האַנט ציטערט).

ירוחם: אין גאַנצן פּוילן, אין מעהרן, אין דער טערקײַ — אומעטום גרייטן די ברידער זיך. אַלע וואַרטן זיי אויף דער שעה, וואָס קומט אָט באַלד, וואָס דערנענטערט זיך. אַלע, אָ האַר — פון שבתי־צביס פאַריתומטער עדה, וואָס ריכט אָפּ אירע טאַנצנעכט אין די היילן פון סאַלאָניקי, ביז די ברידער אין קאָפּיטשיניעץ, הוסיאַטין און לאַנצקאָראָן. די שעה גייט באַרוועס שוין אין טיפער נאַכט — פאַר טאָג דאַרף זי קומען צו אונדז. האַר אונדזער, ווּהין וועלן מיר גיין, ווען די שעה וועט אונדז פרײַ לאָזן? ווּהין וועלן מיר גיין, ווען די לײַט פון מאָסקווע־לאַנד וועלן אַרויסלאָזן אונדז פון טשענסטאָכאָוו?

פראַנק: דו, ירוחם, פרעגסט עס? קענסטו דעם וועג נישט פון יעקב דײַן האַר? לוסטיק וועלן מיר זײַן, טרינקען וועלן מיר ווײַן, ליכט וועלן מיר אָנצינדן. צום גרויסן ברודער וועלן מיר גיין! און צו דער שוועסטער!

און צו דער שוועסטער! (כאַפּט פּלוצלינג אַרויס אַ שווערד פון שייד, ווייזט צום הימל אַרויף).

דער הימל וועט רויט ווערן, די נאַכט וועט אַוועק. פון איצט אָן — רויט! אָדום! דם! אָדם! ניי בלוט! נייער מענטש! אַלץ רויט! יעקב, צו אֱדומען מיט די שטיוול! און פון אדומען — אָדם! נעשׂה אָדם בצלמנו — אַ מענטש וועלן מיר שאַפן אין אונדזער פּאַרעם!

דער לץ: (שטעקט אַרויס די צונג קעגן הימל, שטעלנדיק זיך אויף אַלע פיר) **שורים־בורים! אַ הונט וועלן מיר שאַפן אין אונדזער פורעם! אַ הונט! אַ הונט!**

פראַנק: **דו קרימסט איבער דיין האַר, לץ. נישט גוט זענען דיינע שפּאַסן היינטיקע נאַכט, לץ. ביסט משוגע, לץ.**

דער לץ: (שטעלט זיך אויף) **וואָס טוט נישט אַ לץ צוליב איבער־קרימעכץ, אַ האַר!?** (ווערט טרויעריק און פאַרדוקט זיך אין אַ ווינקל).

פראַנק: (צו דער מחנה) **הערט! פון ישׂראלס שטאַם זענט איר אַוועק, צו עשׂו נישט אַריין נאָך. וואָס זענט איר? ייִדן? גויִם? משומדים! נאָר פון אייך זאָל אָנהייבן זיך די וועלט. דער גרויער שטיין, פאַרעקלט פון די בויערס, ער זאָל ווערן צום ווינקלשטיין. אַוועקגעגאַנגענע פון ישׂראלס אַלטע דורות און אַלטער פיין — זיי זאָלן צום גרויסן ברודער גיין, צו דער גרויסער שוועסטער אַריין. און ווער איז דער גרויסער ברודער? אַזוי זאָגט יעקב אייער האַר: דער גרויסער ברודער היט דעם וועג צום גוטן גאָט, ער און די אישה היטן דעם וועג. און די משיחים — זיי האָבן נישט געוווּסט דאָס. גלייך האָבן זיי געוואָלט צום גוטן גאָט גיין. צום טײַוול מוז מען פריִער גיין, דעם גרויסן ברודער פון דעם מענטש, און צום טייוולס געליבטער — דער אישה. די צוויי היטן דעם וועג, די צוויי מוז איבערקויפן דער מענטש. דעם טייוול און די אישה —ביידע זאָלט איר איבערקויפן. און ווי אַזוי? דורך דינען זיי, ווייל זיי ווילן געדינט ווערן. פריִער זאָלט איר צום ברודער דינען, פריִער זאָלט איר צו דער גרויסער אישה קניִען — צום גוטן גאָט דאַרף מען אַנדערש גיין, ווי ישׂראל גייט און ווי אדום גייט. איר האָט צעטראָטן די געזעצן פון משהן, איר אָפּגעריסענע קינדער פון אַברהמס זרע. איצט גייט צו אדומען — און נעמט אויך אים מיר אײַן.**

קנעט מיר אויס דעם מענטש, וואָס איך באַדאַרף. אַלע לאוון האָבן מיר אויסגעמעקט. מיט בייזן וועלן מיר צום גוטן קומען, מיט גוטן קומט מען צום גוטן נישט. שבתי־צבי — דרײַפּאַך זאָל זײַן געבענטשט דער נאָמען פון דעם ערשטן — ער האָט געמוזט די לבושים ענדערן און שפּילן אַ שפּיל. אויך מיר מוזן שפּילן אַ שפּיל. פאַרשטעלן וועלן מיר זיך צוליבן ברודער, מיט זינד אים איבערבעטן, דען ער היט דעם וועג צו גאָט, און פאַרשטעלן וועלן מיר זיך צוליב דער שוועסטער, מיט מענערישקייט איר האַרץ גע־ווינען, מיט שטאַרקער פויסט און זעלנערײַ, מיט שווערד און בלוט איר ווילגעפעלן. שוואַך זענען געווען די געדעכטע — איין אויג זייערס האָט זיך באַהאַפטן מיט דער מיצווה, דאָס צווייטע האָט בגנבה אַרויסגעקוקט צו זינד. דערום האָט זייער געדעכט זײַן קיינעם נישט אויסגעלייזט, קינדער! איר אָבער זאָלט שטאַרק זײַן אין דער זינדיקייט. מענער זאָלט איר פאַר דער אישה זײַן, טמאים פאַר דעם ברודער זײַן. ווי ס׳פּלאַצט די בלוט־איגל, מיט בלוט אָנגעזויפּט, מוז פּלאַצן ס׳שלעכטס נאָך דעם, ווי איר וועט האָבן אויסגעדינט, איר זעלנערס דעם טײַוולס, ליבהאָבערס דער אישהס! זעט: אַ מידבר אַרום אײַך, געזעצן ליגן טויט — אין מידבר ברענט אַ שוואַרצער סנה, דאָס פײַער פון אַלע חטאים. דורכן פײַער פון אַלע חטאים וועט איר גיין, ביז קיין חטאים וועלן נישט בלײַבן. ביז אויפגעעפנט וועט אײַך שטיין דער וועג צום גוטן גאָט, צום באַהאַלטענעם גאָט, צום נאָך נישט אַנטפּלעקטן גאָט!

אַלע: (חזרן איבער תּפילהדיק) צום גוטן גאָט, צום באַהאַלטענעם גאָט, צום נאָך נישט אַנטפּלעקטן גאָט!

פראַנק: אָ, די שוועסטער, וואָס דער גרויסער ברודער האָלט אויס! גאָלד איר קרוין, קאַלטער פּערל איר קערפּער! ווײַסער ווי וואַסער די פינגער פון אירע פיס! איר שיינקייט צו פאַנגען, איר גלאַנץ אויף זיך לאָזן רוען, איר בלענד צו באַנעמען — קוקט אויף חוהן מײַן טאָכטער! אַוואַטשאַ איז דאָס אונטערשטע בילד פון דער אישה דער אייבערשטער. איז איר קערפּער נישט קאַלטער פּערל? איז איר קרוין נישט גאָלד? און אַז זי קומט אַרויס, און אַז זי קוקט אײַך אָן —

ירוחם: אָ, האַר אונדזערער יעקב! אַז אַוואַטשאַ קוקט אויף אונדז

— עפענען זיך טויערן פון אַ ווײַסער שטאָט. און מיר אַלע, יונג און אַלט, שווימען אַרײַן אין די טויערן.

אַ יונגער ברודער: אַז אַוואַטשאַ קומט אַרויס צו אונדז — לייגן מיר די הערצער אויף אירע אַקסלען.

אַ שוועסטער: ווער ווייס דען נישט, אַז נישט ווי מיר איז זי, אַז צו געהיימס איז זי באַשטימט, צו ווערן פרוי צו אַ קעניגמאַן?

דער לץ: (טרויעריק צו פראַנקן) מיר האָט שפּאַסן זיך געוואָלט וועגן דעם קעניגמאַן און אַ וויץ איז אין מיר אויפגעגאַנגען, האַר. נישט צאָרן, האַר, אויף דײַן אָרעמען לץ. דעם וויץ וועל איך נישט זאָגן.

פראַנק: (אומרויִק, מיט אַ פּחד־בליק אין אויג) האַלטסט דעם שטור־קאַץ — האַלט זשע! העכער האַלט! נאָך קיין מאָל האָסטו אַזוי נאַריש נישט געפּלאַפּלט.

דער לץ: דעם קאָפּ וועל איך בייגן און דעם שטורקאַץ וועל איך הייבן, ווי דו באַפעלסט, אַ האַר!

ירוחם: דײַן ווײַב חנה — געבענטשט איר נאָמען צווישן די אייביק רוענדיקע אין דער מערה פון אַלשטין — זי האָט אונדז אַוואַטשאַן געגעבן צו לײַכטן פאַר אונדז. דער זון דײַנער ראָך און דער זון דײַנער יוסף — אין וואַרשע דער קרוינשטאָט לערנען זיי אַדל־מינהגים און אַלערליי וויסנ־שאַפטן און פערדרײַט און שפּיל. אַוואַטשאַן אָבער האַלטסטו מיט אונדז, זי זאָל לײַכטן פאַר אונדז און זאָל טראָגן איר בילד פאַר אונדז. זאָל זי אַרויס — מיר ווילן איר דינען!

פראַנק: רופט זי אין דער נאַכט אַרײַן! רופט זי מיט תּפילה־קול! רופט זי מיט האַרצגעבעט!

אַלע: אַוואַטשאַ! אַוואַטשאַ! אַוואַטשאַ!

(די קולות צעטראָגן זיך אין באַגײַסטערטע, פאַרצוקטע, ווײַט הילכנדיקע עכאָס. ערגעץ הייבט אָן ברענען אַ שטיק הימל. אָנגעצונדענע וואָלקנס, וואָס זאָגן אָן דעם פאַרטאָג, פאַרציִען זיך איבער די ביימער).

דער לץ: (שפּרינגט אויף קעגן הימל) עס טאָגט, ווי איר זעט מיך אַ לץ! וואָלקנס טראָגן אויף די רוקנס אַן אייבערשטע אישה... איר זעט? (מיט לצניש־אומעטיקע העוויות, הענט און שטורקאַץ הייבנדיק, זיך אַרויף

צו ציִענדיק מיט דער גאַנצער קאַרליק־בענקשאַפט צו ווערן הויך און העכער) **אייבערשטע אישה! נעם מיך אַרויף אין דײַן בעט אַרײַן, נעם מיך אַרויף אין דײַן בעט! אַך, אַך! אַ קוש, אייבערשטע אישה, אַ גלעט!** (פראַנק קוקט בייז אויפן לץ).

אַלע: (בלײַבן שטיל, גאַפן צו די וואַלקנס).

אַ ברודער: (אַנטוישט) **אַ ליגן זאָגט דאָך דער נאַר! מען זעט קיין זכר פון אַן אישה נישט!**

דער לץ: (קניט הכנעהדיק) **מחילה, ברידער! מחילה, שוועסטער! וואָס איז אַ לץ אָן אַ חלום? קיינע קושט מיך נישט, דען צו מיאוס בין איך פאַר די שוועסטער, און מײַן גרויסער האַר איז אַזוי בייז צו מיר הײַנטיקע נאַכט, ווײַל מײַנע וויצן געראָטן מיך נישט אַזוי — טאָ וואָס איז דאָס ווונדער, אַז געוואָלט וואָלט איך אין הימל אַרויף, איך, אָרעמער לץ, און אויסגעדאַכט האָט זיך מיר אַן אישה אויף די וואָלקנס... אַן אישה אַן אייבערשטע... אַ צעשויבערטע...** (שפּרינגט ראַפּטעם אויף, ווײַזט אָן מיטן שטורקאַץ אויף קעגן איבער. אַלע קוקן זיך אום. אין צאַנקנדיקן ליכט פון דעם אויפּטאַגנדיקן הימל ווערן בולט די דרויסנטרעפּ, וואָס פירן צום ערשטן שטאָק פון דער תּפיסה־מויער. אויבן אויף די טרעפּ, אין גאָלד־קרוין און סאַמעט־קלייד, שטייט — ווי אַ זעונג — אַוואַטשאַ. אַ פּאָר מינוט שטייט זי אומבאַוועגלעך. רויט־צאַנקנדיקער הימל וויקלט זי אַרום. אונטער איר — די נערות אירע, אין ברייטע זײַדענע טיכער, פּעכערס אין די הענט. זיי קוקן פון די טרעפּלעך צו אַוואַטשאַן, וואָס שטייט סאַמע אויבן, ווי אַ מלכּה איבער זיי, גלײַך דינערינס, וואָס וואַרטן אויף באַפעל).

פראַנק: (אַנטציקונג און אומרו) **טאַכטער!**

אַלע: (אויף די קני) **געלויבט זאָל זײַן די בתולה! געלויבט זאָל זײַן די בתולה! געלויבט זאָל זײַן די בתולה!**

דער לץ: (קניט נישט, פּאַרלעשט דעם שטורקאַץ און ווענדט אָפּ דאָס געזיכט) **איך, אָרעמער לץ, קאָן אויף איר נישט קוקן, ווײַל זי געפעלט מיר.**

ירוחם: (מאַכט אַ פּאָר טריט צו אַוואַטשאַן, ווי ער וואָלט זי פאַנגען געוואָלט, ציט זיך צוריק און זינגט קעגן איבער איר מיט אויסגעשפּרייטע אָרעמס).

לייגט די קעפּ, לייגט די קעפּ
אויף די טרעפּ, אויף די טרעפּ —
איבער אַלעמענס קעפּ.
פאַר די טרעפּ, אירע טרעפּ!

אַ שוועסטער: אָ, בתולה! אַלע תּאוות וואַרטן אויף דיר, אַלע מענער גלוסטן צו דיר, ווער וואָלט נישט געפאַלן אויפן האַלדז דיר — נאָר דו בלײַבסט ריין און דערהויבן איבער אַלע תּאוות, איבער אַלע מענער. צו אַן אַנדער שלאָף ביסטו באַשטימט, צו אַן אַנדער תּאווה, צו אַן אַנדער מאַן!

ירוחם: די ערשטע דרײַ ספירות וואַרטן אויף דיר, כּדי צו ווערן איינס אין דיר. ווער וואָלט נישט געוואָלט פאַרזינקען אין דיר? דו ביסט תּפארת!

פראַנק: אַריבער זעגען דרײַצן יאָר, זינט די פעסטונג האָט פאַר־שלאָסן אונדז — די הילף קומט אָן, די הילף קומט אָן. אָ, טאָכטער, גיין וועלן מיר מיט דיר צום אָדום־קוואַל, צו הויכן שטאַם, צו קעניגלעכער גזע. גיין וועלן מיר מיט דיר פון פאָלק צו פאָלק — און זוכן פאַר דיר אַ קעניגהויז.

אַלע: אַ קעניגהויז!

פראַנק: אָן לאַנד, אָן ערד האָבן דורות לאַנגע אונדזערע עלטערן געוואָגלט. דיך אָבער וועל איך לאָזן ווי אַ וואָרצל טיף אין לאַנד אַרײַן, טיף אין ערד. דורך דיר וועל איך זיי צום ברודער פירן, דורך דיר צו שוועסטער־אישה פירן. איך וועל דיר אויסזוכן מלכים־בלוט!

אַלע: מלכים־בלוט!

פראַנק: נישט פאַר קיינעם פון זיי, אַוואַטשאַ — באַשטימט האָב איך דיך פאַר אַן אַנדער מאַן! זײַן בלוט מוז זײַן דאָס בעסטע אדום־בלוט, פון הערשערשטאַם אַ שפּראָץ אַ מעכטיקער. צו אַ פרעמדן מלך, אַ באַצווינגער פון צווישן די גויים, וועל איך דיך פירן, אָ טאָכטער! חוה איז דײַן נאָמען, מוטער פון אַלעם לעבעדיקן. דו זאָלסט ווערן די מוטער פון נײַע פעלקער!

אַלע: מוטער פון נײַע פעלקער!

אַוואַטשאַ: גוט־פֿאַרטאָג צו אײַך, גלוויביקע! עס איז די צײַט פֿון מײַן שפּאַצירן גיין מיט די נערות דורך די ביימער דאָ. נאָר נישט דער פֿאַרטאָג האָט מיך אַרויסגערופֿן דאָס מאָל, נײַערט אײַער קול, וואָס האָט צו מיר געשריִען. וואָס זאָל איך זאָגן אײַך? דאָס איינע נאָר צום צווייטן מאָל: גוט־פֿאַרטאָג צו אײַך, גלוויביקע!

דער לץ: (טרויעריק, פֿאַרליבט) גוט־פֿאַרטאָג, אַוואַטשאַ!

אַוואַטשאַ: גוט־פֿאַרטאָג, דו קליינער, גוט־פֿאַרטאָג, איר אַלע, גוט־פֿאַרטאָג, וועלט, גוט־פֿאַרטאָג, הימל!

פֿראַנק: איר אָפּגעטיילטע, איר, וואָס האָט פֿאַרלאָזן ישׂראל, איר, וואָס גייט אײַננעמען אדום, איר, וואָס גייט צום דעת! האָב איך אײַך נישט געלערנט, אַז אויסלייזן מוז פֿריִער דעם גוף, ווער עס וויל אויסלייזן דעם גײַסט? געבענטשט זאָל זײַן דער ערשטער, געבענטשט זאָל ווערן שבתי־צבי, וואָס ער האָט מתּיר געמאַכט די עריות און האָט דערלויבט דאָס פֿאַר־באָטענע פֿאַר די קינדער פֿון אַברהם!

ירוחם: ברוך מתּיר עריות!

אַלע: (פֿרום, נאָך) ברוך מתּיר עריות!

פֿראַנק: (ווײַזט אויף דער טאָכטער) קוקט אָן אַוואַטשאַן! איר אַלע לייזט שוין איצט דעם גוף אויס — אַוואַטשאַ האָט איר גוף נישט אויסגע־לייזט ביז איצט! פֿאַר אַ גוף, ווי אַוואַטשאַס, צו אײַערן נישט ענלעך, איז אויך אַן אַנדער אויסלייז באַרײַט! אַ שׂרפֿה וועט זי אָנצינדן אין אַ דער־הויבענעם מאָן פֿון אדום — וועט דער מאָן פֿון איר ברונעם שעפּן, די שׂרפֿה אין זײַן בלוט צו לעשן. ברונעם וועט שׂרפֿה לעשן, שׂרפֿה וועט צו ברונעם גיין — און אויסגעלייזט וועט ווערן די ערד!

אַלע: (פֿאַרחלומט) אויסגעלייזט וועט ווערן די ערד!

אַ נערה: יונגפֿרוי, צײַט צום פֿאַרטאָג־שפּאַציר.

אַוואַטשאַ: צום פֿאַרטאָג־שפּאַציר רופֿט מיך דער ווינט, מײַנע נערות קוקן מיך אָן. איך וועל אַראָפּ פֿון די טרעפּ, וועל מיך לאָזן צווישן די ביימער.

פֿראַנק: (צו די אַרומיקע) דאָס בילד פֿון דער אייבערשטער אישה,

די יונגפרוי, דאַרף מיט די נערות שפּאַצירן גיין! די אייבערשטע אישה — אויך זי גייט שפּאַצירן איצט דורכן גאָרטן פון גרויסן ברודער. קומט אַוועק!

(די ברידער און שוועסטער מיט פראַנקן בראש דערוויטערן זיך זינגענדיק. דער לץ שלעפּט זיך נאָך נישט־גערן, קערט אויס דעם קאָפּ אויף צוריק, קוקט נאָך פאַרבענקט אוואַטשאַן מיט די נערות און שלעפּט זיך אַוועק ווײַטער).

אַוואַטשאַ: נערות מײַנע, אומרויִק בין איך. אַ פויגל זיצט מיר אין מיטן האַרץ, קלאַפּט אויס מיטן שנאָבל: קליפּ־קלאַפּ... קליפּ־קלאַפּ... וואָלקנס טראָגן רויטע עמערס באַגינען־ליכט, און איך — מיט די שאָטנס וויל איך גיין, אָן אַ זײַט, אָן אַ זײַט. אומרויִק בין איך, נערות מײַנע... (נידערט אַראָפּ פון די טרעפּ, נאָך איר — די נערות).

צווייטע נערה: וואָס איז דער האַרין? פּויקט איר אפשר אַ חלום נאָך אויף די טויערן פון האַרץ, אָן איבערבלײַבעניש פון נאַכט? אַראָפּצו האַלט זי די טײַערע ברעמען — ווער זאָגט פאַר וואָס? אַרויפצו ציט זי די גאָלדענע ליפּן — ווער ווייסט פאַר וואָס?

דריטע נערה: האַרין, דײַנע ליפּן זוכן — וואָס זוכן דײַנע ליפּן, האַרין?

אַוואַטשאַ: דאָס גראָז איז קיל ווי דאָס מיידל־געלעגער, וואָס איך האָב אָט ערשט פאַרלאָזט. איך ווייס נישט, וואָס מיר איז. איך וויל בלײַבן אַליין. איך וויל גיין, גיין — אַליין.

ערשטע נערה: אין טיפן גראָז, אין קילן גראָז מוז עפּעס ליגן. אין טיפן גראָז, אין קילן גראָז מוז זײַן אַזוינס, וואָס רופט דער האַרינס פוס צום וואַנדערן. נישט אומזיסט ברענט דער טוי אַזוי!

צווייטע נערה: נישט אַנדערש, אונדזער האַרין וויל תּפילה טאָן פאַר זונשפּראָץ. ווען אַ תּפילה דריקט דאָס האַרץ — איז עס ווי אַ קינד, וואָס גייט געבוירן ווערן, ווי אײַז, וואָס וויל צעגיין. לאָמיר גיין — און בענטשן דער האַרינס איינזאַמזײַן.

אַוואַטשאַ: עפּעס דערנענטערט זיך אַהער. די ביימער — אָט הייבן זיי אָן צו רעדן.

דריטע נערה: קומט, לאָמיר זיך דערווײַטערן אויף שפּיץ פינגער

און לאָזן אונדזער האַרין אַליין. אַ חלום דערנענטערט זיך צו אונדזער האַרין. באַרוועסע פיס האָט דער חלום, ער קומט פון גראָז אַרויס.

די איבעריקע נערות: (איינע צו דער צווייטער) **לאָמיר אַוועק־גיין.** (נערות אָפּ).

אַוואַטשאַ: (אַליין) **דער ווינט איז פריש. איך פיל דעם ווינט אויף מײַנע ליפּן. פאַר וואָס פיל איך דעם ווינט אויף די ליפּן?** (פּויזע) **צו אַ קעניגפרוי האָט ער באַשטימט מיך, אויף קעניגלעך בלוט זאָל איך וואַרטן. זיי האָבן געזאָגט: אונדזער אַלעמענס טויער זאָלסטו זײַן — אין אַ נײַער וועלט אַרײַן דער טויער. אָן אָפן טויער בין איך. איך זע מיך אָפן. ווער קומט דער ערשטער אין מײַן טויער אַרײַן?** (נעמט פאָרזיכטיק אַראָפּ די קליינע גאָלדענע קרוין, לייגט זי אַרויף אויף דער דלאָניע, שפּיגלט זיך אין איר, קוקט מעלאַנכאָליש־מיידליש, וואַרטנדיק־אויסשפּירנדיק אויף דעם גאָלד).

אַ קעניג וואַרט אויף מיר — אַזוי זאָגן זיי. ווי הייסט דאָס לאַנד, וווּ עס קעניגט מײַן מאַן? (טוט אָן די קרוין צוריק, גייט פאַרטראַכט צווישן די ביימער.

מאַליוודאַ: (שפּרינגט איר אַרויס אַנטקעגן פון צווישן די ביימער און שפּרייט די הענט צו איר. אַוואַטשאַ גיט אַ לײַכטן געשריי, וויל צו ערשט אַנטלויפן, מאַליוודאַ שפּרינגט איר נאָך, כאַפּט זי אָן בײַ אַ זוים פון קלייד און קוקט זי אָן מיט ברענענדיקע, לאַנגע בליקן; צווישן אים און אַוואַטשאַן אַ בליק־געראַנגל. זי רוקט זיך צוריק, ער — אַלץ נענטער צו איר. אָנגעטאָן — מעשׂה קאָנפעדעראַט; שלאַנק, באַקנבערדיק, רירעוודיק. לאַנגע, דינע הענט און אַ פײַערדיק פּנים. אַוואַטשאַס פיגור בלײַבט קעניגלעך שטאָלץ, נאָר די אויגן גיבן זיך ביסלעכווײַז אונטער).

אַוואַטשאַ: (שטיל) **ווער ביסטו? אָן פאָטערס וויסן, פון די נערות נישט באַגלייט, פאַר אַ פרעמדן מאַן — אַליין!**

מאַליוודאַ: (מיט דער האַנט אויפן האַרץ) **דײַנע בריסט מוזן מורא־דיק ברענען. געגרייט איז דײַן טיש — און מען ווייסט נישט פאַר וועמען.**

אַוואַטשאַ: נישט פאַר דיר און דײַנס גלײַכן.

מאַליוודאַ: כאַ, כאַ, די אויסדערוויילטע אַוואַטשאַ!

אַוואַטשאַ: בײַ אונדז מעג מען אַלץ. איך אָבער בין די ריינע. די יונגפרוי בין איך. זיי זינגען צו מײַן בילד.

מאַליוודאַ: (רײַסט איבער) געהערט!

אַוואַטשאַ: געהערט? טאָ וואָס זוכסטו דאָ בײַ מיר? ווייסטו נישט, אַז באַשטימט בין איך פאַר אַ מאַן, וואָס טראָגט די קרוין פון אֱדום?

מאַליוודאַ: דײַן בלוט איז יונג, מלכים־בלוט איז אַלט. (מיט צאָרנ־דיקע פויסטן) אַלץ דײַן טאַטע!

אַוואַטשאַ: קענסט אים?

מאַליוודאַ: צי מאַליוודאַ קען פראַנקן?

אַוואַטשאַ: (איבערראַשט) מאַליוודאַ! דער, וואָס האָט אונדז אַרויס־געגעבן צו די ביסקופּן אין וואַרשע! פאַרשאַלטענער!

מאַליוודאַ: צוליב מיר זענט איר דאָ דרײַצן יאָר געזעסן (ווײַזט אויף דער תּפיסה־מויער).

אַוואַטשאַ: איך האָב געהערט דײַן נאָמען, איך ווייס. אַוועק פון מיר! ווען מײַן פאָטער זעט עס! ווען די נערות זעען עס! ווען מײַן פאָטער כאַפּט דיך — דיך, מאַליוודאַ, אָדער קאָסאַקאָווסקי, אָדער ווי דו רופסט זיך אַלץ... ווען ער ווייס, אַז דו שטייסט דאָ מיט אַוואַטשאַן, זײַן קינד —

מאַליוודאַ: פון קראָקע קום איך — געפאַלן קראָקע! אין טשענ־סטאָכאָווער פעסטונג, פאַרן אָנקום פון די מאָסקאַלעס, אין דער לעצטער מינוט געקומען צו פלויגן — זען חנהס טאָכטער! (פויזע) קליינע וועלפּין מיטן קרוין אויפן קאָפּ, שטיק גוף אונטער אַ פאַנצער פון הייליקייט — וואָס ווייסטו פון מאַליוודאַן? נאָר זאָג: האָט נישט דײַן פאָטער קיין מאָל דער־ציילט דיר אין די לאַנגע טעג פון דער תּפיסה, ווער מאַליוודאַ איז? (גיט זי אַ ריס צו זיך) קום נענטער! ווייסט, ווער דו ביסט? חנה!

אַוואַטשאַ: חנה, מײַן מוטער, רוט אין דער אָלשטינער הייל. דער אַלטער אלישע היט זי. ווי קומט זי אויף דײַן צונג, פאַררעטער? אַ קינד בין איך געווען, ווען צוליב דיר זענען מיר קיין טשענסטאָכאָוו אַוועק, אין

דער תּפיסה אַרײַן. מיט צײַנקריץ פלעגן די אַלטע דײַן נאָמען דערמאָנען, און איך, נישט האָבנדיק דיך געזען, האָב אַלע מאָל דיך פּײַנט געהאַט.

מאַליוודאַ: הויף־שאַמבעלאַן פון סטאַניסלאַוו אויגוסט! ווייסט, וואָס דאָס הייסט, ייִדיש מײדל דו, אין תּפיסה אויפגעכאָוועט? דערנאָך... אַוועק איז פון פוילן־לאַנד קאָסאַקאָווסקי, צו אַנדערע זונען אַוועק און צו ווײַבער אַנדערע, און געביטן דעם נאָמען האָט ער — פּרעג פּראַנקן דײַן פאָטער! ער ווייס! פלעגן נישט אין סטאַמבול די טערקן פאַלן פאַר מיר, ווי קעמלען פאַרן אָנקום פון שטורעם?

אַוואַטשאַ: גרוי דײַן האָר, יונג דײַן געשטאַלט, פײַער דײַן פּנים. אויגן פון אײַזן און אַ קול פון אײַזן. (פלוצלינג) וואָס שטיי איך נאָך? וואָס אַנטלויף איך נישט? (לײַדנשאַפטלעך) זאָג: פאַר וואָס האָסטו אַרויסגעגעבן מײַן פאָטער צו די גלחים?

מאַליוודאַ: חנה! (פּויזע) איבער אַן אינדזל האָט געהערשט מאַליוודאַ, דער אַנטלאָפענער הויף־שאַמבעלאַן. פאַרגעסן שווערד און ווײַן, סטאַניסלאַוו־אויגוסטס הויף, דער שליאַכטעס צאַנקערײַען, וואָס האָבן אומגעבראַכט דאָס לאַנד... אַן אינדזל געווען. ייִדן און מוסולמענער, ציגײַנער און גריכן, אַלע פאַרלאָזן די וועלט פון געקליידטע... נאַקעטע מענער, נאַקעטע ווײַבער... און פאַר וואָס אַנטלאָפן? אַן אומחן געוואָרפן אויף קעניגהויף, אויף דאַמען, וואָס האָבן קיין ליבע נישט, אויף שטײַפע וואָנסן, הערצער געפּרוירענע... אַוועק אַוואַנטורעס זוכן... דורך טערקנלאַנד דורכגעשטערעמט... איבער גריכלאַנד זיך דורכגעטראָגן... אויף דער יבשה שוין זײַן נישט געקענט — און אויפן אינדזל געוואָרן האַר איבער נאַקעטע, בײַם נאַקעטן ים געלעבט, פון תּאווה נישט געוווסט... קלייד איז תּאווה, אומשולדיק — דאָס נאַקעט זײַן... וואָס ווייסטו פון דעם אַלעם? וואָס דערצייל איך דאָס דיר? וואָס פאַרשטייסטו? אָבער דו קוקסט מיט חנהס אויגן אויף מיר — דאָס האַרץ מײַנס ווערט משוגע.

אַוואַטשאַ: (חלומט) נאַקעטע מענער... אַקסלען — ווי וואַגשאַלן קופּערנע... הענט — טונקל־שטראַלנדיקע... פרויען — מיט העלדזער הויכע, זילבערנע, וואַרעמע, ווי דער האַלדז פון מײַן מאַמען. (פאַרוואַרפט דעם קאָפּ)

אַ, ווי דער ווינט קילט די ליפּן מיר! איך בין אַ בוים — טוי ברענט אויף מײַנע צווײַגן!

מאַליוודאַ: אויסער דיר האָט קיין שום פרוי דײַן מאַמעס האַלדז נישט, אַוואַטשאַ. ווען נישט יענץ געשטאַלט — ווען נישט פראַנק קומט מיט חנהן —

אַוואַטשאַ: וווּהין?

מאַליוודאַ: (אַ מאַך מיט דער האַנט) אַלטע געשיכטעס... אַז איך וועל זאָגן — ווערסטו דען וויסן? אויף זײַן וועג צום שלאַנג האָט פראַנק פאַרבלאָנדזשעט צו מיר. וואָלט ער חנהן נישט מיטגענומען, דער מכשף! ער האָט געבראַכט די תאווה אין גן־עדן. צום הערשער פון אינדזל איז געקומען די תאווה, פון דער יבשה געקומען און פון די אַנגעטועניע, דער־גרייכט צו אים, בײַם קאַרק אים אָנגעכאַפּט: „קום, שלאַכטשיצל, צוריק!" דערנאָך האָט פראַנק געזאָגט, אַז נישט דאָס איז דער וועג צום שלאַנג, אַז דורך פּוילן גייט דער וועג און דורך דער וועלט פון אַנגעטוענע גייט ער, אַז צו ייִדן אין פּוילן דאַרף מען אַוועק, אויסלייזן דעם גוף פון די בני־יעקב, יעקבן צו אדומען אַרײַנברענגען און פון אָט די ביידע... המ... פון אָט די ביידע... פאַרשטייסטו דאָס, חנהס טאָכטער? (לענט זיך אָן אָן זײַן שווערד) גאַרנישט פאַרשטייסטו פון דעם! אָבער דו קוקסט מיט חנהס אויגן אויף מיר! מיט חנהס ביידע אויגן!

אַוואַטשאַ: האָסט ליב געהאַט די מאַמע?

מאַליוודאַ: (ענטפערט נישט; דערציילט ווײַטער) און מיר זענען זאַלבע דריט קיין פּוילן געקומען... צוליב וועמען איז מאַליוודאַ צוריק אַרײַנגעקראָכן אין מלבושים? צוליב וועמען איז קאָסאַקאָווסקי נאָך יאָרן פון נעלם זײַן צוריקגעקומען אַהיים, אַ פאַרשטויסענער פון אייגענע, אַן אויסגעלאַכטער, אַן אַפּטריניקער, אַ העלפער פון עפּעס אַ ווילדן ייִד אָן אַ באָרד, אָן אַ היים, אָן אַ גאָט, וואָס איז באַקאַנט צו מענטשן!? און דערנאָך — צוליב וועמען האָט ער פראַנקן מיט די זײַניקע פאַרמסרט פאַר די פּאָטערס־יעזויִטן?

אַוואַטשאַ: שטילער... נישט אַזוי הויך... איך וועל אַנטלויפן... (פּלוצ־

לינג) זאָג... טאָקע... צוליב וועמען? ביסט אַזאַ מאָדנער... ווי אַ חלום... ווי אַ פֿאַרנאַכט־וואָלקן... אָבער שטילער... שטילער...

מאַליוודאַ: צוליב דער, וואָס מיט אירע אויגן קוקסטו אויף מיר! מאַליוודאַ האָט אויסגעפּירט... כאַ־כאַ... מען האָט פֿראַנקן אָפּגעפּירט אַהער, אין טשענסטאָכאָווער פֿעסטונג, און חנה, זײַן ווײַב, איז געבליבן אָפּגע־שיידט פֿון אים, אָפּגעשיידט... וואָס נאָך האָט מאַליוודאַ געדאַרפֿט? געמיינט: חנה איז שוין זײַנע. נאָר מיט זיבן אויגן האָט דער אַלטער זי געהיט פֿון תּפֿיסה אַרויס. באַריש קינד, מיינסט, דיר דערצייל איך דאָס? זיך דער־צייל איך, און טויזנט מאָל וועל איך זיך דאָס דערציילן... זײַנע לײַט האָבן זי אין וואַרשע נישט געלאָזט זײַן, פֿון שטעטל צו שטעטל געשלעפּט, געהיט פֿאַר מאַליוודאַן, ווי מען היט פֿאַר שדים אַ נײַ־געבוירנס, ביז זיי האָבן זי געבראַכט קיין טשענסטאָכאָוו. ער האָט זי פֿאָרט אַרויסבאַקומען, דער אַלטער עקשן...

אַוואַטשאַ: אירע אויגן האָבן אויפגעהערט אויגן צו זײַן, איר ווײַסער האַלדז האָט אויפגעהערט צו זײַן ווײַס. אין דער תּפֿיסה איז גע־שטאָרבן מײַן מאַמע, מאַליוודאַ, (דערמאָנענדיק זיך) אָבער זי לעבט ווײַטער. אין דער אַלשטינער הייל איז זי. אלישע היט זי. קיינעם לאָזט מען נישט צו צו איר, אַחוץ אלישען. אַפֿילו מיך נישט.

מאַליוודאַ: געוואָלט האָב איך פֿאַרגעסן אָן חנהן און אָן פֿראַנקן, דײַן פֿאָטער — בין איך צוריק אַוועק מײַן אינדזל זוכן. האָבן אים די אָנגע־טוענע פֿאַרכאַפּט. מײַנע נאָקעטע האָב איך נישט געטראָפֿן. אין קליידער זענען זיי אַרײַן זינט מײַן אַוועקגאַנג און זיך צעשפּרייט איבער דער וועלט. אַ מאַך געטאָן האָט מיט דער האַנט מאַליוודאַ, מיטן ווינט איז אַוועק מאַליוודאַ. קיין פֿערסנלאַנד איז ער אַוועק, אַ האַרעם זיך אײַנגעפֿירט, אויף דיוואַנען געזעסן, ליולקעס געררייכערט און געקלערט פֿון חנהן. דרײַצן יאָר, ווי דרײַצן כוואַליעס. דערהערט ער איין מאָל, אַז זײַן היימלאַנד גייט פֿאַלן, דאָס פּוילישע. קאָסאַקאָווסקי, הויף־שאַמבעלאַן פֿון סטאַניסלאַוו אוי־גוסט, וואָס טוסטו אין האַרעם דאָ? ליולקעס וואָס רייכערסטו? דער לעצטער פֿון פּולאַווסקיס האָט גענומען די שווערד! שעם דיך, קאָסאַקאָווסקי! אַ חרפּה אויף דיר, מאַליוודאַ! ראַטעווע פֿון די מאָסקאַלעס פּוילן, הם... און

דערגייי אַקאָרשט פֿאַר איין וועגס, צי לעבט נאָך פראַנק דער עקשן... אפשר איז ער טויט שוין לאַנג... און חנה... כאַ־כאַ, און חנה... אפשר לעבט זי נאָך... אפשר געפינסטו זי...

אַוואַטשאַ: (תמימותדיק) זי לעבט. אין דער אַלשטינער הייל איז זי. אָבער מען לאָזט קיינעם נישט צו צו איר. זי מוז איצט האָבן אַנדערע אויגן, אַנדערע האָר און אַן אַנדער האַלדז, מאַליוודאַ. אָבער זי לעבט.

מאַליוודאַ: (גלעט זי איבער די האָר) זי לעבט נישט אין קיין הייל — זי לעבט אין דיר, אַוואַטשאַ. ביסטו דען אַ הייל? (לאַכט) ביסט אַ גאָרטן אַ פֿאַרשלאָסענער. אויף דיַין טויער איז אָנגעשריבן: חנה... (פּויזע) פראַנק־רייַכס אָפיצירן, פולאַוווסקיס שווערד — ס'האָט גאָרנישט געהאָלפן, אַוואַ־טשאַ. קראָקע איז געפאַלן. ווייסטו, וואָס דאָס הייסט, אַוואַטשאַ?.. און טשענסטאָכאָוו... טשענסטאָכאָוו האָבן די קאָנפעדעראַטן געמוזט אָפּגעבן די מאָסקאָלעס... באַלד קומען זיי אַהער... אין קראָקע האָט אַ יאָט מיר פֿאַר־ציילט פון איַך. „ברודער — זאָגט ער — האָט דער משוגענער פראַנק אַ טעכטערל! מיר, זעלנער־יונגעז, זעגען זי אַ מאָל באַפאַלן... האָבן דעם אַלטנס לייַט זי אָפּגעשלאָגן פון אונדז, פשיאַקרעוו!" פרעג איך: „— און חנה?" — „ווער? זיַן וויַב? געשטאָרבן!" — „דערצייל — זאָג איך — ווי די טאָכטער זעט אויס!" דערציילט ער — ערשט ס'גיט אויף מיר אַ יאָג מיט חנה... כ'קום נאָענט צו טשענסטאָכאָוו — אויס מיט טשענסטאָכאָוו! אָבער אַוואַטשאַ... אָבער דו... דו... הינטער ביימער בין איך דאָ געשטאַנען, אַוואַטשאַן, חנהס טאָכטער, אויסגעקוקט — (כאַפּט זי אַן ביַים האַלדז און ציט צו זיך) כ'האָב דיך... גיכער...

אַוואַטשאַ: כ'וועל שרייַען — לאָז אָפּ — כ'וועל שרייַען —

מאַליוודאַ: מייַנע יאָטן מיט די פערד... זיי וואַרטן... וועסט זען די וועלט נאָך יאָרן תפיסה... אַ פערד וועט דיך אַוועקטראָגן, ווינטן פון אַלע וועלדער וועלן דיך נאָכיאָגן... האָסטו דען ליב די וויַסע יידן, אַוואַטשאַ, די וויַסע יידן פון דיַין פאָטער, וואָס זייערע הענט זעגען ווי שווערדן פון פאַרשווערערס!? דיַין לייַב וויל לעַב, דיַינע ליפּן ווילן ליפּן — און דו וואַרטסט אויף מלכים־בלוט? צו די פערד! פלי מיט מיר!

אָוואַטשאַ: וואָס טוט זיך — רופסט דײַנע לײַט? ראַטעווע, אלישע! באַשיצער אונדזערער, ראַטעווע!

(מאַליוודאַ מאַכט סיגנאַלן. פערדגאַלאָפּ אין פּאַרטאַג־שטילקייט. אָוואַטשאַ וויל שרײַען, ס׳געשריי בלײַבט איר שטעקן אין האַלדז, זי פאַלט אום פאַרחלשט און בלײַבט ליגן אויסגעשטרעקט אַן רייד. מאַליוודאַ בייגט זיך אײַן איבער איר. הינטער די ביימער הערט זיך, ווי רײַטערס שפּרינגען האַסטיק אַראָפּ פון פערד און הייבן אָן לויפן אין גראָז. באַלד ווײַזן זיך דרײַ יונגען — באַוואָפנט, אין זעל־נערישן אָנטאָן. זיי לויפן צו צו מאַליוודאַן, דערנאָך צו אָוואַטשאַן, הייבן זי פאַר־זיכטיק אויף און נעמען זי טראָגן. מאַליוודאַ טראָגט נאָך די גאָלדקרוין, וואָס האָט זיך אָוואַטשאַן אַרונטערגעקוילערט פון קאָפּ אין גראָז אַרײַן).

מאַליוודאַ: טראָגט זי וווייך, איר יונגען.

אַ יונג: (אָוואַטשאַן טראָגנדיק, אויף אָוואַטשאַן בליקנדיק) **יעזוס־מאַריאַ, ס׳אַראַ ליפּעלעך, לאָקנדלעך...**

(פון אַ צווייטער זײַט הויף קומען אָן צו לויפן די נערות, וואָס זענען אַרויס זוכן זייער האַרינטע. די מיידלעך שרײַען אויף דערשראָקענע, לויפן נאָך די יונגען און וויינען ווי פאַרצווייפלטע קלאַגערינס — הויך, מאָנאָטאָן. די יונגען לאָזן אָוואַטשאַן און וואַרפן זיך אויף די נערות. מאַליוודאַ, אַ בלייך געוואָרענער, בלײַבט אַ רגע צעמישט, ברעכט די הענט, פּרוווט אָפּרײַסן די יונגען פון די נערות, נאָר יענע האָבן שוין אַרויסגעכאַפּט ס׳כּלי־זיין. געוויין און מהומה. דערווײַל ווײַזן זיך פון אומעטום פראַנקיסטן, לויפן צו מיט אָנטבלויזטע שווערדן, נאָך זיי קומט אָן לויפנדיק פראַנק).

מאַליוודאַ: (רײַסט מיט גוואַלד אָוועק די יונגען, און באַמערקנ־דיק דעם אָנקומענדיקן פראַנקן גיט ער אים אַ שלײַדער אָוואַטשאַס קרוין צו די פיס) **ס׳גאָלד נאַ דיר צוריק. מיר וועלן זיך נאָך טרעפן** (פאַרשווינדט צוזאַמען מיט די רײַטערס. שטאַרקער פערדגאַלאָפּ הינטער ביימער־געדיכ־טעניש).

פראַנק: (האָט מאַליוודאַן נישט דערקענט) **וואָס האָט ער געזאָגט, דער פרעמדער?**

(די נערות רינגלען אַרום אָוואַטשאַן. מען הייבט זי פון גראָז, מען מינטערט זי. פראַנקיסטן און פראַנקיסטינס, ווי מענטשן, וואָס מען האָט אָקערשט אויפגעוועקט פון אַ חלום, קלײַבן זיך אַרום איר, רעדן און זשעסטיקולירן אומרויק. פראַנק שטייט פון דער זײַט אַ פאַרשטיינערטער און קוקט זיך צו. פון ערגעץ שפּרינגט אַרויס דער לץ. ער ווישט זיך טרערן מיט אַן עק פון אַן אַרבל און זינגט).

דער לץ:

זיצט זיך חוה אין טיפן גראָז,

לאַ־לאַ!

חוה, חוה, וואָס איז דאָס?

לאַ־לאַ!

אַ שוועסטער: (צעווײנט זיך פּלוצלינג אויף אַ האַרב, זינגענדיק קול) **ווײ, צי נישט פאַרשוועכט איז געוואָרן די הייליקע בתולה? ווײ, צי נישט פאַרשוועכט איז געוואָרן די הייליקע בתולה?** (אַלע קוקן זי אָן).

אַ ברודער: (מיט דער זעלבער פּלוצלינגדיקייט) **ווײ, ווי וועלן מיר אַרײַן אין הויז, אויב שוין אויף דער שוועל האָט אונדז ס׳אומגליק גע־טראָפן? ווײ, צי נישט אונטערגעגאַנגען איז דאָס ליכט דער וועלטס?**

דער לץ: **דאָס ליכט דער וועלטס, דאָס גאָלד דער וועלטס — אויף שמעלץ, אויף שמעלץ, לאַ־לאַ!**

אַוואַטשאַ: (קומט קוים צו זיך, זיצט אויפן גראָז, קוקט מיט אויגן, וואָס זעען אַלץ און גאָרנישט, שפּרייט די הענט, ווי צו כאַפּן עפּעס, און שמייכלט בלייך) **גאָרנישט... גאָרנישט...**

(פראַנק — הענט פאַרלייגט. בליקן אַנגעשטעלט אין דער ווײַט. אים צופוסנס — אַוואַטשאַס צוגעוואָרפענע קרוין. עס רינגלען אים אַרום די תּלמידים. עס הענגען אויף אים די אויגן פון די שוועסטער. די נערות אַרום אַוואַטשאַן וואַרטן עפּעס אַפּ פאַרשטיינערט).

ירוחם: (טוט אויס די סאַנדאַלן און זעצט זיך אין די זאָקן אויף דער ערד, נישט ווײַט פון פראַנקן; איכהדיק) **אשר אמרנו בצלה נחסה בגויים — די וואָס מיר האָבן געמיינט, אַז אין איר שאָטן וועלן מיר זיצן צווישן די פעלקער — זי האָבן מיר אַן אויסגעשטרעקטע געפונען אין גראָז, ווי אַ קינד אָן הילף, ווי אַ פייגעלע פון נעסט אַרויסגעוואָרפן. אָ, וויינט מיט מיר! וויינט מיט מיר! וויינט מיט מיר אַלע!**

פראַנק: (קוקט אויף אַוואַטשאַן און אויף די אַרומיקע מיט בלײַענע אויגן, וואָס באַפאַלן, ווי אַ דונער. שווײַגט לאַנג. דערנאָך — מיט אַ שטיל, עקשנותדיק קול, בליקנדיק ערגעץ ווײַט איבער די ביימער) **אויב דער־**

גאַנגען וועט ווערן אַז דו, אישה אייבערשטע, וואָס דיר דין איך און באַפעל צו דינען, האָסט דײַן ערדיש בילד, וואָס וואַנדלט צווישן אונדז, אויף באַהעפטונג מיט אֶדום וואַרטנדיק, געלאָזט פאַראומרייניקט ווערן צו מענער נישט איר גלײַכן, און נישט אָפּגעהיט האָסטו איר בלוט, וואָס איז ווי ווײַן אין טיפן קעלער געלײַטערט געוואָרן יאָרן לאַנג — גיי איך אַוועק פון דער וועלט דער דאָזיקער, און פון די וועלטן די אַנדערע זאָג איך מיך אָפּ. דעם גרויסן ברודער זאָג איך: „ביסט קליין”, און צום גוטן גאָט, וואָס צו אים מײַן גאַנג: „ביסט שלעכט”. און איך לאָז פונאַנדער מײַן סטאַדע די עלנטע און זאָל זי פאַרלוירן גיין אין טאָל פון די פעלקער, און אונטערגיין זאָל אויף אייביק ס׳גאַנצע ווערק פון מײַנע הענט — פון סטאַמבול ביז איוואַניע, פון איוואַניע ביז איצט. און בלײַבן זאָל דער אמתער גאָט אַ נישט־אַנטפּלעקטער שאָטן אויף אַ וואַקלדיקן שטול, און בלײַבן זאָל אייביק די אונטערשטע וועלט אָן אים, ער — אָן דער וועלט, און איך — אָןביידן! (געוויין צווישן די גלייביקע).

אַוואַטשאַ: (שוואַך) פּאָטער...

פראַנק: (שטרענג) שווײַג!

אַוואַטשאַ: (מיט אַ פינגער ווײַזנדיק) מײַן קרוין...

ירוחם: (וואַרפט זיך, וויל אויפהייבן).

פראַנק: הייב נישט... וואַרט! הייב נישט...

דערלץ: (מיט אַ ניגון) וואָס איז ווערט אַ קרוין, ווען די קעניגשאַפט איז פאַרשוועכט? מיר געפעלן נישט אַזוינע נעכט! מוחל אַזוינע נעכט! (זעצט זיך צו אויף דער ערד, שפילט צעשטרײַט מיט דער קרוין, בליקט מאָדנע אַרויס צו אַוואַטשאַן).

(פון יענער זײַט פעסטונג דערהערט זיך אַ יויכצענדיק־לוסטיקער ווירוואַר פון קולות, בלאָזערײַ פון פײַף און פלייט און קלאַפּערײַ פון קריקעס. ס׳איז ווי אַ פריילעך, מבולבלדיק גערודערײַ פון שיכּורע קלעזמאָרימלעך. עס דערנענטערט זיך אַלץ מער. באַוועגונג צווישן די פראַנקיסטן... אויף קלאַפּנדיקע הילצערנע קריקעס קומען אַרײַן צו הינקען די בעלי־קבין און זיי פאָרויס — ווי אַ פירער — גייט דער אַלטער אלישע, אַ מקובל מיט אַ באָרד האַלב זילבער און האַלב תּכלת, ריזיקע ברעמען צונויפגעוואַקסענע און אַ ספר־יצירה אונטערן אָרעם).

אלישע: (שטאַרק אײַנגעהויקערט, נאָר די אויגן פליִען אים אַרויס פון דער הויקער־פיגור, ווי צוויי בליצנדיקע פייגל) **שלום־עליכם, קינדער!**

פראַנק: (מיט אַ האַלב קול) **וואָס פאַר אַ וויסטע חתונה, אלישע? ווּעמען ברענגסטו דאָ?**

(די בעלי־קבין מיט קליינע אַרונטערהענגענדיקע בערדלעך ווי בײַ ציגן, אין לײַוונטענע בגדים און רויטע מיצלעך, פײַפן, פײַקלען, היפּן אונטער אויף די קריקעס און פרייען זיך. אַ פּאָר פון די בעלי־קבין הינקען צו אין לאָמען געלאַף צו פראַנקן, באַשמעקן און באַטאַפּן זײַן קלייד. איינער פון זיי, אויף הויכע שטאָלצן שטייענדיק, וויל אַראָפּכאַפּן דעם טורבאַן פון פראַנקס קאָפּ. ער באַגעגנט זיך מיט אלישעס שטרענגע אויגן און ציט די האַנט צוריק, בלײַבנדיק שטיין, ווי פאַרשטאַרט, אויף די שטאָלצן).

אלישע: אין דער הייל זיצט אלישע און היט ס׳גאָלד, וואָס ווערט פון די מדינות געשיקט פאַר יעקבן דעם האַר און פאַר אונדזערע ברידער און שוועסטער. יאָרן האָט אלישע צירופים געמאַכט. טאָג איז אים געוואָרן צו נאַכט, נאַכט צו טאָג. נאָך יאָרן איז די מי געקרוינט, ס׳זוכן באַלוינט. די בעלי־קבין האָט אלישע אַרויסבאַקומען, פון פינצטערניש זיי אַרויסגע־צירופט, פון הייל־פאַרבאַרגעניש אַרויסגעפאַנגען. איז ער מיט זיי געקומען, ברידער און שוועסטער משמח זײַן, און אויף באַפעל פון כוחות אייבערשטע געשעט דאָס גראָד די זעלבע נאַכט, וואָס ברידער און שוועסטער גייען באַפרײַט ווערן, די וועלט פון אַלע לאַוון צו באַפרײַען, זיך און וועלט צו באַנײַען. צו פוס בין איך מיט דער קאַפּעליע אַט־אַ־דער געקומען פון אַלשטין. גרוס דיר, פראַנק, פון חנהן, דײַן ווײַב, און גרוס פון אַלע די, וואָס רוען אונטערן שאָטנדאַך פון דער אַלשטינער הייל.

פראַנק: פאַרשטערט איז געוואָרן אונדזער פרייד, אלישע פון אַלשטין. אַ וואָלקן איז אַראָפּ אויף דער מחנה פאַרן אויפגאַנג פון דער זון. באַפויל די בעלי־קבין, זאָלן זיי שטילשווײַגן. ס׳קוקט אונדז אָן אַ געוואַלדיקע שעה.

אלישע: **שווײַגן, בעלי־קבין.** (די בעלי־קבין שטילן זיך אײַן. זיי בלײַבן שטיין צונויפגעדריקט אין די ווינקלען, שושקענדיק זיך שטילער־הייט. אַלע אַרום פאַרהאַלטן דעם אָטעם. דער לץ דערנענטערט זיך צו די בעלי־קבין, צוקריכנדיק צו זיי אויף אַלע פיר, ווי אַ קינד. ער פּרוווט אויס־

שטעלן זיי אַ צונג, באַטראַכט זיי נײַגעריק. יענע דרייען אַוועק דעם קאָפּ און רעדן עפּעס צווישן זיך).

אלישע: (דערזעט אַוואַטשאַן, וועלכע זיצט נאָך אַלץ אויפן גראָז, אונטערגעלענט פון אַ פּאָר פּאַרוויינטע נערות) **וואָס איז געשען דער טאָכטער דײַנער? אַ?**

פראַנק: פרעמדע זענען זי באַפאַלן, נישט צו וויסן ווער.

אלישע: באַפאַלן?

פראַנק: מיר האָבן אויפן גראָז זי געפונען אויסגעשטרעקט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן, די קרוין פאַרוואַלגערט. (פּלוצלינג) **אלישע! טרײַער היטער! קום אַהער —**

(אלישע גייט צו צו פראַנקן, פראַנק בייגט זיך אײַן און רוימט אים עפּעס אויפן אויער. די בעלי־קבין, מיט דעם אויף די שטאָלצן בראש, קוקן שווײַגנדיק אויף אַוואַטשאַן און מאַכן צו איר פון דער ווײַטנס ווילערישע העוויות).

אלישע: הייבט אויף די בתולה און זאָל זי אַרויסגיין מיט מיר! (די פּרויען הייבן אַוואַטשאַן פון דער ערד, אַוואַטשאַ מיט אלישען גייען לאַנגזאַם אַרויס).

פראַנק: (פײַערלעך) **דער אַלטער אלישע וועט אַרויסקומען און זאָגן: ריין אָדער אומריין. אים איז רשות געגעבן צו זען, אים איז רשות געגעבן צו זאָגן.** (אַוואַטשאַס נערות וויינען) **וואָס וויינט איר? איצט וואַקלען זיך די וואָגשאָלן דער וועלטס — דעם אָטעם אײַנהאַלטן — וואַרטן — —**

ירוחם: איצט וואַקלט זיך דאָס באַשאַף. נישט צו וויסן, צי די זון וועט אויפגיין, אָדער נישט. נישט צו וויסן, צי וועט זײַן גרויס פרייד, אָדער אַ גרויס געוויין, צי וועט געזאָגט ווערן: „יאָ", צי וועט דערהערט ווערן: „ניין".

אַ נערה: האַרין אונדזערע! דײַנע לאַנגע ברעמען וועל איך דיר אויסקושן, דײַנע קײַלעכיקע לענדן מיט די העבט אַרומנעמען, מײַן מויל אויף דײַן לײַכטנדיק מויל אַרויפלייגן, און בלײַבן מיט דיר, און שטאַרבן מיט דיר, צי יאָ, צי ניין, צי אומריין, צי ריין.

אַ צווייטע: האַרין אײנציקע, לײַב דו גלאַנצנדיקס, גאָלדענער בשׂמים־קרוג! (אַ שטילקייט).

דער בעל־קב מיט די שטאָלצן: (טרעט אַרויס פאָרנט, חוצפּה־דיק) **וואָס דויערט דאָס דאָרטן? מיר זענען געקומען פּײַפן. בלאָזן זענען מיר אַהערגעקומען. זינגען?**

אַנדערע בעלי־קבין: פּײַפן! בלאָזן זינגען! (טרעטן אַרויס פאָרנט, קלאַפּן רוישיק מיט די קריקעס).

פראַנק: (מיט פויסטן) **שטומט, היבקעדיקע! אין די ווינקלען אַרײַן! איז צײַט צום זינגען איצט? צײַט צום וואַרטן.**

(די בעלי־קבין, מיט געמאַכטער קינדישער דערשראָקנקייט, פאַררוקן זיך צוריק אין די ווינקלען, שושקען זיך, טײַטלען מיט די פינגער אויף פראַנקן און די אַרומיקע, און זעען אויס ווי שפּיאָנען, וואָס קוקן אויס די מחנה פון שונא).

דער לץ: אײַ, בעלי־קבינדלעך! עפּעס דאַכט זיך מיר, איר זענט פון דעם זעלבן פאַך, וואָס איך. זײַט זיך מודה! ס׳וואָר?

ירוחם: (צום לץ; בייז) **אַז דער האַר האָט זיך געבייזערט, מעג שוין דער קנעכט אויך פראַלן? צו ווּעמען רעדסטו דאָס אַזוי, לץ? דאָס זענען דאָך די בעלי־קבין! די בעלי־קבין פון די „תיקוני־זוהר”! די וואָס אלישע האָט געבראַכט אונדז די נאַכט צום גוטן געווין! דאַנק גאָט, וואָס דו גייסט אַרום צווישן אונדז, אומווערדיקער, וואָס דו ביסט געבליבן נאָך פון די צײַטן, ווען דער האַר איז מאַגנאַט געווען אין דער טערקײַ, און ביסט ביז איצט נישט אָפּגעשאָפּט, דו קאַרליק לאַנגצונגיקער! קום, וועל איך דיר אָנדרייען די אויערן!** (ער דרייט דעם לץ די אויערן, דער לץ שרײַט).

פראַנק: אָפּלאָזן.

(עס קומט אַרויס דער אַלטער אלישע, נאָך אים, בלייך און צעשויבערט, אַוואַטשאַ. פראַנק לויפט צו צו זיי. אלישע זאָגט אים עפּעס. פראַנק נעמט אַרויס די טאָכטער און האַלט זי אַ לאַנגע צײַט אין די אָרעמס. באַגײַסטערונג, דויערנדיקע שטילקייט. דערנאָך פלאַצן אַרויס הויכע, צעצויגענע יובלערײַען. דער הויכער זקן פאַלט מיטן פּנים צו דער ערד און זינגט. שוועסטער לויפן און שרײַען: ריין! זי איז ריין! ריין! אַוואַטשאַן ווערט צוריק אַרויפגעזעצט די קרוין אויפן קאָפּ. די בעלי־קבין שטעלן אָן פלייט און פּײַפל).

אלישע: (עפנט דעם ספר־יצירה, קוקט אַרײַן און גיט די בעלי־קבין אַ סימן, ווי אַ קאַפּעל־מײַסטער — זײַנע מוזיקאַנטן) **אין נאָמען פון די רל״א**

שערים פון די הייליקע אותיות — שפּילט אַ פריילעכס! שאַצמײַסטער אלישע האָט באַפוילן!

פ ר אַ נ ק: (ברייט) **מזל־טוב! איצט מעגט איר שפּילן! איצט הער איך!**
(די בעלי־קבין פּויקן, פײַפן און דונערן מיט די קריקעס).

ד ע ר ב ע ל־ק ב י ן מ י ט ד י ש ט אַ ל צ ן: מירן דיר אַ זינג טאָן!
(זינגט, נאָך אים — אַלע איבעריקע, קלאַפּנדיק מיט די קריקעס צום טאַקט פון ליד).

איינס — צוויי — דרײַ — פיר —
אַלץ דיר — אַלץ דיר —
בלוט — גאָלד — בלוט — גאָלד —
גליק — פרייד — דיר — פראַנק —
אַלץ דיר — אַלץ דיר —
קלינג — קלאַנג!

פ ר אַ נ ק: (מיטן פינגער אויף אַוואַטשאַן) **און איר? מײַן קינד וואָס גיט איר, בעלי־קבין ווילע?**

ד ע ר ב ע ל־ק ב מ י ט ד י ש ט אַ ל צ ן: (קוקט אויף אַוואַטשאַן מיט אַ קרומען שמייכל) **און דיר, פײַן טאָכטערשי, דיר שענקען מיר דעם עפּל! דעם שלאַנגס עפּל!**

אַ ל ע א י ב ע ר י ק ע: (לאַכן) **כאַ־כאַ! און דיר, פײַן טאָכטערשי, דעם עפּל! דעם שלאַנגס עפּל! אַ ברכה אויף דײַן קעפּעלע — חוה מיטן עפּעלע!**

ד ע ר ב ע ל־ק ב מ י ט ד י ש ט אַ ל צ ן: און בײַס דעם עפּל מיט אַלע כּוחות! ביזן לעצטן צאָן! ביזן לעצטן צאָן!

אַ ל ע: (לאַכן) **כאַ־כאַ! מיט אַלע כּוחות! ביזן לעצטן צאָן! ביזן לעצטן צאָן!**

ד ע ר ב ע ל־ק ב מ י ט ד י ש ט אַ ל צ ן: דאָס טעכטערל איז, כ׳לעבן, שיין! דאָס טעכטערל איז, כ׳לעבן, וויל! (שטאָלפּערט צו צו אַוואַטשאַן, כאַפּט זי העפטיק אָן בײַ אַ האַנט).

אַ ו ו אַ ט ש אַ: (דערשרעקט זיך, רײַסט אַרויס די האַנט, שטויסט אָפּ דעם בעל־קב) **טאַטע, נעם זיי צו פון מיר! טאַטע!**

פראַנק: נאַריש קינד, די גוטע בעלי־קבין זענען דאָך דאָס. וואָס האָסטו מורא? פרייד איז מיט זיי. אָט לאַכן זיי אַ ביסל. (צו די בעלי־קבין) ליכטיקע גײַסטער פון הילף, אײַער ליד ווי הערלעך און ווי פריילעך די רייד! וואָס מער איר וועט מיר געבן — שטאַרקער וועט דער בוים זײַן, וואָס איך גיי פאַרפלאַנצן. עס דאַרף דער מענטש, אויך דער שטאַרקסטער פון מענטשן, די הילף פון די גײַסטער. שטייט מיר בײַ, בעלי־קבין! (צו אלישען) און דו, אלישע, דינער געטרײַער, מיט וואָס קאָן איך צאָלן דיר פאַר דײַן דינסט צו מיר און דײַן געטרײַשאַפט? די אַלע יאָרן, וואָס מיר זענען דאָ געלעגן טיף פאַרמויערט, גלײַך די קינדער פון די ייִדן אין די מויערן פון מצרים, ביסטו געזעסן אין דער הייל אַ פּאָר מײַל פון אונדז, און האָסט אונדז דאָס גאָלד געהיט, און האָסט חנהן געהיט, מײַן ווײַב, און האָסט צירופים געמאַכט, און האָסט תּפילה געטאָן פאַר דער זאַך. און אַצינד ברענגסטו די בעלי־קבין אַהער, די, וואָס קאָנען אַלץ, די וואָס באַווײַזן אַלץ...

אלישע: אין מײַן ספר־יצירה האָב איך אַרײַנגעבליקט נישט לאַנג — האָב איך באַשײַמפּערלעך דערזען, ווי מען קאָן די בעלי־קבין אַרויס־רופן, זיי זאָלן זיך אָנטאָן אין געשטאַלט און קומען באַהילפיק זײַן דער זאַך. אַ לעבן האָב איך אַוועקגעלייגט אויף אָט די בערדיקע, (ווײַזט אויף די בעלי־קבין) אויף אָט די שטיפערס, אויף חברה פּײַפערס. (לאַכט גוטמוטיק) פון בחורווײַז ביז איצט זיך געמיט, און מיט גרויס התמדה, און מיט ערנסט געמיט... קוקסט אָן די הענט! וויפל פאַרמעטן האָבן זיי צעאַקערט מיט אַ גענדזענע פעדער! וויפל מגילות באַזייט מיט צירופים פון אותיות צוואַנציק און צוויי! כ׳האָב געמיינט: איך ווייס — און דאָס וויסן איז אַוועק פון מיר. מיט אַ מאָל — נישט געדאַכט, נישט געטראַכט — גייט אויף ס׳פאַרזייטע... געעפנט דאָס ספר די טעג — האָבן זיך די אותיות, וואָס איך באַדאַרף, פּלוצלינג אַליין אָפּגעפונען, פון זיך גופא אַרויסגעשפּרונגען, ווי פייגל, וואָס זעצן זיך אַ מענטש אויפן האַנט... ווי זעלנערס צום באַפעל זיך אויס־געשטעלט — און געזאָגט: אלישע, שיק אונדז... און זע: אין אונדזער מערת־המכפּלה, אין דער הייל דער פאַרבאַרגענער פון אַלשטין, זענען זיי פון צווישן קברים פון די גלייביקע אַרויס, די גוטע בעלי־קבין... דערלעבט האָבן

מיר נחת, האַר, און די גײַסטער זענען מיט אונדז, און די זאַך הייבט זיך אָן.

פ ר אַ נ ק: (האַפּערדיק) **נאָך אַ מאָל זאָגט, בעלי־קבין: וואָס גיט איר דעם האַר איַיערן יעקבֿ?**

די ב ע ל י ־ ק ב י ן: האָסט געהערט! דו ווייסט!

פ ר אַ נ ק: נאָך אַ מאָל! שווערט זיך! תּקיעת־כּף גיט!

די ב ע ל י ־ ק ב י ן: שווערן זיך וועלן מיר נישט! גלייבסטו נישט, דאַרף מען נישט. מיר גיבן דיר אַלץ און די מאַכט איבער אַלץ. אָבער מיר ווילן באַצאָלט, אָבער מיר דאַרפן אַ לוין. (פראַנק, אלישע און אַלע איבע־ריקע איבערראַשט).

ד ע ר ל ץ: (קלאַפּט זיך מיטן פינגער איבערן שטערן) **פאַר לצנות — אַ לוין פאַרלאַנגט איר? אַ?**

די ב ע ל י ־ ק ב י ן: (מיט וואַקסנדיקער חוצפּה; שטעלן זיך אַרום פראַנקן און זײַן טאָכטער, קלאַפּנדיק שטאַרק מיט די קריקעס) **די טאָכטער! די טאָכטער! גיב די טאָכטער! באַלוין מיט דער טאָכטער!** (דער בעל־קבֿ אויף די שטאָלצן רוקט אַרויס אַ שפּיציק לאַנגע, שפּיזיקע אַרונטערציטערנ־דיקע צונג).

פ ר אַ נ ק: האָ... וואָס? די טאָכטער?.. איַיך?.. (ביַי אַלע אַרום — שטוינונג און פּחד).

ד ע ר ב ע ל ־ ק ב מ י ט ד י ש ט אָ ל צ ן: (זינגט, און די איבעריקע — נאָך אים).

האָסט זי ליב?
ס'טוט דיר באַנג?
לוין דערלאַנג!
טאָכטער גיב!
ווילסט נישט? ניין?
טאָמער פאַרט?
מיר גיבן אַלץ!
מיר האַלטן וואָרט!

א ל י ש ע: (ייִאושדיק די הענט אויסגעשטרעקט) **דערויף האָב איך יאָרן פאַרבראַכט? דערויף טאָג ווי נאַכט צירופים געמאַכט? און די אויערן מײַנע**

הערן דאָס? איר, אויגן מײַנע, זעט דאָס? באַקלערט אײַך, בעלי־קבין. טוט אײַך באַזינען, טײַערע. רחמנות האָט אויף די יאָרן אלישעס. פאַרשטערט נישט ס׳ווערק פון זײַנע הענט די אַלטע! אפשר שפּאַסט איר בלויז... זאָגט: „מיר האָבן נאַרן געוואָלט, גוטע קונדסים זענען מיר״. ווער האָט אײַך אָנגעקליידט? נישט אלישע? געשטאַלט האָבן אײַך געשאַנקען אלישעס אותיות! די צירופים, וואָס אלישע האָט נאָך אײַך געשיקט, זיי האָבן אײַך געפורעמט! איר, בעלי־קבין, קעגן מיר... זיך פאַרשווערן... קעגן מיר, בערדיקע... קעגן אלישען... איר... גײַסטער זאָלן שכר וועלן... איר אַ שׂכר?..

דער בעל־קב מיט די שטאָלצן: וואָס איז דער יִחוס מיט דיר? האָסט גערופן — זענען מיר געקומען! געוואָלט, מיר זאָלן זײַן — זענען מיר געוואָרן! האָסט אונדז געבוירן — און מיר וועלן דיך הרגענען!

צווייטער בעל־קב: כאַ, כאַ! מיר זענען די גײַסטער פון די זיבן הבלים! מיר זענען פון אַלץ און פון גאָרנישט! זיבן מאָל גאָרנישט!

אַלע: אַלטער אלישע! אַלטער נאַר!

(די בעלי־קבין שטעלן זיך אין אַ ראָד אַרום אלישען, הייבן אים אָן צו שלאָגן מיט די קריקעס, דער מיט די שטאָלצן פירט אָן. זיי לאַכן גרילציק און וויען. אלישע פאַלט אום. בהלה. אַלע לויפן צו. נאָר ס׳איז שוין שפּעט. די בעלי־קבין פאַרשווינדן מיט געלעכטער און אויסגעשרייען).

פראַנק: אלישע! אלישע! (בייגט זיך אַריבער איבערן גוף) דער־הרגעט אלישען! (די אַרומיקע שווײַגן אין טויטשרעק) פאַרשאָלטן דער וועג זייערער! איצט זע איך: זיי האָבן אונדז אויסגענאַרט. איצט זע איך: זיי האָבן אונדז אויסגעלאַכט. איצט זע איך: זיי האָבן אַ בייז אויג אויף דער יונגפרוי געוואָרפן. אַ שרעקלעך ליד האָבן זיי געזונגען, שרעקלעכע רייד גערעדט... אַוואַטשאַ — טאַכטער — מען האָט זיך פאַרנומען אויף דיר — מען האָט זיך פאַרנומען אויף אונדז... אין דײַנע הענט — די האָפענונג! דו ביסט די יונגפרוי! (צו די אַרומיקע) נישט געוויינט! מען האָט זיך פאַרנומען אויף אונדז. איך אָבער זאָג אײַך: לאַכט! אויף להכעיס! געהרגעט אלישען — טאַנצט אַרום אים! זעט —— (ווײַזט אויפן לץ, וועלכער טאַנצט ווילד אַרום אלישען).

לץ: (טאַנצט) האָסט יאָרן געגעבן אויף צו פּאַקן בעלי־קבין, און

האָסטו זיי געפּאַקט, אלישע, האָבן זיי דיך פאַרראַטן ווי אַן אישה! כאַ, כאַ! פאַרראַטן ווי אַן אישה! אַ בייזער סימן — ס'רעכענונגל וויל נישט שטימען!

פראַנק: וואָס פלוידערסטו? אָבער דו טאַנצסט — דאָס איז וויל! טאַנץ! און איר? וואָס שטייט איר? זאָגט! וואָס שרעקט איר זיך? פאַר וועמען? איר גייט אַ וועלט איבעראַנדערשן. אַוואַטשאַ! טאַכטער! יונגפרוי! העי, איר אַלע! מען האָט זיך פאַרנומען אויף אונדז! זיך פאַרנומען אויף אייך! איז וואָס? לוסטיק! טאַנצט! לוסטיק! (אַלע טאַנצן אַרום דעם טויטן קערפּער פון אלישען).

ירוחם: (טיילט זיך אָפּ פון די טאַנצנדיקע. האָרכט פאַרשטיינערט אַ לענגערע ווײַלע, לויפט צו די טאַנצנדיקע צוריק און שרײַט אויס אין דער מחנה) **הערט! הערט!**

אַלע: וואָס איז?

ירוחם: די חיילות!

(פון יענער זײַט מויער — טופּערײַ פון פערדפיס, אָפּגעהאַקטע, ווײַטע קאָמאַנדאָס, דעמפּער מאַסן־געוויש).

אַשוועסטער: (מיט אַ פאַרוואָרפענעם קאָפּ און צעשפּרייטע אָרעמס; וואַרפט זיך צו דער געדיכטעניש פון דיביימער) **די הילף! די הילף!**

פראַנק: (מאַיעסטעטיש) **לויבט אײַער האַר, וואָס האָט אײַך אָפּגעטיילט פון צווישן די בלאַנדזשענדיקע און האָט אײַנגעפלאַנצט צווישן אײַך די זינד און פירט אײַך דורך טומאה צו גאולה. באַלד ווערט איר באַפרײַט אויף צו באַפרײַען די וועלט. דאָס וואָס איך האָב אײַך געלערנט אין איוואַניע און אין טשענסטאָכאָווו, דאָס דאַרף גיין איצט איבער אדום, דאָס דאַרף גיין איבער אָדם.** (די ברידער און שוועסטער קניִען פאַר פראַנקן).

אַוואַטשאַ: (טיילט זיך אָפּ פון אַלעמען, שטעלט זיך אין אַ ווינקל צווישן ביימער, מיטן פּנים צום יונגן זונאויפגאַנג, און רעדט אַרויס שטיל, די הענט פאַרלייגט ווי צו אַ תפילה) **מאַליוודאַ...**

(סוף פון צווייטן בילד)

דאָס דריטע בילד

נאָכן איַינגעמען וואַרשע דורך די רוסן. דער זעלבער טשענסטאָכאָווער תּפֿיסה־הויף, וואָס אין פֿאַריקן בילד. פֿון צײַט צו צײַט וואַרפֿן זיך דורך ערגעץ הינטער די ביימער בערדיקע פּנימער פֿון רוסישע סאָלדאַטן מיט פּיקעס אין די הענט. די סצענע שטייט ליידיק אַ פּאָר מינוט. שפּעטער קומט אָן הענדעם־פּענדעם דער לץ, קוקט זיך אום אויף אַלע זײַטן, לאַכט לאַנג, הויך, בייז־בשׂורהדיק, זעצט זיך אויף דער ערד אַנידער, די פֿיס אונטער זיך, און הייבט אויף אַ פֿינגער צום שטערן.

לץ: אפֿשר ווייסטו, לץ, וואָס דאָס געלעכטער איז מיט דיר? האַ? נאַ דיר גאָר אַ לאַכן! געהערט אַזוינע זאַכן? נאָר מילא, מאַלע וואָס ס׳קאָן זיך מאַכן. אָט וויל דאָך מײַן האַר פֿאַרהאַנדלען צו אַ קעניג אַ טעכטערל חוה, וואָס איך האָב זי ליב מיט אַזאַ מין אהבה — האַ, וואָס האָסטו געזאָגט, לץ? בײַס דיר אָפּ די צונג, קלאַפּער־שלאַנג איינע! ווי פֿאַלסטו אויס ליב צו האָבן אַ מויד, וואָס איז באַשטימט פֿאַר אַ מלך? האַ? (פּויזע) מײַן האַר איז, כ׳לעבן, אַן אײַנגעשפּאַרטער. אויף וואָס וואַרט ער? אויף אַוואַטשאַס אַ קינדעניו? אויף אירס אַ זינד, אַ זינדעניו? (ווידער פּויזע) מען גייט, אויב כ׳האָב קיין טעות נישט, צום טײַוול! אַז מען לאָזט נישט אַ מענטשן קלערן אין תּוך־זאַכן (קוקט זיך אום).

פּראַנק: (קומט אָן מיט האַסטיקע טריט) דאָס ביסטו, קליינער? וואָס טוסטו דאָ?

לץ: וואָס איך טו? איך באַטראַכט די וועלט.

פּראַנק: אַ מאָל, אין דער טערקײַ, פֿלעגסטו פֿריילעך מאַכן און גוטע שפּאַסן אויסקלערן, ווי ס׳פּאַסט פֿאַר אַ לץ. דרײַצן יאָר תּפֿיסה האָבן דײַן פֿריילעכקייט אויפֿגעפֿרעסן. (קלאַפּט אים איבער דער פּלייצע) נו, נישט געדאגהט, קליינער. וועסט אַרויס מיט אונדז אַלע אויף דער פֿרײַ — וועסטו פֿריילעך ווערן, ווי אַ מאָל, און זײַן אַ ריכטיקער לץ.

לץ: אַוודאי, אַוודאי. דיר — אַ מלכּל פֿאַר אַן איידעם, אַוואַטשאַן —

אַ קינדל, מיר — אַ ווויל לצנותל. איטלעכער איינער וועט באַקומען ס׳זייניקע.

פראַנק: (קוקט אויף אים פאַרשנדיק) פלוידערסט שוין ווידער.

לץ: אפשר שטער איך דעם האַר?

פראַנק: שטערסט.

לץ: גיי איך.

פראַנק: גיי. איך בין דאָ אַרויסגעקומען צו זײַן מיט זיך. זאָג אָן די ברידער און שוועסטער, זיי זאָלן מיך נישט זוכן. דײַן האַר וויל דאָ תּפילה טאָן אין איינזאַמקייט (לץ קוקט אים אויפמערקזאַם אָן. אָפּ).

פראַנק: (אויף די קני) דו, ברודער גרויסער, און דו, גרויסע שוועס־טער, מיט אײַך וועל איך רעדן צינד. בײַגעשטאַנען זענט איר מיר, גע־האָלפן האָט איר מיר. געלויבט, געלויבט, געלויבט. צינד, אַז איך און די סטאַדע מײַנע ווערן פרײַ געלאָזט, וועל איך דער גאַרער וועלט ווײַזן דעם וועג צו אײַך, דעם וועג צו דיר, ברודער, און דעם וועג צו דיר, שוועסטער, ווי עס האָט מיך געלערנט ישׂשכר, דער חכם פון סמירנאָ. דרײַפאַך לויב איך זײַן נאָמען אין איצטיקער שעה, דען דער סמירנער — ער האָט אײַך געזען, דיך, ברודער, און דיך, שוועסטער, און מיר אויסגעזאָגט האָט ער דעם סוד אײַערן, און מיר אויפגעזיגלט די קוואַלן פון וויסן, און מיר אויפגעדעקט די סודות פון דעם ערשטן, די לערע פון שבתין, און מיר אָנפאַרטרויט די שליסלען. יענער פון סמירנאָ דער שטאָט — ער האָט אין מײַן קראָפט מיך דערזען, ער האָט מיך, אַ יינגל נאָך, אויסדערווײלט און דערקענט, ווי שמואל האָט שאולן דערקענט און אויסדערווײלט. געלויבט געלויבט, געלויבט! אויך דײַן נאָמען לויב איך דרײַפאַך צינד, היטער אומ־געקומענער, פעסטער דינער פון דער זאַך — אלישע! ביסט געפאַלן — די זאַך גייט ווײַטער. און איצט וועל איך דרײַפאַכע לויב אָפּגעבן דיר, מײַן חנה! דו, וואָס דו האָסט מיר ירושה געלאָזט — זיך אַליין! דו, וואָס האָסט אַוואַטשאַן מיר געגעבן — דײַן עבן־בילד! מיט איר גיי איך טורעמער שטירצן! ווי אַ פאַן וועל איך זי אויפהייבן איבער פעלקער! ישׂשכר, אלישע, חנה! צו אײַך מײַן לויב און רוף, צו אײַך מײַן געבעט אין שעה פון פרייד פון דאָרט, ווו איר זענט — קומט מיט! גיין! גיין! ברודער, איך וויל גיין;

שוועסטער, גיין! צום גוטן גאָט — גיין! צום באַהאַלטענעם גאָט — גיין! צום נאָכנישט אַנטפּלעקטן גאָט — גיין! (פּויזע) אָבער — וווהין? גיין, גיין, אָבער וווהין? ברודער, זאָג! שוועסטער, ענטפער! יששכר, אלישע, חנה! איך וואַרט!

דער לץ: (לויפט פאָרויס, טײַטלט מיטן פינגער אויף פראַנקן) אָט איז ער! אָט איז ער! (נאָכן לץ — דער שליח, אַ הויכגעוואַקסענער יונגער ייִד מיט גלײַענדיקע אויגן. הינטער ביידן — אַן עולם ברידער און שוועסטער).

דער שליח: (פאַלט פאַר פראַנקן מיטן פּנים אַראָפּ).

פראַנק: ווער ביסטו?

דער שליח: צום האַר אונדזערן דעם מעכטיקן — פרידן! און צו זײַן טאָכטער, דער יונגפרוי — פרידן! אַ גרוס פון די ברידער און שוועסטער אין וואַרשע דער קרוינשטאָט, אַ גרוס פון דעם זון דײַנעם ראָך און אַ גרוס פון דעם זון דײַנעם יוסף. געוואַרט האָבן מיר, דער וועג זאָל פרײַ ווערן צו די אונדזעריקע, דען אַלע וועגן האָבן פאַרשטעלט די חיילות פון די מלוכות, וואָס הערשן נאָך איצט אויף דער וועלט, ביז ס'ווערט גע־גרונטפעסטיקט דײַן הערשאַפט. לויב דער שוועסטער מיט דעם ברודער, וואָס די וועגן האָבן זיך געעפנט — אַזוי זאָל זײַן דער ווילן, דאָס אונדזערע הערצער זאָלן אָפן זײַן צו פאַרנעמען די ווערטער פונעם האַר.

פראַנק: וואָס האָסטו מיטגעבראַכט?

דער שליח: אַ בריוו פון דער עדה דײַנער אין וואַרשע.

פראַנק: שטיי אויף און לייען.

דער שליח: (שטעלט זיך אויף, שפּרייט פונאַנדער אַ פּאַרמעט און לייענט).

צום האַר, וואָס זיצט אויף רום, דעם העכסטן איבער די פעלקער פון דער ערד, און צו דער יונגפרוי, וואָס שטייט בײַ זײַן זײַט, דער אַלער־שענסטער פון צווישן טעכטער ערדישע און הימלישע — פרידן!

פון די ברידער און שוועסטער אין דער קרוינשטאָט וואַרשע.

פּאַרכטיקער און גרויסער האַר, אָטעם פון אונדזערע הערצער! מיר, דײַנע קנעכט און מאַגדן, קומען צו דיר מיט אַ געשריפטס. פּאַרכטיקער האַר! מיר זענען געקומען דיך בעטן, דו זאָלסט אָפּווענדן דעם אומווילן

פון פאַר דעם זון דײַנעם ראָך און פון פאַר דעם זון דײַנעם יוסף. מיר, דײַנע קנעכט און מאַגדן, קאָנען נישט פאַרגעסן, דאָס ראָך און יוסף זענען די זין פון אונדזער האַרין און דײַן געליבט װײַב חנה, געבענטשט איר נאָמען צווישן די אייביק רוענדיקע אין די קברים פון אַלשטין. דײַנע זין בעטן דורך אונדז, דו זאָלסט זיי נישט איבערלאָזן אין דער קרוינשטאָט װאַרשע בײַ די פּריצים, װי ביז אַצינד. נײַערט זאָלסט זיי מיטנעמען מיט אונדז צו גלײַך, װען מיר װעלן אַריבערפאָרן די גרענעץ פון פּױלישן לאַנד און װעלן גיין צו די פעלקער און שטאַמען פון דער ערד.

פ ר אַ נ ק : (רײַסט איבער דאָס לײַענען, טופּעט מיט די פיס) מײַנע זין, זאָגסטו? דאַרף איך דען אַזוינע זין? אַן אַנדער זון באַדאַרף איך — אַ קינד פון אַ נײַ געשלעכט. ראָך און יוסף זענען גוט צום פּערדרײַט, ראָך און יוסף זענען גוט צום שפּיל. אָבער נישט גוט זענען זיי פאַר דער זאַך. נישט מיטנעמען װעל איך זיי, בײַ די פּריצים אין װאַרשע מעגן זיי פוילן, דען אַפילו דער לץ איז מער מײַנער, װי זיי. די יונגפרוי — זי װעט מיר ס׳קינד געבוירן, מיטן קינד װעט איר געבוירן װערן אַלע, נײַע מענטשן װעט איר װערן און אַ שטאַם, װאָס גייט דורך די צוויי צום דריטן: דורך טײַוול און אישה — צום גוטן גאָט. (צום שליח) װאָס קוקסטו מיך אָן? לעז װײַטער!

ד ע ר ש ל י ח : (לייענט) און איצט באַװיליק, האַר, צו פאַרנעמען די בשורה װעגן פרישע פעסער גאָלד װאָס זענען אָנגעקומען פון אונדזערע ברידער און שװעסטער אין דער מדינה מערן. אונדזערע ברידער און שװעסטער פון דער מדינה מערן האָבן אונדז געשריבן, דאָס מיר זאָלן אַראָפּקומען קיין עסטרײַך. דען דאָרט איז אַ פּלאַץ צו פאַרפלאַנצן אונדזער װײַנגאָרטן און אַרײַנצוגיין אינעם ד ע ת. אויך איז דאָרט דער הערשער אַ מעכטיקער אַדלמענטש, י אָ ז ע ף ד ע ר צ װ י י ט ע ר גערופן און ס׳איז דער מאַן אַ גרויסמוטיקער און עפנט זײַנע טויערן פאַר אַלע, װאָס קומען צו אים, און נעמט אָן אין זײַן פּאַלאַץ יעדן איינעם פון פאָלק אויף געהער און פאַרנעמט די רייד פון די, װאָס זוכן שוץ אונטער זײַן שאָטן. אונדזערע ברידער און שװעסטער אין מערן שרײַבן װײַטער, אַז װי גאָר און װי גרײַלעך װאָלט זיך געקוויקט זייער האַרץ און געפרייט זייער געמיט, װען

די יונגפרוי, געלויבט איר נאָמען ביז אייביק, וואָלט אין באַגלייט פון האַר גענענט צום טראָן פון אַלמעכטיקן יאָזעף, וואָס ער איז אַן אַלמן נאָך צוויי פרויען און זײַן דריטע איז נאָך נישט געקומען. וואָלט זײַן דריטע געווען זײַן די יונגפרוי — ווי אַנדערש וואָלט אויסגעזען די וועלט און ווי דער־פרייט וואָלט געוואָרן דאָס האַרץ פון גרויס און קליין!

און איצט לייגן מיר אַ סוף צו די רייד און מעלדן דעם האַר אונטער־טעניק, אַז דאָס גאָלד וואַרט אין די פעסער און אַז זיבע קנעכט און מאַגדן וואַרטן מיט אויסגייענדיקע אויגן און אַ גלוסטיק האַרץ אויף באַהעפטונג מיט דער מחנה פון אונדזערע טײַערע ברידער און געליבטע שוועסטער אין טשענסטאָכאָוו (שטילקייט. אַלעמענס אויגן געווענדט צו פראַנקן).

פראַנק: יאָזעף? יאָזעף דער צווייטער? (שאָקלט מיטן קאָפּ).

דער לץ: (פון אַ ווינקל) דער צווייטער, דער צווייטער! דער שידוך איז אַ גרייטער!

ירוחם: (טרעט אַרויס פון צווישן עולם און בוקט זיך פאַרן האַר) וואַרהאַפטיק, ווי שיין וואָלט דאָס געווען, אָ האַר, ווען די יונגפרוי שטעלט זיך צו דער זײַט פון יענעם געזאַלבטן מאַן און פירט אַן מיט פעלקער און געבוירט דאָס קינד און באַנײַט דאָס פּנים פון דער ערד!

פראַנצישעק: (אַ צווייטער זקן) און ווי גוט וואָלט אויך געווען, ווען דו, האַר אונדזערער, נייגסט דײַן אויער צום געבעט פון די ברידער און שוועסטער אין דער קרוינשטאָט וואַרשע און פאַרנעמסט די בקשה פון די אָרעמע זין דײַנע, ראַך און יוסף, און נעמסט זיי מיט מיט אונדז, און מאַכסט זיי ווידער צו דײַנע קינדער.

דער שליח: (נישט דרײַסט) צאָרן נישט, האַר: געווײנט האָבן דײַנע יונגען. די קינדער דײַנע האָבן געזאָגט: וואָס וויל דער פאָטער פון אונדז?

פראַנק: קינדער... קינדער... ווי לאַנג ווערט איר דאָס זאָגן? ווי לאַנג וועל איך דאָס הערן? אַנדערע קינדער דאַרף איך! אַן אַנדער קינד!

דער שליח: (מיט אַן אומבאַוועגלעך פּנים) דער ווילן פונעם האַר זאָל געשען.

פראַנק: דעם ברודערס ווילן זאָל געשען און דער שוועסטערס. נאָך איז שוואַך אײַער טריט, אײַער פוס — נישט פון אײַזן און פײַער, נאָר דער

גאַנג איז אָנגעהויבן — זייט געגרייט! אַצינד ווייס איך, אַצינד ווייסט איר אַלע: נישט קיין מאָסקווע־לאַנד, נישט אין קיין אַנדער לאַנד — קיין עסטרייך דאַרף מען גיין, צו יאָזעפן דעם קייזער!

פראַנציִשעק: (חלומט) שלעסער איבערן דונאַי — שלעסער — שלעסער——

דערלץ: (מאַכט אים נאָך) אַ קרוין שווימט איבערן דונאַי — אַ קרוין — אַ קרוין——

ירוחם: (הייבט די האַנט, קוקט ערגעץ ווייט, אַלע קוקן נאָך) אַהין דער וועג!

אַלע: (פאַרבענקט) אַהין, אַהין...

ירוחם: און די קברים אונדזערע, האַר, די קברים, וואָס אלישע האָט געהיט?.. די ביינער פון אונדזערע טויטע אין אָלשטין?..

פראַנק: טויט זענען די קברים און טויט איז זייער היטער. אלישען וועלן מיר אַוועקטראָגן קיין אָלשטין צוריק און אים באַגראָבן צווישן די קברים, וואָס ער האָט געהיט. לויבן וועלן מיר זיין נאָמען, זיין גייסט בעטן מיטגיין מיט אונדז — זיין גוף אָבער וועלן מיר לאָזן און זאָלן אונדז טויטע אויפן וועג נישט פאַרהאַלטן.

ירוחם: און חנה?.. דיין ווייב חנה איז דאָך דאָרט! די האַרין אונ־דזערע... חנה...

אַלע: (ערפאַרכטיק געמורמל) חנה... חנה... אַוואַטשאַס מאַמע... דעם האַרס ווייב... חנה...

פראַנק: אויך זי וועל איך לאָזן, ירוחם, אויך חנהן. האָסט געהערט? און גיין וועלן מיר. מיר האָבן חנהן — מיר האָבן איר עבן־בילד, ירוחם, מיר האָבן אַוואַטשאַן. (שטילקייט) פאַר וואָס חנה איז געשטאָרבן ווייסטו? איצט ערשט קאָן איך עס אַנטפּלעקן דיר און זיי אַלעמען. זין האָט זי מיר געגעבן, איז פון זיי קיינער נישט געווען דער מענטש, וואָס אויף אים האָב איך געוואַרט, וואָס אים האָב איך באַדאַרפט. האָט דאָס דער גרויסער ברודער דערזען און די גרויסע שוועסטער, און זיי האָבן מיין חנהן די אויגן פאַרמאַכט צוליב דער נישטיקייט פון די זין אירע. דען געוווסט האָבן זיי, אַז נישט פון איר טראַכט וועט אַרויס דאָס געגאַרטע קינד. איז זי רועז

אַוועק צווישן די קברים פון אַלשטין און אויף איר אָרט איז געקומען אַוואַטשאַ, וואָס האָט אויפגעשפּראָצט, ווי הויכער גראָז, און איר האָר איז אויסגעוואַקסן, און אירע בריסט זענען געוואָרן ווי בוימל שמעקנדיקער, און זי איז געוואָרן די זעלבע חנה! (שטאַלץ) איז זי נישט חנה איר מוטער? חנהס אויגן, איר קול! אירע הענט! חנהס עבן־בילד און דער גרויסער שוועסטערס עבן־בילד! מיר און איך זאָל זי דעם זון געבוירן. וואָס מיר איז נישט באַשערט געווען ביי מיין ווייב — זאָל אַ מעכטיקן אין אדום באַשערט זיין. זאָל ער דער פאָטער זיין פון מיין טאָכטערס קינד, אדומס בלוט מיט יעקבס בלוט צונויפגיסן אין אים — אין דעם נייעם מענטש, דעם נישט־געוועזענעם מענטש, דעם נאָכנישט געבוירענעם מענטש!

אַלע: (תּפילהדיק) אין דעם נייעם מענטש, דעם נישט געוועזענעם מענטש, דעם נאָכנישט געבוירענעם מענטש (קעגן איבער ווייזן זיך שאָטנס).

פראַנק: זעט! זעט!

אַלע: (קוקן פאַרבליפט) ווער? ווו?

פראַנק: שבתי־צבי! שׂרה! נתן העזתי! אברהם היכיני! אַלע! זיי אַלע! און זיי הייבן הענט, און זיי קוקן אונדז אָן, און זיי בענטשן, זיי בענטשן — —

אַלע: (באַדויערלעך) מיר זעען נישט! מיר זעען נישט! (לויפן מיט ברייט צעעפנטע פינגער, די שאָטנס צו כאַפּן, בלייבן שטיין אַנטוישט).

פראַנק: (פאַלט אויף די קני).

די געשטאַלטן: (שטייען שטום, געבויגן די הענט).

אַלע: ווו זענען זיי? (די געשטאַלטן פאַרשווינדן).

פראַנק: (שטייט אויף) קומט! גייין! נישט געוואַרט! נאָך מיר!

(אַלע מיט פראַנקן — אָפּ. די סצענע בלייבט ליידיק. ס'דערהערן זיך זעלנער־לידער. דערנאָך ווייזן זיך אַלטער סאָלדאַט, שיכּור, קוים אויף די פיס, פלאַקסענע באָרד און יונגער סאָלדאַט, הויך, דאַר, מיט אַ פּיקע).

יונגער סאָלדאַט: געזען דעם ייִד, דעם רויט־קליידיקן? פון דער תּפיסה דאָ, פון דער פעסטונג! אַ מערדער, זנאַטשיט, אַן אַטאַמאַן אַזאַ, פאַרשטייסטו, אַ זשידאָוועסקער. גייט אים דער גענעראַל אונדזערער, דער קיִנישער, פריי לאָזן, פאַרשטייסטו! פאַטאָמו, ווייל אַליין אויך אַ מערדער־

יונג! דער גענעראַל אונדזוערער, אַ רוח אין זײַן מאַמעס טראַכט אַרײַן, האָט זיך געבייזערט, האָט ער. דעם ייִד, זאָגט ער, לאָזט ער נישט שטעכן, זײַן טעכטערל אויך נישט, געהערט? פאַטאַמו, ווײַל ער גייט אים פרײַ לאָזן, זאָגט ער, ער איז קיין מערדער נישט, זאָגט ער, באַר אַן אונדזעריקער, זנאַטשיט, פון די פּאַליאַקעס געליטן. זיי מיט די זשידעס, זאָגט ער, האָבן אים דאָ, זנאַטשיט, אַרײַנגעזעצט.

אַ ל ט ע ר ס אַ ל ד אַ ט: (שאָקלט זיך) עך, קאַטערינושקאַ, קאַטערינוש־קאַ! אין דײַן מאַמעס מאַמעס טראַכט אַרײַן — אַ רוח איין מאָל און אַ צווייטן מאָל און אַ דריטן מאָל! דו הער, וואָס איך זאָג, דײַטשישע מאָרדע דו. וואָס מיר פאָלשע, הורישע טאָכטער דו אַזעלכענע, ווער מיר פאַלשע? וואָס מיר פאַר אַ טשענסטאָכאָוו? נו, זאָל שוין אַ רוח אין דעם גענעראַל אונדזערן דעם הינטישן און אין אַלע גענערעלער דײַנע און אין די אָפיצירן — וואָט טשטאָ!

י ו נ ג ע ר ס אַ ל ד אַ ט: און דעם ייִד, זאָגט ער, נישט טשעפּען, זאָגט ער. און די טאָכטער אויך נישט. די קעפּ, זאָגט ער, וועל איך אײַך אַראָפּ־האַקן. און אַ טאָכטער נישט קיין שלעכטע; אויגן אַזעלכע. אַ מײַלעכל! קעפּן זי, די פאַרשאָלטענע! פאַרשלעפּן, אַ פײַניק טאָן, פאַרשטייסטו, קעפּן און מיט די פיס — טרעטן!

אַ ל ט ע ר ס אַ ל ד אַ ט: ווי קומסטו קריסטן שעכטן, סוקין סין? וואָס? באַסורמאַנעס זענען דאָס דיר אומגלויביקע, אומקריסטן פאַרשאָלטענע? דו פאַרשטיי, גענעראַל איינער: אין מאַריאַן, דער מוטער גאָטס, גלייבן זיי, ווי מיר, פאַדליעץ דו אַזעלכער. (פאַלט אויף די קני מיט אַ שיכּור געוויין) הייליקע בתולה הימלישע, דו נישט קוק, וואָס מיר זענען נשמות פאַרזיב־דיקטע, סאָלדאַטן פאַרפאַלענע — שטעל דיך אײַן פאַר אונדז, אָרעמע! גיב די טאָכטער דעם זשידס, דאָס זעלנערשע בלוט צו דערקוויקן!

י ו נ ג ע ר ס אַ ל ד אַ ט: דו נישט טענה צו דער מוטער — זי הערט נישט! גענוג דיר, אַלטער. שטיי אויף! די וואַך גייט! (ער הייבט אים בגוואַלד און שלעפּט אים אַוועק מיט זיך הינטער די ביימער).

(סוף פון דריטן בילד)

דאָס פּערטע בילד

זוניקער סוף־זומער־זונטיק. שאָסיי פון ווין קיין מעריש־ברין (ברנאָ). פון יענער זײַט שאָסיי — די שוואַרצע וואַנט פון אַ וואַלד. פון דער ווײַטנס — טורעמס פון אַלטערטימלעכע שלעסער, קלויסטערשפּיצן, מילן אויף היגלען. לינקס — אַ ווײַנהויז. נידעריקע פענצטער; דאַרפיש. עס טראָגן זיך פון דאָרט געשרייען פון שיכּורע זעלנערס. דרויסן פאַרן ווײַנהויז, בײַ אַ דעמבענעם טיש, איבער פינקלדיקע ווײַנגלעזער — דרײַ: יאָזעף דער 2טער, מיטרעגענט פון עסטרײַך, דער אַלטער עסטרײַכישער קאַנצלער פאַן קאַוניץ און אַ רוסישער גרויספירשט, וואָס פאָרט אינקאָגניטאָ איבער אייראָפּע. דער גרויספירשט איז אָנגעטאָן אין אַ גרינעם יעגערקלייד מיט ווײַסע פעדערן אויפן הוט און רויט־לעדערנע שטיוול. אויך יאָזעף דער 2טער און פאַן קאַוניץ — אינקאָגניטאָ, אָנגעטאָן ווי עסטרײַכישע אַדללײַט פון יענער צײַט. יאָזעף האָט דאָס אויסזען פון אַן עטלעכע און דרײַסיק יעריקן. דאָס שאַרפע גלאַט ראַזירטע געזיכט — קיל און פאַרמחשבהט. שטרענגע, ווײַטבליקנדיקע אויגן. האַבסבורגישע, גראָב אַרונטערהענגענדיקע אונטערשטע ליפּ. די רינגען אויף זײַנע הענט בליצן שאַרף אויף דער זון. פון צײַט צו צײַט גייט אַרויס פאַר דער טיר פון ווײַנהויז אַ קאַפּוצינער אין שוואַרצן, באָרוועס, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, און קוקט פון דער זײַט אויף די דרײַ.

יאָזעף: אוּף! ווי דאָס רײַטן מאַכט מיד! (צום רוסישן גרויספירשט) זעט, גרויספירשט, ווי שיין דאָ איז! דער סוף־זומער ליגט איבערן לאַנד ווי אַ שלײַער. בײַ אײַך אין רוסלאַנד פאַלט נישט איצט קיין שניי?

כאַ־כאַ! אַ ווינטערדיק פאַלק די רוסן... בלויז יעקאַטערינע אײַערע איז אַ וואַרעמענקע... (געשרייען פון זעלנערס אין ווײַנהויז) מיר׳ן דאָ זיצן. כ׳האָב ליב צו הערן, ווי ס׳קוויטשעט דאָס ביסל פאָלק, ווען עס נואָפט און שיכּורט אָוועק די זונטאָגס. ביז פאַר נאַכט וועלן מיר נאָך באַווײַזן אָנקומען צו פראַנקן.

פאַן קאַוניץ: (מיט פאַראַכטונג) שיכּורע חזירים.

גרויספירשט: פאָרט פאָלק! כ׳האָב האָלטער אַ מויד מיט אַ זעלנער, איידער די געקרוינטע זונה יעקאַטערינע מיט אירע באַשלעפערס די אָפיצירן. פאַסקודנע בײַ אונדז, אָט וואָס!

יאָזעף: פון דעסטוועגן בין איך אײַך מקנא, גרויספּירשט. איר פאָרט אײַך אַזוי איבער אייראָפּע, און וווּ איר קומט — קאָנט איר זיך אויסמישן מיטן פאָלק... אָדער מיטן פאָלקס פרישע טעכטער... ווי איר ווילט... כאַ־כאַ... (פלוצלינג, ערנסט) אַך. דאָס שוואַרצע בלוט פון אונדזער איינעם!

פאַן קאָוניץ: איך באַליידיק מיך פאַר אײַער מוטער, מאַיעסטעט. דאַרף איך אײַך דערמאָנען, אַז אײַער בלוט איז דאָס זעלבע העל־בלויע מלכים־בלוט פון דער איידעלער מאַריאַ־טערעזאַ, רעגענטין פון עסטרײַך?

גרויספּירשט: כאַ־כאַ, דאָס בלוט... זענען נישט אַלע בלוטן גלײַך? רעדט ווײַטער, קייזער. איך הער.

יאָזעף: בין איך נעכטן אַזוי שטיין געבליבן קעגן איבער דעם ביסל פאַמיליען־פּאָרטרעטן. אַ באַנדע געזאַלבטע קעפּ! איך האָב מיך אָנגעלענט מיט דער האַנט אָן טיש און האָב אַרײַנגעקוקט אין די פּנימער... וואָס איך האָב דאָרט געזען אַזוינס, גרויספּירשט? הם... וואָס איך האָב דאָרט געזען... אויגן שיכּורע, נעזער תּאווהדיקע, מאַכטדאָרשטיקע, ליפּן אַראָפּהענגענ־דיקע, משוגענע. אַ ביסל ריטערלעך פײַער און אונטערגאַנג... שקלאַפן, גרויספּירשט. שקלאַפן צו מאַכט און תּאווה, שקלאַפן צו משוגעת און אונטער־גאַנג... איך בעט אײַך: נאָך וואָס האָט מײַן מוטער מיט אַ פּיצל קינד אויף דער האַנט געדאַרפט אויסוויינען בײַם פּאַרלאַמענט אַ טראָן? ווײַבער! ווי נאַריש! אַזאַ מאַריאַ־טערעזאַ... זי וואָלט דאָך געקאָנט זײַן אַ גוטע קלויסטער־נאָנע...

פאַן־קאָוניץ: (מיט פאָרוווּרף) מאַיעסטעט...

גרויספּירשט: (לאַכט) אַ נאָנע? יעקאַטערינע איז שוין דווקא ווײַט פון די זאַכן... פון איר, קייזער, לאָזט זיך עס נישט זאָגן. וואָס זי האָט געטאָן מיט איר מאַן און קרבן, מיט פּיאָטערן, בלײַבט דער בלוטיקער סוד פון אירע באַשלעפערס און געליבטע. אָן אָפּגרונט איז דאָס דאָזיקע ווײַב. אירע הויפדאַמען פאַרנעמען זיך מיט דעמאָראַליזירן יונגע אָפיצירן. און זי אַליין... (אַ מאַך מיט דער האַנט).

יאָזעף: די פרומע מאַריאַ־טערעזאַ, די זונה יעקאַטערינאַ — אַלץ איינס! אונדזער הערשערבלוט איז שוואַרץ. די פון אונדז, וואָס זענען באַ־שטימט צו טראָגן קרוינען, זעצן זיך מיט אַ געבויגענעם רוקן אויף טראָנען

צו הערשן איבער פעלקער. אײַנגעהויקערט זיצן מיר אויפֿן מלוכה־שטול, ווײַל אויף אונדזערע פּלייצעס זיצן דורות. אויף אונדזערע רוקנס רײַטן שרעק, תּאווה און מאָרד.

פּאַן־קאָוניץ: איר רעדט ווי אַ היפּאָכאָנדריקער, מאַיעסטעט. ווען נישט דאָס וואָס איך ווייס, אַז די קעניגן האָבן צוליב צײַטפֿאַרטרײַב ליב צו רעוואָלוציאָניזירן אַ ביסל... זינט איר האָט פֿאַרלוירן ס׳צווייטע ווײַב, זענט איר אַ מרה־שחורהדיקער אַלמן, מאַיעסטעט. (כּיטרע) קלערט בעסער, מאַיעסטעט, וועגן דער וווּנדער־שיינער אַוואַטשאַ... באַלד וועט איר דאָך זי זען, די שייניטשקע...

יאָזעף: (ווערט אויפֿגעלעבט) אַזאַ מין פּוילישע אַוואַטשאַ, גרויס־פּירשט... אָט דאָס קליינע קעפּל מיט דעם גרויסן קערפּער... ס׳קעפּל איז שמאָל און דער גוף בליט אַזוי גוואַלדיק — איז עס ווי אַ שלאַנג אויבן אויף אַ בליִענדיקן בוים! וואָס ווייסט איר, גרויספּירשט, וואָס פֿאַר אַ שלאַנגנקעפּל דאָס איז! דער סולטאַן, דער רוצח, ווען ער האָט אַזוינס אין די האַרעמען זײַנע — וואָלט ער רק געשלאָפֿן און וואָלט געלאָזט געמאַך...

פּאַן־קאָוניץ: כאַ־כאַ... ס׳וואָלט אפֿשר אַ פּלאַן געווען, מאַיעס־טעט. דער הונט וואָלט זיך פֿאַרנומען מיט דער שוואַרצער אַוואַטשאַ און וואָלט אויפֿגעהערט צו חלומען פֿון דעם בלויעם דונאַי... און די אונגאַרן — זיי וואָלטן געלעגן אין די לעכער...

יאָזעף: (צום גרויספּירשט) ווער איר פֿאָטער איז — ווייסט איר דאָך שוין. איך האָב דאָך אײַך געזאָגט. פֿון דער טערקײַ, פֿון פּוילן, פֿון גאָר דער וועלט, פֿון... ווער ווייס אים. זינט איך האָב אים מיט דער סעקטע זײַנער באַזעצט אין ברין אויף אַ שלאָס — גייען אום וועגן אים כּלערליי קלאַנגען. פּירשט פּאַן־קאָוניץ! איך האָב אײַך באַפֿוילן אויסצופֿאָרשן זײַן אָפּשטאַמונג. (צום גרויספּירשט) איך וויל אים מאַכן פֿאַר אַ באַראָן. (הייבט דעם כּוס) פֿאַר אַוואַטשאַן!

גרויספּירשט: פֿאַר אַוואַטשאַן (אַלע דרינקען טרינקען).

פּאַן־קאָוניץ: פֿון די ידיעות, וואָס איך האָב באַקומען, איז נישט צו זען, פֿראַנק זאָל זײַן פֿון הויכער אָפּשטאַמונג... ליידער, מאַיעסטעט...

און עס מוז זײַן שטרענג... עס מוז שטרענג זײַן, מאַיעסטעט! די גאָלדענע לייטער... ווען אַלע זאָלן אָנהייבן קלעטערן...

יאָזעף: (ביטער) **ווייס איך... אײַער גאָלדענע לייטער...** (צום גרויס־פירשט) **אַז מיר'ן אָנקומען אַהין — וועט איר זען, ווי דער פראַנק האָט אין זײַן פיגור מער קעניגלעכקייט, איידער די געזאַלבטע.**

פאָן־קאָוניץ: אַ פּראָצעסיע דערנענטערט זיך.

גרויספירשט: אַ זונטיק־פּראָצעסיע? (די דרײַ האָרכן).

(פון יענער זײַט שאָסיי, פון הינטערן וואַלד אַרויס, טראָגט זיך פאַרשווומען, הייס געזאַנג פון אַן אַנרוקנדיקן המון; דאָס געזאַנג רײַסט זיך צײַטנווײַז איבער און דאַן גייט פײַערלעך אויף דאָס זילבערנע קול פון אַ האָרן. די ערשטע ווײַזן זיך פּראַנק און זײַן טאָכטער. פראַנק — אין אַ גראַנאַסטאַיענעם מאַנטל און אַ הייכן פּירקאַנטיקן הוט. אַוואַטשאַ זעט אויס אין איר הוט און מאַנטל ווי אַ הויפישע גראַנדדאַמע. ברייטער האַלדזודעקאַלט; בריליאַנטענע רינגען אויף די הענט. נאָך פּראַנקן און אַוואַטשאַן גייען די נערות און טראָגן אַ קרוין. נאָך זיי — ברידער און שוועסטער פון האַר, אַלע אין רויטע און גרינע קליידער. פײַערלעך געזאַנג פון דער פּראַנקיסטן־מחנה הינטער דער סצענע. די דרײַ גאַפן איבערראַשט. די מחנה קומט אַלץ נענטער).

יאָזעף: פראַנק! און אַ קרוין! אַוואַטשאַ! וואָס קומט דאָ פאָר?

פאָן־קאָוניץ: (האַסטיק) **מאַיעסטעט! זאָטלען די פערד און צוריק קיין ווין!**

גרויספירשט: (בשעת די מחנה קומט אָן, צו פאָן־קאָוניצן) **וואָס איז ווערט אַן אינקאָגניטאָ, וואָס ווערט קיין מאָל נישט אַנטדעקט? מיר דאַרפן פון צײַט צו צײַט באַוווּנדערט ווערן פון גרויסע קינדער.**

פאָן־קאָוניץ: אָבער דער כבוד פון דער דונאַי־מאָנאַרכיע! (אָנטשלאָסן) **מאַיעסטעט, צוריק!**

יאָזעף: אָבער אַוואַטשאַ! פאַרט, אויב איר ווילט! אַוואַטשאַ דאָך צווישן זיי, דאָס געשטאַלט, וואָס היילט מײַן בלוט—— (פאָן־קאָוניץ פאַרשטעלט זיך מיט די הענט דאָס פּנים).

פּראַנק: (גיט מיט דער האַנט אַ צייכן, די מחנה זאָל זיך אָפּשטעלן, פאַלט אויף די קני פאַר יאָזעפן).

יאָזעף: שטיי אויף! נישט ווערט איז יאָזעף, דו זאָלסט פּאַר אים קניִען! (דערלאַנגט אַ האַנט און העלפט אים אויפצושטיין).

פראַנק: פרידן צו דיר, יאָזעף, און פרידן צו דיַינע באַגלייטערס די ביידע! פרידן צו דיר, גרעסטער אין אדום! איך זע איַיך זאַלבע דריט! ווי ספירות דריַי אין מענטשנקלייד קומט איר מיר פאַר, ווי ספירות דריַי אין געשטאַלט פון מענטש — און פאַר דער טיר פון הויז שטייט איר, ווי פאַר דער טיר פון אַ ווונדער, וואָס איר היט, עס זאָל פאַר דער ציַיט נישט אַרויס! זאָג איך איַיך: לאָזט אַרויס דאָס ווונדער, וויַיל געקומען די ציַיט!

אַוואַטשאַ: פרידן צו דיר, יאָזעף, און צו דיַינע באַגלייטערס פרידן! מיַין גרוס טראָג איך דיר און מיַין ליַיב — דאָס ליַיב, וואָס דו האָסט דער־קענט. פון די לענדער, וואָס דו הערשסט אויף זיי, איז מיַין ליַיב דאָס לאַנד, וואָס דו קענסט צום בעסטן, איז מיַין ליַיב דאָס לאַנד, וואָס דו קענסט צום ווינציקסטן. פרידן צו דיר, יאָזעף! פרידן, מיַין יאָזעף! (יאָזעף קוקט אויף איר פאַרשנדיק).

די מחנה: רום דעם קייזער, רום, רום! (יובל).

פראַנק: היַינט פרי איז איינער פון אונדזערע פאַרביַיגעריטן — האָט ער דערזען קיין ברין דריַי ריַיטערס פאָרן, און האָט צווישן די ריַיטערס דעם קייזער דערקענט. און ס'האָט דער מענטש פאַרשטאַנען גליַיך, אַז צו אונדז גייט דער וועג. האָט ער אין פרייד אין גוואַלדיקער געלאָזט זיַין פערד אין אַ גאַלאָפּ און ווי אויף פליגל געקומען מיט דער בשורה אין מויל, אַז אין איבערגעטאָנענע קליידער פאָרט צו אונדז דער מלך פון אדום. האָב איך וואַרטן אַ מינוט נישט געקאָנט, גענומען די ליַיט, וואָס מיט מיר, און בין דיר אַנטקעגנגעקומען אין פרייד. האָב איך דיך איצט, דערהויבענער, מיט דיַינע באַגלייטערס פאַר דער טיר פון אַ נידעריק הויז געטראָפן. די נידעריקע פענצטער היטן אַ הויכע זאַך. רום, רום, רום!

די מחנה: רום דעם קייזער, רום, רום!

(פון וויַינהויז לויפן אַרויס זונטאָגדיק שיכּור: דער שענקער, די שענקערין, אַ פּאָר זעלנערס און אַ מויד מיט אַ צעשויבערטן קאָפּ).

דער שענקער: (וואַקלט זיך, שטופּט דאָס וויַיב) **הערסט? זיי זאָגן: דער קייזער! נבלה איינע, דער קייזער!**

די זעלנערס: (לאָכן שיכּורערהייט) **דער קייזער! פּלעשער אים אין קאָפּ! ווּ די פּלעשער?**

די מויד: (רײַסט די האָר פון קאָפּ און וויינט, טײַטלענדיק אויף יאָזעפן און זײַנע באַגלייטערס) **האַרן! הינט! וויפל גיט איר? קנײַפּן קענט איר? האַרן — הינט — האַרן!** (אַ גרופּע יונגע פראַנקיסטן, געקליידט ווי אולאַנער, שפּרינגט צו מיט אַנטבלויזטע שווערדן, כאַפּט אָן די שיכּורים פון הינטן און שלעפּט זיי אויף ס'געוואַלד מיט זיך; די שיכּורים ווערן זיך. נאָך אַ געראַנגל גיט זיך אײַן זיי אַרײַנצושלעפּן אין ווײַנהויז. חברה שרײַט אַרויס, וויינט, פלוכט, הייבט פויסטן, וואַרפט זיך צו טיר און פענצטער. אַ פּאָר אולאַנער־פראַנקיסטן גייען אַרײַן אינעווייניק, אַ וואַך בלײַבט בײַ דער טיר דרויסן. די שיכּורים ווערן ביסלעכווײַז באַרויקט, אינעווייניק ווערט שטיל. די אולאַנער־יונגען קומען אַרויס צוריק).

איינער פון דער וואַך: (קוקט אַרײַן דורכן פענצטער) **אײַנגעשלאָפן!**

צווייטער: עפּעס איינער אַ שוואַרצער דרייט זיך נאָך אַרום.

אַן אולאַנער־יונג: אַ קאַפּוצינער. אָבער ער איז ניכטער (די וואַך טרעט אָפּ).

פראַנק: (צו יאָזעפן) **מיט וויפיל מענטשן בין איך געקומען אַהער אין דעם לאַנד. איצט גיב אַ קוק און זע: איז נישט אויסגעוואַקסן מײַן מחנה ווי אַ בוים איבער וואַסערן, גרויס אין צאָל און שטאַרק ווי דער דונער? איז נישט אַזוי פּאַרצײַטנס יעקב מיט דעם גאַנצן פאַרמעג זײַנעם געגאַנגען אַנטקעגן דעם ברודער זײַנעם?**

פאַן־קאַוניץ: (צום גרויספּירשט) **הם... דער פאַרגלײַך איז דרײַסט! ברודער! וואָס פאַר אַ ברודער איז ער אים, גרויספּירשט?**

גרויספּירשט: ער זעט אָבער קעניגלעך אויס, דער דאָזיקער... און די טאָכטער! ווי אַ גרויס פאַרביק שפּילצײַג, ווי אַ פאַנטאַסטישער אַפריקאַנישער פויגל, מיט גאָלדענע פעדערן, אויף שלאַנקע פיס... (קוקט אויף אַוואַטשאַן מיט שמייכל פון תאווה און באַוווּנדערונג).

יאָזעף: גוט האָסטו געטאָן, דו אַלטער, וואָס דו ביסט אַנטקעגנ־

געקומען. און בעסער נאָך, וואָס דו האָסט די טאָכטער נישט פאַרגעסן מיטצונעמען, די פרייד פון מענערוויגן, דעם יונגן בליטנצוויַיג...

אַוואַטשאַ: (וואַרפט זיך מיט ברייט־צעשפּרייטע אָרעמס צו יאָזעפן) **איצט דערקען איך דיך ווידער, יאָזעף, מיַין יאָזעף! מיַינער ביסטו, מיַינער! דיַין בליטנצוויַיג בין איך — טאָ דערברעך דעם צוויַיג, וואָס דו האָסט אָנגעבראָכן, יאָזעף! דערברעך ביז צום סוף! די נעכט, וואָס איך בין געווען ביַי דיר אין לאַגער — האָט נישט איין שאָטן אונדז איַינגעדעקט? איז נישט איין קישן געלעגן אונטער דיַין קאָפּ און מיַינעם? געליבטער... קייזער... יאָזעף...** (אַוואַטשאַ פּרוּווט פאַרוואַרפן די הענט אַרום יאָזעפס האַלדז. איבער־ראַשט פון איר דריַיסטקייט בליַיבט יאָזעף אַ רגע צעמישט. אַ געמורמל אין פראַנקס מחנה. יאָזעף לענט אָפּ מיט צאַרטער פאָרזיכטיקייט אַוואַטשאַס הענט, רוקט זיך פון איר אָפּ אויף אַ פּאָר טריט און בליַיבט שטיין, שמיי־כלענדיק צו איר מיט גרויסמוטיקער פאַרציילעכקייט, ווי צו אַ קינד, וואָס כאַפּט זיך אַרויס מיט אַ שטות).

פּאַן־קאָוניץ: (אויפגעבראַכט) **שוויַיג, דו איינע! צו וועמען רעדסטו אַזוי?** (באַגעגנט זיך מיט די בליקן יאָזעפס און בייגט אַראָפּ דעם קאָפּ).

פראַנק: (מיט אַ שטראַלנדיק קול, ווי אַ פעלדהער צו די זעלנערס) **דער מלך פון אדום האָט איבערגעטאָן די לבושים! אין קליידער פון גע־ווינלעכן אַדל שטייט דער מלך פון אדום! גרויס איז דער סוֹד פון לבושים איבערגעטאָנענע! און ביַי זיַין זיַיט — ווער שטייט? יעקבס טאָכטער ביַי זיַין זיַיט! קינדער! ציַיטיק ווערט די זאַך, פלאַצן וויל די פרוכט, באַלד פאַלט פון בוים דער עפּל. זינגט! זינגט!** (מ אַ ס ן ־ ג ע ז אַ נ ג).

בייגט דעם אַלף צו דער תּיו!
לאָזט דעם אַלף טרינקען גיין;
תּיו איז ברונעם, אַלף — שאָף!

פירט דעם אַלף צו דער תּיו!
נאָכן טרינקען — שלאָפן גיין;
פירט אים זינגענדיק צום שלאָף!

בייגט דעם אַלף, בייגט דעם אַלף,
בייגט דעם אַלף צו דער תּיו!

(די גאַנצע צײַט פֿון געזאַנג שטייען אַוואַטשאַ און יאָזעף קעגן איבער זיך און קוקן זיך אָן לאַנג, דורכדרינגלעך, פֿאַרעקשנט, ווי וועלנדיק דערגיין איינער דעם צווייטנס מחשבות. דער גרויספּירשט הערט זיך אײַן מיט נײַגער פֿון אַ גאַסט, דער אַלטער פּאַן־קאַוניץ מאַכט זיך נישט זען און מורמלט עפּעס, ווי ער וואָלט אין דער שטיל, פֿאַר זיך, געשאָלטן).

דער וואַנדער־קאַפּוצינער: (שטייט אין פֿענצטער פֿון ווײַנהויז, קוקט שטיל און אומבאַוועגלעך אַ פּאָר מינוט, נישט ווערנדיק פֿון קיינעם באַמערקט).

פּאַן־קאַוניץ: (קאָן זיך נישט אײַנהאַלטן, צום גרויספּירשט) נישט וואָר, אויסטערליש? אַ געזינדל פֿאַרביקע אַזיאַטן מאַכט זיך משוגע, און קייזער יאָזעף צווישן זיי, ווי זייערס גלײַכן!

גרויספּירשט: איך פֿאַרשטיי נישט דאָס געזאַנג זייערס, פּירשט. פֿרעמד זענען די טענער און נײַ פֿאַרן געהער. איך הער, ווי אונטערערדישע קוואַלן שרײַען... ביימער, וואָס וואַקסן דורות לאַנג אין היילן, נעמען פֿליִען צו דער זון... די היילן עפֿענען זיך... די ביימער פֿליִען אַרויס... איר זעט, ס'אַראַ אויגן די מענטשן האָבן? ווען איך וואָלט געקאָנט קניִען מיט זיי צוזאַמען... זינגען צו עפּעס... אַרויספֿליִען צו עפּעס...

פּאַן־קאַוניץ: גרויספּירשט, איר ווערט אַ דיכטער, און איך בין אַן אַלטער דיפּלאָמאַט. היילן... זון... אַרויספֿליִען... און איך זאָג, אַז דאָס האָט אײַך אַלע פֿאַרדרייט די קעפּ דער משוגענער רוסאָ! (דרייט פֿאַרדראָסיק די וואָנצן און קוקט מיט שׂינאה אויף פֿראַנקן און אַוואַטשאַן) דעם קייזערס שפּיל ווערט געפֿערלעך.

(דער וואַנדער־קאַפּוצינער, וואָס איז פֿריִער מינוטן לאַנג געשטאַנען אין פֿענצטער און איז דערנאָך פֿאַרשוווּנדן, קומט פּלוצלינג אַרויס אין אַ שוואַרצער מאַסקע אויפֿן פּנים און שטעלט זיך פֿון דער ווײַטנס קעגן איבער יאָזעפֿן מיט אַ פֿײַערלעך געהויבענער האַנט, ווי איינער וואָס גיט אַ צייכן. שטומע סצענע. קיינער וואַגט נישט צו ריידן אַ וואָרט. אָפּוואַרטן. שרעק. פֿײַערלעכקייט. התעוררות אין פֿראַנקס מחנה).

פּאַן־קאַוניץ: (שטערט דער ערשטער די שטילקייט, דרײַסט צו

יאָזעפֿן) מאַיעסטעט! מען קאָן פֿון זינען אַראָפּ... שדים אין מאַסקעס... זינט דער פראַנק איז אַהערגעקומען — איז דאָס לאַנד פֿול סודות... איך דערקען נישט עסטרײַך!...

גרויספּירשט: (נעמט אים אויף אַ זײַט) ערגערט זיך נישט, פּירשט. נעמט עס אויף ווי אַ צושויער. אַ געהיימענישפולער וואַנדער־קאַפּר־צינער! און אין אַ מאַסקע! שטעלט! מיט אַ געהויבענער האַנט! ווי אַ גײַסט פֿון אַ טויטן! אַזוינס געשעט נישט יעדן טאָג.

(דער קאַפּוצינער אין מאַסקע שטייט נאָך אַלץ אומבאַוועגלעך, די האַנט געהויבן).

יאָזעף: (צו פראַנקן) ווער איז עס?

פראַנק: איך קען אים נישט, קייזער. (פּויזע).

(קאַפּוצינער קוקט אויף יאָזעפֿן, ברענט אים דורך מיט די אויגן און שווײַגט. דערנאָך הייבט ער פּאַמעלעך אָן צו ריידן, די האַנט האַלטנדיק געהויבן).

קאַפּוצינער: איך וואָרן דיך: פראַנק גרייט אַ פאַרשווערונג.

פאָן־קאַוניץ: אַ פאַרשווערונג!!

גרויספּירשט: (נײַגעריק) אַ פאַרשווערונג?...

קאַפּוצינער: פראַנק שיקט מענטשן אין דער טערקײַ! נישט לאַנג האָט ער אַהינגעשיקט מאַטעוש מאַטושעווסקין! קוק אָן זײַנע לײַט — און זע: זיי טראָגן שווערדן בײַ דער זײַט! זיי איבן זיך אין געפעכט! זיי גרייטן זיך צו מלחמות! אַצינד זענען זיי דיר אַנטקעגנגעקומען, אָבער אומברענגען דיך איז זייער מיין! פאַלשקייט אין זייער האַרץ! אומריין די מעשים זייערע! דער פאַלשסטער פֿון זיי, דער ערגסטער — פראַנק!

יאָזעף: ווער ביסטו, וואָס איך זאָל דיר גלייבן?

קאַפּוצינער: איבער דײַן לאַנד גיי איך אַרום, אַלמעכטיקער, און מײַן וועג איז פֿון דאָרף צו שלאָס, און מײַן וועג איז פֿון שלאָס צו שטאָט. איך קוק מיך אײַן, איך הער מיך צו — און זוך די שפּורן פֿון אומטרײַשאַפט און פאַרראַט.

יאָזעף: (נאָך אַ רגע נאָכדענק) אַ דאַנק, קאַפּוצינער. נאָר נישט פֿון נעכטן קען איך פראַנקן און נישט קעגן מיר זענען די שווערדן פֿון זײַנע לײַט געווענדט. ס'זענען אַנדערע שווערדן. (צו פאָן קאַוניצן) ווי מיינט איר,

פירשט? דער כיטרער קאַפּוצינער מוז זײַן אונטערגעשטעלט פון די גלחים. זייערע קלויסטערס פאַרמאַך איך און פראַנקן מיט זײַן סעקטע האָב איך אַוועקגעגעבן אַ שלאָס — קאָנען זיי נישט רוען.

קאַפּוצינער: (שטרענג) איך האָב געזאָגט. איך האָב געוואָרנט. איך האָב מײַן האַנט געהויבן — און געוואָרנט.

קולות צווישן דער מחנה: פאַר וואָס ווערט זײַן צונג נישט צעבראָכן אין מויל? וואָס זינקט נישט אײַן אונטער אים די ערד? וואָס פאַלט זײַן האַנט נישט אַראָפּ ווי אַ דאַרע צווײַג!?

ירוחם: (וואָס שטייט צווישן די ערשטע) לאָז מיך, האַר, און מיט דער שווערד וועל איך די מאַסקע אים פון פּנים אַראָפּהאַקן!

פראַנק: (מיט זיכערקייט פון טיפן גלויבן) אַז יעקב איז אַנטקעגנגעגאַנגען עשׂון זײַן ברודער — האָט אים אויך געטראָפן עמעצער און האָט זיך געראַנגלט מיט אים. און דערנאָך האָט יענער עמעצער געזאָגט צו יעקבן: בענטש מיך! (צו יאָזעפן) קייזער! אָט וועסטו זען: צוגיין וועל איך צו אָט דעם שוואַרצן און אים זאָגן, וואָס איך האָב צו זאָגן — וועט דער שוואַרצער אויפהערן צו רעדן שלעכטס אויף מיר און אויף מײַן מחנה און וועט אַראָפּלאָזן די האַנט און וועט שטיין און וועט שטילשווײַגן. (לאָזט זיך גיין צום קאַפּוצינער).

פאָן־קאָוניץ: דער סעקטאַנט האָט פאַנטאַזיע... הם... (יאָזעף און דער גרויספירשט שווײַגן).

ירוחם: (שרײַט אין דער מחנה אַרײַן) ס'איז אַ נסיון! ס'איז גאָרנישט! ס'איז אַ נסיון! דער האַר וועט זיך נישט לאָזן! מחנה, גרייט זיך! (שטאַרקע באַוועגונג צווישן דער מחנה).

אַוואַטשאַ: טאַטע! וואָס וויל דער שוואַרצער? וואָס מישט ער זיך אין אונדזער פרייד אַרײַן?

פראַנק: האָסט מורא? (צום קאַפּוצינער) ווייס איך דען נישט, אַז דו פאַרשטעלסט זיך? ווייס איך דען נישט, אַז דו ביסט פײַער אין שוואַרצע קליידער? ווייס איך דען נישט, אַז דו קומסט מײַן כּוח אויספּרוּוון? און דו אַליין — ווייסטו דען נישט, אַז פראַנק איז דער פרײַנד פון דעם, וואָס האָט דיך געשיקט אַהער — פון דעם גרויסן ברודער? ווייסטו נישט, אויס־

פרוווער, ווייסטו נישט, פאַרשטעלטער, אַז געקומען בין איך שלום מאַכן צווישן דעם גרויסן ברודער, דײַן האַר, און דעם גוטן גאָט? טאָ לאָז די האַנט אַראָפּ! לאָז די האַנט אַראָפּ! לאָז אַראָפּ, זאָג איך!

(קאַפּוצינער וואַקלט זיך, דענקט נאָך, לאָזט אַראָפּ צום סוף די האַנט. יובל אין פראַנקס מחנה).

ירוחם: (באַגײַסטערט) ברילט דער לייב — ווער פאַרכט דען נישט? דער האַר האָט געשפּראָכן — ווער ווידערשפּעניקט? פאַרכטיק זײַן וואָרט, פעלדז — זײַן באַפעל, גוטס און שלעכטס איז אים אונטערטעניק!

קולות פון דער מחנה: לויב דעם האַר! לויב! לויב!

פראַנק: שד פאַרשטעלטער! אַ וואָרט גיב, אַז דו וועסט רויק זײַן!

קאַפּוצינער: גוט. ווילסט — קאָן איך שטיין און מיך צוקוקן, וואָס דאָ וועט זײַן. סײַ ווי איז מײַן פּנים פאַרדעקט — און דו זעסט נישט, וואָס אויף אים שטייט, ווען איך זאָג דאָס דיר. (שטעלט אַן ביידע אויגן אויף אוואַטשאַ; קוקט לאַנג, דאַרשטיק, אומבאַוועגלעך; אַלע שווײַגן).

אוואַטשאַ: (מיט פּחד) וואָס קוקט ער מיך אַן אַזוי? בליצן שיקט ער צו מיר! שוואַרצע בליצן!

קאַפּוצינער: ווען דו וואָלסט זען מײַן פּנים!

פראַנק: וואָס שרעקסטו דיך, קינד? האָסט דאָך געזען: איך האָב אים שטיל געמאַכט (צו דער מחנה) און איצט, אַז אויך דער אויספּרוווער איז אונדזערער, שטייט אויף, קינדער, און האָרכט, שטייט אויף און זעט, שטייט אויף און זײַט געגרייט צו דעם, וואָס געשעט פאַר אײַערע אויגן און אין אײַערע טעג! (צו יאָזעפן; שטאָלץ) מעכטיקער פון צווישן אדום, געזאַלבטער פון רוימישן רײַך! פאַרנעם די רייד פון יעקב — און זאָלן הערן מיט דיר הימל און ערד! דיר גייט אַ קינד געבוירן ווערן, קייזער, דאָס קינד, וואָס וועט אונדז טרייסטן, דער ערשטער שפּראָץ פון אַ נײַעם פאָלק, פון אַ שטאַרק געשלעכט, פון אַן אויסגעלייזטן שטאַם! באַצווינגער פון פעלקער, אַ בשׂורה ברענט אויף מײַן צונג און אַ וואָרט פון גרויסער פרייד. בענטש יעקבס טאָכטער, וואָס שטייט דאָ מיט דיר! זינט ס'איז דאָרט אין פעלד, אין לאַגער, אויפגעגאַנגען איר אומבאַפלעקט לײַב ווי יונגער

קאָרן פאַר דײַן אָנגעזיכט און זינט געהייליקט איז געוואָרן צו דיר, הערשער פון אדום, די יונגפרוי, וואָס איז געהיט געוואָרן פון אַ מאַנס באַרירונג — קוקן אַנדערש אויס די טעג. די שעהען האָבן דעם גאַנג געענדערט, אַלע זייגערס ווילן טאַנצן. דען נישט ווי אַלע יונגפרויען איז אַוואַטשאַ, די ריינע פרוכט פון מײַנע לענדן, געגאַנגען צום געלעגער פון אַ מאַן. מיט איר, אָ קייזער, איז צום געלעגער דײַנעם געגאַנגען די וועלט, אַלע ספירות האָבן זי באַגלייט מיט ליכט אין די הענט, אַלע שטערן האָבן איר אויפן וועג געזונגען אין דער ערשטער נאַכט און אין די ווײַטערדיקע. נישט ווי רות האָט זי פאַרגנבעט זיך צום שײַער פון אַ פרעמדן מאַן און נישט אויף שפּיץ פינגער איז זי צו דיר געקומען, בײַערט אויף דײַן רוף איז זי געגאַנגען שטאָלץ און מײַן מחנה האָט געוווּסט פון יעדער נאַכט, ווען אַוואַטשאַ גייט צום קייזער, און דאָפּלט האָט זי זיך געפרייט אין אַזאַ נאַכט, און האָט געטאַנצט. וווּנדערן פלעגן זיך די אײַנוווינערס פון ברין: וואָס ברענט אַזוי, וואָס דונערט אין דער נאַכט אַרײַן דער אַלטער שלאָס פון זיבנבורגער פירשטן? אָ, די נעכט, ווען אַוואַטשאַ איז צום קייזער אַוועק, צום קייזער פון אדום! פאַרזייט איז געוואָרן אין יענע נעכט דער גאָרטן! אין יענע נעכט האָבן אדום מיט יעקבן זיך געטראָפן און די הייליקע יונגפרוי איז געוואָרן די מוטער פון נײַע דורות! (צו אַוואַטשאַן) נעם, טאָכטער, אַראָפּ דײַן הוט, און וואַרף אַרונטער דײַן מאַנטל, און אַנטפּלעק זיך אין דײַן מלכות־קלייד, און טו דײַן קרוין פון גאָלד אָן, און שטעל דיך, קעניגין, צום קייזערס רעכטער האַנט! (עקסטאַז) **ה ע י, נ ע ר ו ת! ד י ק ר ו י ן ד ע ר ל אַ נ ג ט!**

(די נערות טראָגן צו די קרוין זינגענדיק, העלפן אַוואַטשאַן אַראָפּנעמען הוט און מאַנטל, פראַנק נעמט די קרוין אין האַנט. אַוואַטשאַ שטעלט אונטער דעם קאָפּ. דער האָרן שאַלט).

י אָ ז ע ף: (צו ערשט נײַגעריק, דערנאָך — אַלץ מער פאַרווירט, צו לעצט צאָרנדיק, הערשעריש, אויסער זיך) ביסט פון זינען אַראָפּ, אַלטער! האָסט אַ שׂרפה אין קאָפּ! פאַראיקט איז וואָס דו טוסט. נישט צום פאַרשטיין דײַנע רייד. ווי אַ מעסער אין אַ שיכּורס האַנט — די ווערטער אויף דײַן צונג. פאַרשאָלטענער! אומגליקלעכער!

פאָן־קאַוניץ: מאַיעסטעט, דער משוגענער ייִד וויל אײַך אומ־גליקלעך מאַכן!

גרויספּירשט: שטערט נישט, פּירשט. די שענסטע בלעטער פון שענסטן ראָמאַן — וואָס זענען זיי קעגן דעם, וואָס איך זע דאָ?!

פראַנק: (פּײַערלעך צו אַוואַטשאַן) איז אַ פאַלש וואָרט אַרויף אויף דײַן צונג? האָסטו אפשר מיך גענאַרט און די מחנה מײַנע? זאָג: וועט נישט דער קייזער זײַן דער פאָטער פון דײַן קינד, אַוואַטשאַ? (אין דער מחנה — שטורעמונג).

אַוואַטשאַ: (שרײַט, טײַטלענדיק אויף יאָזעפן) פאַר אים, פאַר דיר און פאַר אײַך אַלע זאָג איך: ער! ער — דער מאַן! ער — דער פאָטער!

דער קאַפּוצינער: (פּלוצלינג; צעצויגענע ווערטער) נאָך וואָס ביסטו, אַוואַטשאַ, געגאַנגען צו די קעניגן? נאָך וואָס ביסטו, אַוואַטשאַ, געגאַנגען צו די קעניגן? (קיינער הערט נישט).

ירוחם: (אין דער מחנה אַרײַן) געהערט! ער! ער!

אַלע: (נאָך אים) ער! ער!

יאָזעף: משוגעים! משוגן מיידל דו! (צו פראַנקן; מיט פאַראַכטונג) ס'איז אפשר געווען אומזיסט? און ווער האָט דײַן טאָכטער די הענט אין רינגען אויסגעזעצט? ווייניק נאָך? אַ קרוין דאַרף איך איר אויפן קעפּל אַרויפזעצן? אַ קרוין, אַלטער אָפּנאַרער איינער? ווייניק נאָך ווײַבער טראָגן קרוינען? דאַרף נאָך אפשר צו יעקאַטערינאַן און טערעזאַן אַן אַוואַטשאַ צוקומען? ווי? (צום גרויספּירשט) איך ווער בעסטיאַליש, גרויספּירשט. איר זאָלט אויף מײַן בײַשפּיל לערנען, ווי מען טאָר זיך קיין מאָל נישט אַראָפּלאָזן צום המון אַזוי טיף, ער זאָל אונדז קאָנען אַרײַנשלעפּן אין זײַן בלאָטע... זיי זאָגן: נאַטור... כאַ־כאַ... נאַטור... טאָלעראַנץ... אין דער ליבע זײַן טאָלעראַנט ווי אין דער פּאָליטיק איז געפערלעך, נישט וואָר? וואָס קוקט איר? קומט! לאָמיר לויפן פאַר דער קרוין, ווי קין פאַר הבלס שאָטן — און זיי קומען מיט אַ קרוין אין האַנט... דער ווילדער ייִד מיט זײַן ווילדער טאָכטער זענען קרוינדורשטיק, כאַ־כאַ, טראָנדורשטיק... וואָס מיר איז צום עקל שוין — איז זיי צום חלום... (צו אַוואַטשאַן) דו טראַגעדיקע מויד...

דו עקלדיקע... (צו פאַן־קאַוניצן) **געבוג פאַר מיר! צו די פערד, פירשט פאַן־קאַוניץ!** (לאָזן זיך גיין).

פ א ן ־ ק א ו נ י ץ: (דרייט זיך אום צו פראַנקן און זײַן מחנה) **זײַן מאַיעסטעט האָט שוין געבוג די אַוואַנטורע!**

ג ר ו י ס פ י ר ש ט: (גייענדיק, צו פאַן־קאַוניצן) **איך בין נײַגעריק צו וויסן, ווי וועט דאָס אויסזען שפּעטער. איר רעכנט זיי גאַרנישט צו טאָן?**

פ א ן ־ ק א ו נ י ץ: **זאָלן זיי טאָן, וואָס זיי ווילן.** (אָפּ זאַלבע דריט. הינטער דער סצענע הערט זיך ווי רײַטערס פאָרן אָפּ. שטומע פאַרלוירנקייט אין דער מחנה).

פ ר א נ ק: (פאַרשטיינערט).

(**ד ע ר ק א פ ו צ י נ ע ר** קוקט דורך **דער מאַסקע מיט גליִענדיקע אויגן, וואָס הערן נישט אויף צו רעדן**).

א ו ו א ט ש א: (לאָזט זיך לויפן מיט צעשפּרייטע הענט) **אָפּגעפאָרן? אַוועק? נישטאָ מער? דײַן קינד אין מיר, דײַן קינד, און דיך אַליין וועל איך נישט האָבן מער? דיך נישט האָבן מער? ניין? יאָזעף! קום צוריק, יאָזעף!** (וויינט און רײַסט דאָס קלייד אויף זיך).

פ ר א נ ק: **זײַן קינד אין דיר איז נישט דאָס וועלטקינד! נישט אַזאַ קינד האָט דײַן פאָטער געמיינט!** (צו דער מחנה) **דער מלך פון אדום האָט די יונגפרוי פאַראומרייניקט. דאָס קינד זאָל שטאַרבן אין איר. נישט עפענען זאָל עס די אויגן צו זען די זון.**

א ו ו א ט ש א: **פאָטער, דו האָסט אים דערצאָרנט! נאָך וואָס האָסטו מיך קרוינען געדאַרפט? נאָך וואָס?**

ק ו ל ו ת פ ו ן ד ע ר מ ח נ ה: **צו אַ זונה האָט ער געמאַכט די יונג־פרוי... צו אַ זונה געמאַכט די יונגפרוי...**

נ ע ר ו ת: **וועט אַ ממזר־יונג געבוירן די יונגפרוי... אַ ממזר־יונג... אַ ממזר־יונג...**

י ר ו ח ם: (אין דער מחנה אַרײַן) **געפאַלענערהייט איז זי אַלץ נאָך יונגפרוי! פאַרדאַרט זאָל ווערן די צונג פון אומגלויביקע! רעדט נישט און וואַרט אויף באַפעלן פון יעקב דעם האַר.**

(דער לץ שפּרינגט פלוצלינג אַרויס פון צווישן דער מחנה, ווו ער איז ביז איצט געשטאַנען, שטעלט זיך אַפּ אין מיטן לויפן צווישן פראַנקן און אַוואַטשאַן, טײַטלט אויף זיי און אויפן קאַפּוצינער, שטעלט זיך דערנאָך אויף אַלע פיר ווי אַ הונט און שאָקלט מיטן רויטן מיצל).

דער לץ: אַ הייליק מיידל, וואָס טראָגט, אַ נביא, וואָס שטייט פאַר־צאָגט, אַ שוואַרצער אין אַ מאַסקע אַן רייד, אַן ריר — און אַ לץ אויף אַלע פיר!

ירוחם: (שטויסט אים מיטן פוס) אַנטשטומט ווער, לץ! צוריק, הונט איינער, אין דער מחנה אַרײַן! (יאָגט אים).

דער לץ: (וויינענדיק) וואָס שטופּסטו זיך? וואָס שלאָגסטו זיך? איך בין דאָך אַ לץ, איך בין דאָך אַ תּם! איך מוז מאַכן גראַם! איך מוז מאַכן גראַם! (אַנטלויפט אויף אַלע פיר אין דער מחנה אַרײַן).

פראַנק: (מיט אויפגעהויבענע הענט צום המון) שווערדן האָב איך אײַך געגעבן — און איר שווײַגט! אויף פעלדזן האָב איך געזייט מײַן וואָרט און צו די פעלדזן רעד איך ווידער, אפשר באַקומען זיי אַן אויער צום הערן. איך, אײַער האַר, באַפעל אײַך! די שווערדן הייבט! אַן דעם מלך פון אדום נקמה נעמט! (די מחנה שווײַגט) איר ווילט נישט? איר צעגערט? (פּויזע) אַ פערד גיט אַהער און איך יאָג נאָך אים! זײַן קאָפּ וועל איך אים אַראָפּ־נעמען! אַרויפלייגן וועל איך דעם קאָפּ אויף דער דאַזיקער זון, וואָס איבער אײַך אין הימל גייט, און זאָל דאָס בלוט פון קאָפּ זײַנעם אַראָפּטריפן אויף אײַך!

אַוואַטשאַ: (לײַדנשאַפטלעך) פאָטער! יאָזעפס קאָפּ וועט פון דײַן האַנט נישט פאַלן!

פראַנק: דו וואָגסט?

אַוואַטשאַ: יאָזעפס קאָפּ האָב איך געגלעט, יאָזעפס קאָפּ האָב איך געקושט, יאָזעפס קאָפּ האָב איך אין מײַנע הענט געהאַלטן! (צו דער מחנה) הערט! איך בין ווי אַלע!

ירוחם: (פאַרדעקט מיט די הענט דאָס געזיכט) וויי, שווער איז דער וועג פון אונדזער האַר און טיף איז ער. קומט אויס צו הערן אַזוינע רייד

— דאַרף מען די אויערן נישט געטרויען און נאָך מער שטאַרקן זיך אין גלויבן. דער האַר ווייסט ווו ער פירט.

אַן אַלטער פראַנקיסט: (דערנעבן) ווען מען פלאַנצט אַ ווייַנ־גאָרטן, גיט ער דעם גלייַך זייַן פרוכט? מיר גראָבן אַ ברונעם. מוז אַרויס צו ערשט מוטנע וואַסער, דערנאָך וועט זיך ווייַזן קלאָר וואַסער!

די נערות: (האַלב באַדויער, האַלב מיידלפרייד) ווי אַלע! ווי אַלע! זי זאָגט, זי איז ווי אַלע!

קולות צווישן דער מחנה: יעקבס טאָכטער איז גאָרנישט און איר קינד איז גאָרנישט!

יונגער פראַנקיסט: (רעדט אין דער מחנה אַרייַן) און אויב איר קערפּער איז ווי אַנדערע קערפּערס — וואָס קניט איר צו שטויב? און אַז הונדערט מאָל וועט זיך בוקן שטויב צו שטויב — וועט זיך בעסערס באַ־קומען ווי שטויב? עפּעס אַנדערש ווי שטויב?

איינצלנע קולות צווישן דער מחנה: שטויב, שטויב, שטויב!

(אַ פּאָר אַלטע פראַנקיסטן לויפן צו צום יונגן און הייבן אים אָן צו רייַסן און שלעפּן בייַם קלייד).

דער קאַפּוצינער: (ווי פריער) נאָך וואָס ביסטו, אַוואַטשאַ, גע־גאַנגען צו די קעניגן? נאָך וואָס ביסטו, אַוואַטשאַ, געגאַנגען צו די קעניגן? (הייבט אָן שטעלן טריט צו אַוואַטשאַן).

אַוואַטשאַ: (איבערגעשראָקן, דערנאָך תחנונימדיק) קאָנסטו מיר העלפן, שוואַרצער? ווער ביסטו? (דער קאַפּוצינער רייַסט אַראָפּ די מאַסקע).

אַוואַטשאַ: דו... פון יענער נאַכט... מאָל... מאַליוודאַ...

מאַליוודאַ: איר זעט? איר זעט? דאָס האָט דער האַר אַייַערער מיך, זייַן אַלטן שונא, אַנגענומען פאַר אַ שליח פון גרויסן ברודער!

פראַנק: (קוקט אים לאַנג אָן; דערנאָך, ווי דערמאָנענדיק זיך) דו?...

מאַליוודאַ: האָסט דערקענט, פראַנק? איך, מאַליוודאַ! דער וואָס האָט דייַנע רייד איבערגעזעצט אויפן לעמבערגער וויכוח, ווען דו ביסט, ווי אַן עלנטער וואָלף, געזעסן צווישן רבנישע בערד פון איין זייַט און

גלחישע צלמים פון דער צווייטער! דער, וואָס האָט דיך פאַרמסרט פאַר די ביסקופּן אין וואַרשע...

פּראַנק: (מיט פאַראַכטונג) און איצט ביסטו, עלנטער, געקומען מיך פאַרמסרן פאַר דעם פאַרפירער פון מײַן טאָכטער?

מאַליוודאַ: דאָס פאַרמסרן איז אומזיסט געווען דאָס מאָל. משוגע־נער ייִד! זיך אַליין האָסטו פאַרמסרט. אויף שינאה בין איך געגאַנגען און אויף מסירה, נישט געהאָפט אויף ליבע און — אויף אַוואַטשאַן... אָבער יאָזעף איז אַוועק, האָסט אים פאַריאָגט פון זיך — און איצט? (צו אַוואַ־טשאַן) איצט באַגעגן איך די שעה, וואָס איך זוך פון יענער נאַכט אָן! אויף די גאַסן פון ווין האָב איך געלויערט און פאַרן שלאָס אין ברין האָב איך געוואַרט. די שעה האָט זיך באַהאַלטן פאַר מיר. איצט טרעף איך זי דאָ, אויף דעם טראַקט, צווישן פעלדער און האַרבסטזון, און איך דאַרף מער נישט קומען בײַ נאַכט. ווי אַ הערשער רעד איך צו דיר איצט אין די אויגן פונעם טאָג. די שעה מאַכט מיך שטאַרק.

אַוואַטשאַ: אַזוי גרויס קאָנסטו ליב האָבן? אַזוי גרויס? און פון יענער נאַכט נאָך? פון יענער? און דיך אַרט נישט, וואָס אַן אַנדערער איז געווען פאַר דיר? און דײַן האַרץ, מאַליוודאַ, קאָן נאָך אַלץ נישט פאַרגעסן? אַזוי לאַנג האָסטו דײַן חלום געהיט? (שטיל) ער איז אַוועק, דער שטאָלצער. ווי קליין איז ער אין מײַנע אויגן, ווען כ'קוק דיך אָן אַצינד. זײַן נישט קענען מוחל זײַן, נישט קענען ליב האָבן... און דו... (אַנטציקט) שטאַרקער!!

מאַליוודאַ: (ווײַזט אויף פראַנקן) נישט דער קייזער האָט דיך פאַרפירט, אַוואַטשאַ, נאָר ער! ער! (כאַפּט זי בײַ דער האַנט און ציט איר קאָפּ צו זײַן ברוסט) קום! דו ביסט חנה!

פּראַנק: (פאַרציטערט) חנה?!

מאַליוודאַ: אַז איר וועט געבוירן ווערן דאָס קינד — וועל איך אים זײַן צום פאָטער!

אַוואַטשאַ: הערט, אַז מיר וועט געבוירן ווערן דאָס קינד — וועט־ער אים זײַן צום פאָטער!

מאַליוודאַ: די ליפּן דײַנע...

אַוואַטשאַ: די ליפּן מײַנע... (גיט אים די ליפּן, זיי האַלדזן זיך).

(עס הערן זיך אומרויִקע געשרייען צווישן דער מחנה, פראַנק ווערט פּלוצלינג אַרומגערינגלט פון המון. בייזע, עלנטע, אָפּגענאַרטע אויגן קוקן אים אָן).

קולות: און אַצינד? וואָס וועט זײַן?

דער לץ: (קומט צו שפּרינגען; מיט אַ ניגון) געמאַכט אַ משא־מתּן!
דאָס קינד האָט שוין אַ טאַטן! דאָס קינד האָט אַ טאַטן!

ירוחם: (בלייך) האַר, וואָס זאָלן מיר טאָן אַצינד? זאָג!

פראַנק: (מיט אַ פינגער צום הימל) לעשט אויס די זון!...

(סוף פון פערטן בילד)

דאָס פינפטע בילד

אַ קעלער אונטער פראַנקס פּאַלאַץ אין אָפענבאַך. אין מיטן איז פונאַנדערגעלייגט אַ פײַער, וואָס מאָלט פאַנטאַסטישע פיגורן אויף די ווענט און באַלײַכט אין הינטערגרונט אַ ריי טרעפּ, וואָס פירן צו אַ שווערער אײַזערנער טיר. אויף אַ מאַסיוון דעמבענעם טיש שטייט אַ הויכער, בלאָס־גלאַנצנדיקער טראָן. אויפן טראָן, דאַר און אומבאַוועגלעך, זיצט אַ שאָטן־געשטאַלט — דער גולם.

נישט ווײַט פון שײַטער־הויפן זעט מען זיך וואַלגערן אַ גראָבע רעטאָרטע און פאַרשידענע אַלכעמישע מכשירים.

אין דער פינצטערער שטילקייט הערט זיך מינוטן לאַנג דאָס זשומענדיקע געזאַנג פונעם פײַער.

די אײַזערנע טיר עפנט זיך. פון די טרעפּ נידערט אַראָפּ אין קעלער דער בעש״ט. אַנגעטאָן ווי אַ בעל־עגלה. גיט אַ קנאַק מיט דער בײַטש, קוקט זיך אַרום איבערן קעלער און נעמט מיט די פּאַדקאָוועס פון די הויכע שטיוול אויסקלאַפּן אַ טאַנץ, מיט דער בײַטש אין לופטן פאָכענדיק. ס׳פײַער זינגט הויך און העכער, דער בעל־עגלה טאַנצט, די בײַטש פײַפט און וואַרפט זיך אויף אַלע זײַטן.

בעש״ט: (טאַנצנדיק) לעבעדיק, פּאַדקאָוועס, לעבעדיק! ממזרדיק, בײַטשל, ממזרדיק! ליכטיק אויבן, ליכטיק אונטן, גאָט אויבן, גאָט אונטן, פריילעך אין הימל, לוסטיק אין קעלער — וויאָ! כּוחות אומריינע — וויאָ

צו גאָט! וויאָ, פערדלעך, וויאָ! לעבעדיק, פּאָדקאָוועס — וויאָ! לעבעדיק, שׂראָליק — וויאָ! פּיַיף, בייַטשל, בהרחבה פּיַיף! און טאַקע יאָ ליכטיק, טאַקע יאָ! וויאָ! (אָפּגעטאַנצט, זעצט ער זיך אויף דר׳ערד און קוקט — מיט דער בייַטש אין האַנט — מינוטן לאַנג אַרויף צום גולם אויפן טראָן. לאַנג־דויערנדיקע שטילקייט).

בעש״ט: ליבער, האַרצעדיקער גאָט! ווייסט דאָך, אַז איך און די מייַניקע גייען מיר אים נאָך, אָט דעם פראַנק דעם דאָזיקן, טריט בייַ טריט. מיר צעשטערן אים פון דער ווייַטנס זייַנע אַלע אָדלערישע נעסטן. פון אַלע הויכקייטן שלעפּן מיר אים אַרונטער. קום איך, ישׂראל בן־אליעזר פון אָקופּ, אים אָוועקצונעמען ס׳לעצטע. זאָל דייַן נאָמען דערהויבן ווערן איבער און אַריבער און זאָל אָפּטרעטן זייַן נשמה פון אירע בלאָנדזשערייַען און זאָל זי זען, אַז מען באַדאַרף דיך נישט, חלילה, אַרומזוכן מיט ליכט אין מיטן טאָג, באַוויַיל דו ביסט פאַראַנען אָט ווו נאָר מען גיט זיך אַ דריי. אַ ראיה: דאָ, אינעם קעלער, ביסטו מיט ישׂראלן דייַן קינד און אַז איך גיב מיט דער בייַטש אַ טראַסקע — זאָגסטו: „ווויל געטראַסקעט, ישׂראל!״ (דער־לאַנגט דרייַ פריילעכע קנאַקן מיטן בייַטש און לאַכט הויך) ווועל׳מיר טאָן אונדזער מלאָכה אַזויערנאָך. מיר׳ן נעמען פראַנקס גולמל, דעם מלך־אביון, און מיר׳ן אים אַרייַנלייגן ס׳שם־המפורשל אין מויל און זאָל ער ס׳ביסל חיות באַקומען און זאָל בייַ זיך גרויס ווערן פראַנק, זייַן טאַטע.

שפּעטער צו, אַז מיר וועלן אים צוריקנעמען דעם שם מיט אַ קנאַק פון אונדזער בייַטשל, זאָל לעבן, זאָל זיך פראַנק די האָר פון קאָפּ רייַסן און זאָל מען אויבן און אונטן וויסן, אַז בייַ ישׂראליקן איז ער נישט קיין מאַכער (הייבט זיך אויף, טרעט צו גאָר נאָענט צום גולם, שלעפּט אים פון טראָן אַראָפּ, נעמט אין האַנט, באַקוקט אויפמערקזאַם, און שטעלט אים דערנאָך מיט אַ האַסטיקער באַוועגונג אויף דר׳ערד).

נו, יאָלעפּ איינער, געזען. ווי איך טאַנץ? טאַנץ אויך אַ ביסל! קאָנסט נישט? פראַנקס בהמהלע נעבעך! אַוודאי, פאַר וואָס זאָלסטו קאָנען? אַז פון גאָט ביסטו נישט, נאָר פון אַ בשׂר־ודם. מאַכט דוד המלך: וויל גאָט נישט בויען אַ הויז — האָבן אומזיסט געהאָרעוועט די בויערס (מאַכט איבערן גולם השבעות. מען זעט ווי ער איז ממשיך המשכות — ציט אַראָפּ כּוחות

אייבערשטע — מיט דער בײַטש. ער שעפּטשעט עפּעס מינוטן לאַנג, ביז דאָס ווונדער געשעט: דער גולם עפנט צוויי שמאָלע אויגן־ריטשקעלעך. באַוועגט שוואַך מיט די פיס און כאַפּט זיך אָן אָן דעם בעש״טס פּאָלע).

בעש״ט: נו, גולמל, שוין אָפּגעגולמט?

גולמל: (מיט אַ פינצטער פּנים) **לאָך נישט פון מיר, הערסט? נישט גאָט האָט מיך באַשאַפן, נאָר אַ מענטש, ווי איך. דער נײַער מענטש בין איך. אַ מענטש פון מענטש באַשאַפן.**

בעש״ט: וואָס איך זע! אַזוי גאָר? גייסטו דאָך גאָר אין גדולות! אַבי איך האָב פון דיר חוזק געמאַכט! זע נאָר, זע! וואָס איז מיט דיר? רעדסט דאָך גאָר! און אויגן האָסטו אויך! ווי זשע, אַ שטייגער, רופט מען דײַן טאַטן?

גולמל: (שטאָלץ) **כ׳ווייס נישט. ווי מען רופט אים ווייס איך נישט. נאַכט בײַ נאַכט האָט ער דאָ געהאָרעוועט איבער מיר — אַ מענטש איז ער — אַ מענטש ווי איך — אַ גאָט ווי איך — אַ גאָט —**

בעש״ט: דײַן טאַטע איז, זע איך, גאָר נישקשה פון אַ מכשף! אַ ווילער בעל־מלאָכה, נישט צום פאַרזינדיקן! נאָר צום רבונו־של־עולם, מענטשעלע, קומט ער נישט! (שאָקלט מיטן קאָפּ) **ער האָט נישקשה איבער דיר געהאָרעוועט, זאָגסטו? אַוודאי, מען זעט דאָך, גולמל — —**

גולמל: (באַליידיקט) **גולמל! וואָס פאַר אַ גולמל בין איך דיר? קוק מיך אָן. איך בין דאָך אַ מענטש. איך רעד דאָך. איך קוק. איך בין אַ מענטש ווי דו. ניין, מער ווי דו... איך בין דער נײַער מענטש, וואָס מענטש איז זײַן טאַטע.**

בעש״ט: אַוודאי, ביסט נאָר אַ ביסל צו קליין. ווען נישט דאָס — —

גולמל: (קאַכט זיך) **פאַרשטייסט? דיך האָט גאָט באַשאַפן, און מיך — אַ מענטש. און אויב דער מענטש האָט מיך באַשאַפן איז ער דאָך אַ גאָט. און איך בין אויך אַ גאָט. וואָס? נישט אמת?**

בעש״ט: אַוודאי, קינד, פאַר וואָס נישט? ביידע זענט איר געטער. רעד ווײַטער, מענטשעלע, רעד...

גולמל: (פאַרטרווילעך) **ווייסט? כ׳האָב ערשט מיט אַ מינוט צוריק נישט גערעדט. כ׳האָב ערשט מיט אַ מינוט צוריק נישט געזען. כ׳האָב נישט**

געקאָנט געבוירן ווערן. אַ מאָדנע זאַך! מײַן טאַטע האָט גרויס פּאַרדרוס געהאַט. איך האָב דאָס געפילט, פון מײַן לײַם אַרויס האָב איך דאָס געפילט. מײַן טאַטע האָט רק געוואָלט, איך זאָל מיך אַ ריר טאָן. ער האָט געוואָלט איך זאָל הייבן אַ פוס, אַ האַנט. איך זאָל רעדן, טאָן, לויפן, וויינען, לאַכן. נאָר ס׳פּוכטע לײַם האָט נישט געלאָזט. צינד ביסטו געקומען און האָסט גענומען אָפּשפּעטן פון מיר. בין איך געוואָרן בייז. בין איך פון די כּלים אַרויס. ס׳האָט מיך אויפגעקאָכט. איך האָב פון כּעס מיך אַ טרייסל געטאָן אויף מײַן טראָן. און מיט אַ מאָל: איך לעב. דער טאַטע ווייס דאָך גאָרנישט, אַז איך לעב. גיי זאָג אים. זאָל ער קומען, כ׳וויל אים זען. צינד לעב איך, פאַרשטייסט? פון גרויס בייזקייט איבער דיר בין איך לעבעדיק געוואָרן. נאָר ס׳חיות אַליין, ס׳קערנדל, האָט פאַרזייט אין מיר ער, מײַן טאַטע... דער גאָט...

בעש״ט: (לאַכט) ס׳וואָלט דיר אַ סך געהאָלפן דײַן בייזערניש, שוטהלע, און דײַן טאַטנס האַרעוואַניע, ווען נישט דער שם! ס׳מינדסטע ישל, נעבעך, רעדט זיך אײַן מײ־יודע וואָס. עך, די גאווה, די גאווה! (קרעכצט גוטמוטיק, גלעט דאָס גולמל איבערן קאָפּ).

(גולמל וויל גיין, מאַכט אַ פּאָר טריט, אָבער פאַלט אום, שלאָגט זיך אָפּ אָן דר׳ערד און וויינט).

בעש״ט: (הייבט אים אויף) מענטשעלע, מענטשעלע, נישט וויין. אַז דער טאַטע וועט קומען צו גיין, וועט ער דיך אויסלערנען ס׳ביסל גיין. נעבעך, אַ בהמהלע! וואָס זאָל מען טאָן? ס׳ט׳עלטער ווערן אַ ביסל — וועסטו מיטן טאַטנס הילף זיך אויסמענטשלען. דו וואַרט נאָר אַ קאַפּעטשקע — וועט, כ׳לעבן, אַלץ ווויל זײַן.

גולמל: (וויינט כּסדר) וואַרטן וויל איך נישט! כ׳וויל שוין! און קיין קליינער וויל איך אויך נישט זײַן! ניין!

בעש״ט: ס׳טעלערל פון הימל, וואָס?

גולמל: כ׳וויל טאַנצן! כ׳וויל פליִען! כ׳וויל מיך אויפן קאָפּ שטעלן! (קוקט זיך אַרום, זעט ס׳פײַער) אין רעכטן מיטן פײַער וויל איך טאַנצן! אין מיטן העלן פײַער! (ציט צום פײַער די ליימענע הענט) איך וויל, מײַנע

הענט זאָלן גאָלד ווערן! גאָלד זודיקס, קלינגענדיקס! גאָלדענע הענט וויל איך! זינגען וויל איך! רוישן! טאַנצן! ווער מאַכט מיר רויטע קאָכעדיקע הענט? מײַן טאַטע ווּ איז? גיי רוף מײַן טאַטן! (בעש״ט זעצט אים צוריק אַרויף אויפן טראָן).

גולמל: (וויינט) וואָס האָסטו געטאָן? נעם מיך אַראָפּ, מענטש. איך וויל אַרונטער. איך קאָן שוין מער נישט זיצן. איך קאָן נישט.

בעש״ט: כ׳לעבן, פאַר וואָס זאָלסטו עפּעס נישט קאָנען? ביסט דאָך עפּעס פון סאַמע שטייסל, אַ? אַ קלייניקייט, אַזאַ באַשעפעניש, ווי דו!

גולמל: דו לאַכסט פון מיר. (דרויסן פאַרן קעלער דערהערן זיך טריט).

בעש״ט: (האָרכט אויף) וואָס ווייניסטו? ביסט אַ נאַר. הערסט טריט, צי ניין? אָט גייט דײַן טאַטע — וועט דיר אָפּווישן די ליימענע טרערן דײַנע.

(פון דרויסן הערט זיך, ווי דער שווערער טירשלאָס ווערט אויפגעריגלט. בעש״ט שאַרט זיך אָוועק און גייט פאַרלוירן אין דער קעלער־פינצטערניש, צווישן אַלטע שוואַרצע פעסער. אויף די טרעפּ פון קעלער ווײַזט זיך פראַנק. שמעקט עפּעס אין דער לופטן, ווי אַ פרעמדע מאַכט, אַ באַהאַלטענע, שפּירנדיק. נאָך דעם בלײַבט ער פאַרן פײַער שטיין, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט).

פראַנק: נישט געטאָרט אָפּטרעטן! אַרויס אויף אַ שעה — און שוין נישט דאָס זעלבע. וואָס? ווי אַזוי? נאָר ס׳האָט זיך געענדערט. ווער איז ער? ווי זעט ער אויס, דער, וואָס ראַנגלט זיך מיט מיר? עמעצער געפינט זיך דאָ. דער קעלער איז מײַן שלאַכטפעלד. אויפן לעצטן שלאַכטפעלד שלאָגט זיך מיט מיר עמעצער. איך ווייס נישט ווער, ווייס נישט ווי, ווייס נישט ביז וואַנען.

(פּויזע).

דער גרויסער ברודער? די גרויסע שוועסטער? (לאַכט) זיי האָבן נישט געהאָלפן. זיך נישט אָפּגערופן, קיין צייכן נישט געגעבן. ווער האָט מיר געזאָגט, אַז זיי זענען דאָ? איינער האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיי געזען. עפּעס אַ יששכר. און איך האָב געגלייבט. אין מיר האָט ער געגלייבט — האָב איך געגלייבט דערפאַר אין אים און אין זײַן זעונג. זיי האָבן נישט

געהאָלפן, דער ברודער מיט דער שוועסטער. און דער אַלטער אלישע איז געהרגעט געוואָרן, געהרגעט... און די בעלי־קבין האָבן זיך אויסגעלאַכט... און אויב צו מיר האָט זיך שבתי געוויזן מיט די זײַניקע און מיך געבענטשט — וואָס איז פון זייער ברכה געוואָרן?

(פויזע).

און דער מלך פון אדום האָט גענאַרט. און מײַן אייגענע טאָכטער? — מײַן שׂונאס איז זי. וואָס זענען מענטשן? כ׳האָב גאָרנישט געקאָנט מיט זיי מאַכן. האָב איך גענומען אַלץ מאַכן אַליין. אויף כּוחות אייבערשטע אויפגעהערט צו וואַרטן און אויף כּוחות אונטערשטע: אַלץ — אַליין. פון ערגעץ אַ מלכים־הערב פאַרשאַפט זיך, אַ קרוין אַן אייגענע געלאָזט זיך שמידן, נאָך ברודער און שוועסטער דענקמעלער צוויי געשטעלט, ווי מצבות ווײַסע, אַ פּאַלאַץ זיך געקויפט אין אָפנבאַך אונטער יאַזעפס נאָז — כאַ־כאַ... און צינד וויל איך, קעניג געמאַכטער, מיט אייגענע הענט מיר מאַכן דאָס, וואָס איך דאַרף: דעם מענטש. (לאַכט ביטער) נישט געקאָנט האָט דאָס מאַכן מײַן טאָכטער חוה, אפשר וועל א י ך דאָס מאַכן בעסער... כאַ־כאַ... ווײַבער... אָדער גאָרנישטן געבוירן זיי, אָדער ממזרים. צוויי גאָרנישטן האָט מיר געבוירן חנה, אַ ממזר־קינד — חוה... כאַ־כאַ, ווײַבער־טראַכט... גיי וואַרט, ביז אַ ווײַב וועט עפּעס רעכטס געבוירן! (שטילקייט) מיט קראַפט פון אייביק לעבעדיקן פײַער, מיט אַלטן שפּראַך, מיט צויבערוואָרט, גיי א י ך אַ קינד געבוירן, דאָס נײַע מענטשנקינד, איך אַליין, איך איינער. משוגע? וויל איך נאָך משוגענער ווערן... (שטילקייט) פאַר וואָס לאָזט נישט די לופט אין קעלער? זי בייזערט זיך איבער מיר. דאָס פײַער זינגט אַזוי, ווי ס׳וואָלט פון מיר חוזק געמאַכט. ס׳לאָזן די וועגט נישט. ווי ס׳האָבן די אלוהים אין גן־עדן דעם מענטש געקנאָטן — אַזוי קנעט איך מײַן מענטש פון זאַמד און ליים. אויפן פײַערפלאַם האַלט איך אים שעהן לאַנג, באַשווער דעם פלאַם — און ליים בלײַבט ליים אַלץ. מײַן מענטש זיצט אַן ריר אויפן טראָן, מײַן מענטש וויל מענטש נישט ווערן...

(פאַרדעקט מיט די הענט ס׳געזיכט. שטייט אַזוי אַ פּאָר מינוט. גייט דערנאָך צו מיט שטיל־יאושדיקע טריט צום טראָן. דאָס גולמל נעמט רעדן צו אים. פראַנק עפנט ברייט די אויגן און בלײַבט שטיין צעמישט).

גולמל: (שטרעקט די הענט) טאַטע, איך לעב! טאַטע, נעם מיך אַראָפּ! איך וויל אַ קול פון פײַער! איך וויל הענט פון גאָלד! איך וויל טאַנצן! איך וויל לויפן! איך קאָן דאָ מער נישט זיצן!

פראַנק: לעבסט? רעדסט? וואָס? און דו זעסט? אַ שעה צוריק, אַז איך בין אַרויס, האָסטו פינצטערע, פּײַכטע צווײ לעכער געהאַט — און איצט אויגן? איצט האָסטו אויגן? מיט אַ שעה צוריק האָב איך שטאַרע הענט געלאָזט, שטאַרע הענט און פיס ווי די דראָטן — און איצט שטרעקסטו הענט צו מיר, איצט צוקן די קני דײַנע? (הייבט ביידע הענט) אָ, ווען זאָל איך דאַנקען? ווען לויבן? כ׳קאָן תּפילה טאָן צו זיך נאָר אַליין! צו זיך אַליין דאַרף איך דינען, זיך אַליין געבן לויב. אויף קני פאַר זיך אַליין דאַרף איך פאַלן. כ׳האָב באַשאַפן דעם מענטש. כ׳האָב באַשאַפן דעם נײַעם מענטש. מײַן מענטש לעבט. ער לעבט!

גולמל: (שטיל) יאָ, ביסט אַ גאָט. האָסט מיך באַשאַפן. איך בין אויך אַ גאָט. אָבער נעם מיך אַראָפּ פון דאַנען. נעם באַלד אַראָפּ. איך וועל נישט אויסהאַלטן.

פראַנק: וואָס ציטערסטו אַזוי? דו ערשטער פון נײַע דורות, וואָס וואַרפסטו זיך אין פיבער? וואָס קנייטשן זיך דײַנע הענט אַזוי, וואָס וואַסערן די אויגן? וואָס פעלט דיר?

גולמל: כ׳האָב דאָך געזאָגט. אַז דו הערסט מיך נישט. הענט פון גאָלד וויל איך! הענט פון גאָלד, וואָס זידט, גאָלד, וואָס קלינגט, גאָלד, וואָס רוט נישט! איך וויל טאַנצן, לויפן, דרייען זיך, אומפּליען, פלאַטערן, ציטערן, פּײַערן, פּײַערן...

פראַנק: דאָס מאַכט מען נישט אַזוי גיך, מײַן זון. וואַרט. איך האָב לאַנג געאַרבעט איבער דיר, ביז דו ביסט געוואָרן לעבעדיק. דאָס ערשטע מאָל איז אַ מענטש געוואָרן ווי גאָט צו וויסן די געהיימענישן, צו שאַפן פון גאָרנישט לעבן און צו פורעמען אין זײַן אייגן געשטאַלט. דער אמתער גאָט... דער באַהאַלטענער... וואָס דאַרף איך אים איצט? וואָס דאַרף די וועלט אים? איך דאַרף נישט די זינד און דאַרף נישט די שטאַרקייט, דאַרף נישט קיין ברודער און דאַרף נישט קיין שוועסטער, דורך זיי אים צו דערגרייכן, דורך זיי אים אַנטפּלעקט צו מאַכן. רעכט אויף אים! רעכט!

רעכט! זיך באַהאַלטן, זיך אויפדעקן נישט געלאָזט — זאָל ער בלײַבן אין באַהעלטעניש, אין נעפל פון זײַן אייניציקייט, אין נעפל פון זײַן אמת, אין נעפל פון זײַן גוטסקייט. איצט ווייס איך אַלץ. איך אַליין קאָן ווערן דער גוטער גאָט. מײַן זון, באַשאַפן וועל איך אַ נײַע וועלט מיט דיר, פון דאַנען, פון דעם קעלער, וועט זי זיך אָנהייבן, ווי ס׳האָט די אַלטע וועלט זיך אָנגעהויבן פון תוהו־ובוהו און וואַסער. כ׳האָב דיך לעבן געמאַכט, איצט דאַרף איך נאָר דערגיין, ווי אַזוי דו זאָלסט לעבן — אַ קלייניקייט — איך דאַרף עס נאָר דערגיין — וואַרט...

גולמל: (אין שרעק און פאַרצווייפלונג) נאָך וואָס האָסטו געדאַרפט מיך? נאָך וואָס? אַמער וואָלט איך בלײַבן אין פײַכטן ליים, אין שטילן ליים, אין רויִק שטילער היים... וואָס פאַר אַ לעבן איז דאָס? וואָס פאַר אַ זיצן איז דאָס? מוזן צוקוקן, ווי ס׳פּײַער זינגט, ווי ס׳פּײַער הייבט זיך, ווי ס׳פּײַער טאַנצט — און אַליין נישט קאָנען טאַנצן, אַליין נישט קאָנען זינגען, אַליין נישט קאָנען זיך אויפהייבן! דו שלעכטער!

פראַנק: ס׳האָבן אַזוי פיל דורות אויף דײַן קומען געוואַרט — און דו קאָנסט נישט וואַרטן?

גולמל: איך קאָן נישט! איך וויל נישט! איך גלייב דיר שוין נישט! גאָלדענע הענט גיב, קלינגענדיקע פיס גיב, אַ לײַב גיב, אַ פײַערדיקס! גיב באַלד! גיב גלײַך! נישט — פאַרוואַנדל צוריק אין ליים! צוריק אין ליים! צוריק אין ליים! נעם צו פון מיר מײַנע יסורים! (וויינט, דעם קאָפּ צווישן די קני).

פראַנק: (קוקט לאַנג אים אָן) דער נײַער מענטש ווערט געבוירן אַזאַ וויינענדיקער? אַזאַ צעטרייסלטער? וואָס?

(פון הינטער די שוואַרצע פעסער רוקט זיך אַרויס אויף שפּיץ פינגער דער בעש״ט. ער שטעלט זיך ווי אַ שאָטן הינטער פראַנקס פּלייצעס, הייבט אויף די בײַטש, טוט מיט איר אַ שאָטנדיקן פּאָך אין דער לופט און ווערט אַנטרונען אין דער פינצטער. פראַנק דרייט זיך אום, זעט נישט קיינעם, וואַרפט צעטומלטע בליקן אויפן גולם, אויף די טרעפּ, אויפן פײַער).

דעם בעש״טס קול: (פון טיפן קעלער אַרויס) תּאסף פניך — יגוען. ס׳גולמל מוז שטאַרבן. וויאָ! (אַ קנאַל מיט דער בײַטש).

פראַנק: (ציט אויס די הענט) **ווער איז? ווער רעדט?** (האָרכט זיך איַין. טויטשטילקייט).

גולמל: טאַטע... וואָס איז דאָס? טאַטע!... האַלט מיך צו... איך שטאַרב... (דער טיש ציטערט אויף, דער טראָן פאַלט אום, דאָס גולמל פליט אַרונטער און בליַיבט ליגן אויף דר'ערד).

פראַנק: אָפּגעטאַרט... ווידער אָפּגענאַרט... ווידער נאַר... (קוקט אויפן גולמל) **געשטאָרבן... ליגסט... אַזוי איז געלעגן אַ מאָל אלישע... נישט איך האָב דיך לעבעדיק געמאַכט, דו ליים, דו שטיק ליים... און נישט איך האָב געטויט... אַנדערע... איך ווייס נישט... דער אמתער גאָט... צוקומען צו אים — נישט... אַליין ווערן גאָט — נישט... גאָרנישט... וואָס וויל ער? וואָס באַהאַלט ער זיך? אַ גוטער איז ער דאָך... אַ גוטער... פאַר וואָס זעט מען אים נישט? פאַר וואָס זע איך אים נישט? פאַר וואָס אַזוי וויַיט? ווען ווערט ער אַנטפּלעקט? ווען ווערט זי אויסגעלייזט, זיַין וועלט? מיט גוטן — נישט... מיט בייזן — אויך נישט... טאָ ווען? ווי?**

(דאָס פיַיער אין מיטן קעלער ווערט טונקל, בליצט אויף פאַרן טויט, ווי אַ זון, און שטאַרבט ביסלעכוויַיז אָפּ. פון ערגעץ שווימט און וויגט זיך געזאַנג — שטיל, ווײַס־וואָלקנדיק, הללויהדיק).

דעם בעש״טס קול: (פון דער פינצטער) **די וועלט איז סײַ ווי אַ געהאָלפענע — ער ראַטעוועט זי זיבן מאָל אַ מינוט.**

ניַי מאַכן דאַרף מען זי נישט — ניַי מאַכט ער זי אַליין זיבן מאָל אַ מינוט.

אין באַהעלטעניש שפּילט ער זיך נישט. ער איז פאַראַנען, ער איז צום געפינען. ער איז אָט דאָ, אָט־אָ־דאָ:

צווישן די פינגער האַלטסטו אים זיבן מאָל אַ מינוט, זיבן מאָל אַ מינוט.

(סוף פון פינפטן בילד)

דאָס זעקסטע בילד

פראַנקס הויף אין אָפנבאַך. טעראַסעס צום מאַין. אַן אַלטער צוויי־שטאָקיקער פּאַלאַץ. ווײַסע קאָלומנאַדן. אין הויף בײַם ברונעם — צוויי סטאַטועס, וואָס שטעלן פאָר דעם גרויסן ברודער און די גרויסע שוועסטער, שטייענדיק פּרצוף קעגן פּרצוף. דרויסן פאַר די קאָלומנאַדן זאַמלט זיך אַ המון פראַנקיסטן. אַ סך יונגע פּנימער. פון פּאַלאַץ קומען אַרויס צוויי אַלטע פראַנקיסטן — די לעצטע געטרײַע דינערס פראַנקס — מיט לאַנגע מגילות אונטערן אָרעם, ווו עס שטייען פאַרצייכנט די ווערטער פון האַר. דער ערשטער איז ירוחם, דער הויכער זקן, דער צווייטער — פראַנצישעק וואָלאָווסקי.

ירוחם: ילד יולד לנו — אַ קעניגקינד האָ׳מיר געהאַט, איז זײַן נאָמען געווען עמנואל, זײַן קאָפּ ווי די זון, זײַנע הענט — בלויע בליטן, טאַצן פון זילבער — זײַנע פיס, און ער אין גאַנצן מלכות!

פראַנצישעק: דאָס קינד איז געווען אַ נס, דאָס קינד האָט זון געהאַט אויפן פּנים. דאָס קינד איז געווען אַ נס, דאָס קינד איז ערשטער געווען פון אַ דור. און נישטאָ דאָס קינד. און אַוועק דאָס קינד. אַוועק ווי אַ קול, אַוועק ווי אַ ווינט — —

ירוחם: געדענקסט, פראַנצישעק? דאָס קינד איז שוין אומגעגאַנגען, דאָס קינד האָט רייד גערעדט, דאָס קינד האָט זוניקע רייד גערעדט, דאָס קינד האָט קעניגהויט געהאַט און קעניגהענט, קעניגבלוט און קעניגבליקן... נײַע מענטשן וואָלטן פון זײַן שטאַם אויפגעשפּראָצט און מקוים וואָלט געוואָרן דער פאַרלאַנג פון האַר. דאָס קינד איז געווען אַ מלכס אַ קינד, אדום מיט יעקב איז געווען אין די בלוטן דעם קינדס — —

פראַנצישעק: און געדענקסטו, ירוחם? די האָר דעם קינדס זענען ווי פּריליגגראָז געווען, ווי ערשטע גרעזעלעך אין גראָבן, און ס׳איז מיט זיי געוואַקסן די האָפענונג פון דער וועלט. דאָס קינד איז געווען די נײַע בשורה צו ערד־געבוירענע. זיי אָבער (ווײַזט אויף די איבעריקע) האָבן ווידערשפּעניקט — און דאָס קינד איז געשטאָרבן. (דער עולם פון אַרום די סטאַטועס דערנענטערט זיך צו די זקנים).

אַ יונגער פראַנקיסט: די האָפענונג איז געווען אַ שאָטן. דאָס קינד איז געווען ווי אַלע קינדער.

אַ פראַנקיסטין: מײַן קינד איז שענער געווען — און עס איז אויך געשטאָרבן.

פראַנצישעק: (מיטן איכה־ניגון) ווײ, ווײ... אַ מאָל אין טשענסטאָכאָוו... די אַלטע ברידער און שוועסטער... וועמען אַרט, ווער קוקט זיך אום? די נערות האָט אַוואַטשאַ פּונאַנדערגעלאָזט, דאָס קעניגקינד איז אַוועק פון אונדז, דאָס וויגל שטייט ליידיק. דער האַר האָט זײַן צאָרן אויסגעגאָסן אויף אונדז. די שוועסטער — קיין שוועסטער נישט, די ברידער — קיין ברידער נישט. די שוועסטער לאַכן פון דעם האַר און די ברידער ווידערשפּעניקן. חוץ אונדז — ווער איז געבליבן? מיר מאָגערע שאָטנס, מיר שימלברויט פּאַרדאַרטס.

ירוחם: און קיינער פון אײַך זינדיקט נישט, ווי מיר אַלטע האָבן געזינדיקט, און אַ סך נײַע זעבען צווישן אײַך, וואָס ווייסן גאָרנישט. ווו איז די שולדיקייט אײַערע און ווו די עבירה אײַערע? איר באַגייט עבירות — און נישטאָ קיין עבירה דערין. און ווי די פּעלקער אַרום — אַזוי זענט איר. ווו די ימים־טובים אונדזערע, ווען מיר פּלעגן דורך דער פרוי זינגענדיק גיין צום שלאַנג? ווי ברויט עסט איר פרוי, ווי פּראָסט ברויט און אָן כוונות אײַער תאווה, אײַער יחוד — רויק, אײַער זינד אָן זינד. אַ מאָל, אַז מיר פּלעגן אָן זינד צו זינדיקן, ווי די אַנדערע — פּלעגט קומען דער האַר אונדזערער און זאָגן זײַן וואָרט אונדז, פּלעגט דאָס וואָרט אַרײַן אין אונדז ווי פײַלן. איר אָבער רײַט אײַך אויף פערד איבער אָפּנבאַך, מאַכט אויפן פּלאַץ איבונגען, פּוצט זיך די שווערדן, דרייט זיך ליידיק, הערט נישט די ווערטער פון האַר און וואַרט אויף די פּעסלעך גאָלד, וואָס דאַרפן אָנקומען פון די ברידער אין אַלע לענדער. ווען נישט די טרייסט, אַז ס'מוז אַ מאָל דאָס קינד געבוירן ווערן ווידער און קומען אין אַ נײַ געשטאַלט צום סוף פון די טעג — —

אַ פראַנקיסטין: דאָס קינד איז געשטאָרבן און וועט נישט קומען ווידער. נישט איצטער און נישט צום סוף פון די טעג. און אַ גרויסן קאָפּ אַ מיאוסן האָט געהאַט דאָס קינד, און קײַלעכדיקע אויגן ווי מוטנע ברונעמ־

לעך. פראַנק אַליין האָט דאָס קינד פּײַנט געהאַט, און איר זאָגט: אַ וווּנדער! אַ וווּנדער!

אַ צווייטע: דאָס קינד איז טויט. דער אַלטער וויל נישט אַרויסגיין. מיר ווייסן נישט וואָס ער קלערט, מיר הערן נישט וואָס ער זאָגט. מיר הערן נאָר אײַך. מיר זעען נאָר אײַך. דער אַלטער — זעלטן ווען ער ווײַזט זיך. ווי אַ שאָטן גייט ער דורך און רעדט קיין וואָרט נישט. צו זײַן חדר אין אייבערשטן שטאָק לאָזט ער צו נאָר אײַך, איר זקנים, און פון אונדז אַלע ווענדט ער זײַן פּנים אָפּ.

אַ דריטע: און ווי לאַנג איז שוין אַוואַטשאַ אויס אַוואַטשאַ? זי איז ווי איינע פון אונדז. אַ ממזר איז געווען איר קינד און איר לײַב איז הפקר צו מאַליוודאַן, ווי ער איז פריִער געווען הפקר צום קייזער.

ירוחם: אַז די כּלי אַוואַטשאַ איז צעבראָכן געוואָרן, איז נאָך גע־בליבן דער ווײַן: דאָס קינד אירס. האָט דער האַר זיך אָפּגעווענדט פון קינד און זײַן חסד אָפּגעטאָן פון אים — איז דאָס קינד געשטאָרבן, איז דער ווײַן אויך נישטאָ. און פאַר וואָס איז דאָס געשען? פאַר וואָס האָט דער האַר געצאָרנט? ווײַל איר זענט נישט ווערט געווען! דאָס קינד אָבער איז דאָס ריכטיקע קינד געווען, דער ווײַן און דאָס וווּנדער דער וועלטס — —

אַ יונגע פראַנקיסטין: נאָר די מאַמע, כאַ־כאַ... די מאַמע איז נישט געווען די ריכטיקע, ס'וואָר?

אַ יונגער פראַנקיסט: די כּלי איז קיין כּלי נישט געווען, דער ווײַן — קיין ווײַן נישט. ווער מיר כּלי? וואָס מיר ווײַן? פאַרפירט און ממזר!

אַ צווייטער: אין זײַן חדר מיט די הויכע רויט־געמאָלענע ווענט זיצט פראַנק באַטריבט, וויל נישט אָנקוקן די טאָכטער, שעלט מאַליוודאַן, וויל נישט הערן פון די זין, וואָס אין וואַרשע, פון ראָכן און יאָזעפן, און פון דעם אַלעמען — וואָס באַקומט זיך? ס'העלפט נישט דאָס שעלטן מיט דער שׂינאה, מיט דער באַטריבונג. און דאָ אין הויף שטייען די שוועסטער און דער ברודער קעגן אַנאַנדער, גלאָצן זיך אָן ווי הון און האָן און ווייסן פון גאָרנישט צו זאָגן! (דער המון לאַכט בייז).

אַ דריטער: מיר וואַרטן און מיר וואַרטן, נישט צו וויסן אויף וואָס.

דאָס גאָלד האָט אויפגעהערט אָנצוקומען, קיינער וויל נישט גלייבן אין דעם האַר און מיר זענען אָרעם. צו וואָס טראָגן מיר נאָך די פאַרביקע קליידער?

אַ פּערטער: מיר ווילן אַוועק פון אַפּנבאַך, מיר ווילן אַוועק פון אַפּנבאַך! (אַ טומל. דער המון, מענער און פרויען, רינגלט אַרום די זקנים, רײַסט זיי בײַ די פּאָלעס, שלעפּט די מגילות פון אונטער זייערע אָרעמס, טײַטלענדיק מיט די פינגער און שרײַענדיק: סריסים! סריסים! אויפן פּלאַץ ווײַזן זיך מאַליוודאַ און אַוואַטשאַ. אַוואַטשאַ זעט אויס געעלטערט. דער המון ווערט ביסלעכווײַז שטיל. די זקנים הייבן זיך אַרויף אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ און פאַרשווינדן קרעכצנדיק מיט די מגילות אונטער די אָרעמס).

מאַליוודאַ: וואָס ווילט איר פון די זקנים?

דער המון: מיר ווילן אַוועק פון דאַנען!

מאַליוודאַ: וואָס זענען שולדיק די אַלטע שאַרבנס? שרײַט צו פראַנקן. רופט אים אַרויס. זאָל ער זיך ווײַזן פאַר אײַך!

קולות: גערעכט!

מאַליוודאַ: פרעגט אים און זאָל ער אײַך זאָגן: וואָס שלעפּט ער אײַך אום איבער לענדער? נאָך וואָס האָט איר אין געפאַנגעניש געשמאַכט, מיט אייגענע ברידער קריג געפירט, מיט בייזע ביסקופן צו טאָן געהאַט און אויף ירידן זיך אַרומגעשלעפּט, וויכּוחים געפירט מיט בלייכע רבנים? וואָס האָט ער אײַך געגעבן פאַר דעם אַלעמען? רופט אים אַרויס און שטעלט אים צום מישפּט!

דער המון: צום מישפּט!

אַוואַטשאַ: צום מישפּט רופט אים אויך אַוואַטשאַ, זײַן אייגן קינד.

מאַליוודאַ: קוקט זי אָן! אַוואַטשאַן האָט ער אויפן קאָפּ אַ שטיקל גאָלד אַרויפגעזעצט און אײַנגערעדט זי צו זײַן די יונגפרוי. אַ קרוין אויף אַ קאָפּ, וואָס איז אַליין אַ קרוין! צום קייזער פון ווין האָט ער זי געשלעפּט, פאַר זײַן טראָן געהייסן קנײַען, און אַז דער קייזער איז אַוועק און האָט איר אומשולד זיך צוגענומען אָן אַ פּרײַז, ווי אַ זאַך, וואָס קומט אים, און זי, די באַרויבטע, האָט געוויינט — צי האָט ער נישט פאַרשאָלטן די טאָכטער? זי — וואָס איז זי געווען פאַר אים? אָן אָפּבילד פון אַ חלום. נישט

מער! איר — וואָס זענט איר געוועזן פאַר אים? אַ בריק, און ווײַטער גאָרנישט! ער איז געגאַנגען צו זײַן חלום איבער אײַך!

אַוואַטשאַ: האָט ער געטרויערט, ווען מײַן קינד איז געשטאָרבן? האָט ער מיט אונדז דעם קינדס קערפּער אַרויסבאַגלייט אַהין, ווו עס ווײַנען די טויטע? איז ער כאָטש אַרײַנגעקומען זען עס, ווען ליכט האָבן געברענט מײַן קינד צוקאָפּנס און עס איז געלעגן ווי אַן אײַנגעדאַרט צווײַגל מיט פאַרוועלקטע בלעטלעך פון הענט און פיס? און אַז איך האָב געוויינט איבער מײַן קינד — ווער ווייס אים, צי האָט ער כאָטש אַ טרער פאַרלוירן דאָרט, צווישן די הויכע ווענט פון זײַן צימער? זעלטן נאָר און פון דער ווײַט פלעגט ער וואַרפן אַ בליק אויף מײַן קינד און מיט שינאה פלעגט ער פאַרבײַגיין און אָן אַ שמייכל צו טאָן, ווי עס וואָלט אים טרויעריק געמאַכט דאָס מינדסט פינגערל פון מײַן זון און ווי די הענטלעך מײַן קינדס וואָלטן צעבראָכן זײַן לעבן.

קולות: וואָס האָלט מען אונדז דאָ? זאָל ער געלט געבן, דער אַלטער! מיר מוזן אַוועק פון דאַנען! געלט זאָל ער געבן, געלט!

מאַליוודאַ: רופט אים אַרויס! זאָגט אַז איר דאַרפט אים! ווי לאַנג וועט ער זיך אויסבאַהאַלטן? (באַוועגונג).

דער לץ: (טאַנצט אַראָפּ פון די מאַרמאָר־טרעפּלעך פון פּאַלאַץ)

אַ, אַ! אַ גוט־יום־טוב אײַך, רבותי, אַ גוט־יום־טוב! וואָס טוט מען? ווי קריגט מען עפּעס אַ שטאָך אַרבעט, דאָס ביסל לצנות צו דערהאַלטן? נישט אויסצוהאַלטן מיטן אַלטן! ער האָט זיך דאָך אַפילו פון דעם אייגענעם לץ באַהאַלטן!

קולות: לץ! פּגע־רע! מען דאַרף דיך נייטיק האָבן! געפונען די צײַט!

לץ: שאַט, שאַט! אויב איר ווילט, רבותי, קענט איר גראָד בײַם לץ אַרויסבאַקומען אַ טײַערן סוד! אַ סוד! אַ סוד! מיר האָבן אַ גרויסן גאָט!

קולות: אַ סוד? וואָס פאַר אַ סוד? ווי קומט צו אַ לץ אַ סוד?

לץ: פאַראַן אונטערן פּאַלאַץ אַ קעלער, ברעך איך מיר דעם קאָפּ: ווי מאַכט מען דאָרט העלער? וואָרעם ס'איז דאָרט חושך מצרים. נאָר קלער הײַנט, קלער מאָרגן, אַז ס'איז גאָרנישט שייך מאַכן העלער, וואָרעם פאַר־

שלאָסן איז דער קעלער. אָבער טאָקע אין גאַנצן, פאַרשלאָסן. עס וואָלט אײַך גוואַלדיק פאַרדראָסן, ווען איר זאָלט וויסן, ווי איך, וואָס אין קעלער געפינט זיך.

קולות: זאָג! זאָג! מוזסט זאָגן!

מאַליוודאַ: דער לץ מאַכט אַ פּנים, ווי ער ווייס עפּעס.

אַוואַטשאַ: ער לאַכט פון אונדז.

דער לץ: (שעלמיש) וואָס דאָרט איז? אָט זאָג איך אײַך: הינערשע פיס, שפּינוועבס פון אַ טויטער שפּין, אַ גרויע האָר פון אַן אַלטער בתולה, זייער אײדל און דין, אַ לונג־און־לעבער פון אַ שיכּור, און דער עיקר — —

המון: פלאַנטער נישט, פּאַסקודניאַקל! אַרויס מיט דער צונג! דו ווייסט עפּעס!

לץ: און דער עיקר — דאָס, וואָס איר אַלע וואָלט שטאַרק געוואָלט: פּעסלעך, פּעסלעך, פּעסלעך גאָלד!

אַ קול: יישר־כּוח, לץ! (באַוועגונג).

קולות: גאָלד! גאָלד! איר הערט? פּעסלעך גאָלד! דער לץ האָט אויסגעזאָגט! גאָלד!

אַ יונגער פראַנקיסט: (שרײַט אַרויף צו פראַנקס פענצטער) פראַנק, גיב אָפּ דאָס גאָלד — פאַרלאָזן מיר אָפּנבאַך! הערסט? (ווערט אַרומגערינגלט פון המון, וואָס שרײַט מיט אים צוזאַמען).

המון: (רעוועט) אַהער דאָס גאָלד — גייען מיר אַוועק פון אָפּנבאַך!

איינער: (פלוצלינג, מיטן פּנים צו די סטאַטועס בײַם ברונעם) זעט, זעט! דער ברודער מיט דער שוועסטער! דער ברודער מיט דער שוועסטער! (אַלע דרייען אויס דעם קאָפּ צו די סטאַטועס).

אַ פרוי: וואָס פאַר אַ שוועסטער? אַ קעפּסווײַב!

אַ צווייטע פרוי: דער ברודער איז ברוגז!

אַ דריטע: וואָס איז?

אַ פערטע: אַזאַ קעפּסווײַב דאַרף ער נישט! ער וויל אַ לעבעדיקע! (ווילד געלעכטער).

איינער: אַ יושר זי אַ ביסל אַ שטופּ צו טאָן צו אים! אַ רחמנות אויפן ברודער...

אַן אַנדערע: אַז דער ברודער איז אויך אַ גוטער גולם!

קולות:ביידע שלימזלס! דאַרף מען זיי ביידע צוריקן צו זיך!

(טומל, פּיפּערײַ, געלעכטער. דער המון וואַרפט זיך אויף די סטאַטועס בײַם ברונעם. בשעת מען ברעכט די סטאַטועס קומט אַרויס פראַנק. בלײַבט מאַיעסטעטיש שטיין צווישן די קאָלומנאַדן, בלייך, אין זײַן רויטער טראַכט און גרינעם טורבאַן, מיט אַ פּאַפּוגײַ אין דער האַנט. ציטערנדיק און אײַנגעבויגן גייען אים נאָך די צוויי זקנים).

דער לץ: (צו מאַליוודאַ, טײַטלענדיק אויפן פּאַפּוגײַ) מיט וואָס בין איך, לץ, ערגער אַט פֿאַר דעם פּאַפּוגײַ? איז ער אפשר אַזאַ איי־איי־איי? עך, שלעכט! איך זוך אַרבעט — ערשט נישטאָ וואָס! כ'מוז האָבן אַן אַנדער בעל־הבית! מאַליוודאַ לעבן, האַר! דינג דו מיך פֿאַר אַ נאַר! (קניט פֿאַר אים).

(מאַליוודאַ שטויסט אים אָפּ, לץ גיט אַ קוויטש, לויפט אַוועק און פֿאַרשטופּט זיך אין אַ ווינקל).

המון: אַהאַ! אַט איז ער! (טרעטן אָפּ פֿון די סטאַטועס, רינגלען אַרום מאַליוודאַן).

פראַנק: (אויף אַ דיסטאַנץ, מאַיעסטעטיש) ברעכט! איר האָט אָנגעהויבן ברעכן — פֿאַר וואָס דערברעכט איר נישט?

מאַליוודאַ: ביסט אָבער אַראָפּ! האָסט געמוזט!

דער המון: אויף אונדזער געשריי! האָסט געמוזט! ציגײַנער!

פרויען־קולות: פֿאַרפֿירער!

דער לץ: (פֿון ווינקל אַרויס) אַז איר שרײַט סתם, אין גאַנצן נישט צום גראַם...

אַוואַטשאַ: מײַן קינד שרײַט צו דיר פֿון דער ערד!

פראַנק: וואָס האָב איך געטאָן דײַן קינד?

אַוואַטשאַ: מיט דײַנע שלעכטע אויגן האָסטו מיר עס אָפּגעקוילעט!

פראַנק: אָפּגעקוילעט? צו וואָס האָט מען עס געדאַרפֿט, דײַן קינד? ווייניק קינדער?

אַוואַטשאַ: (מיט טרערן) צו וואָס? דײַן טאָכטערס קינד איז עס דאָך געווען! דײַן טאָכטערס! אַוואַטשאַס!

פראַנק: מײַן טאָכטערס? ווייניק טעכטער? האָב איך געדאַרפֿט אַזאַ

טאַכטער? נישט אַזאַ טאַכטער האָט פראַנק געמיינט. נישט אַזאַ קינד האָט פראַנק געוואָלט. ערגעץ האָט מען מיך אָפּגענאַרט. ערגעץ האָט מען מיך אויסגעלאַכט. (פּויזע) דער מענטש איז גאָרנישט. אַפּילו זינדיקן קען ער נישט. עלנטער שבתי־צבי! וואָס בלײַבט פון דײַן כּולו־חייב?

ירוחם: (מיט אַ ציטערדיק, אַלט קול) אָן זינד, האַר אונדזערער... אָן זינד זינדיקן זיי, האַר... וועט אפשר נאָך דאָס קינד צוריקקערן, אין דורות אַרום זיך זיי באַווײַזן — דאָס קינד — דאָס קינד — —

פראַנציִשעק: וועט אפשר נאָך אין דורות אַרום, אין דורות ווײַטע, זיך ווידער וויגן דאָס וויגל זײַנס... אויפלײַכטן זײַן אויגן־פּאָר... אויפהילכן דאָס קול זײַנס...

פראַנק: (בייז) דאָס קינד! דאָס קינד! וואָס פּאַר אַ קינד? יאָזעפּס ממזר!

ירוחם: (אויפן פּאַפּוגײַ ווײַזנדיק) שיין איז דער פויגל אין האַנט דײַנער, האַר! אַז איך קוק אויף די גרינע פעדערן — דערמאָנט זיך מיר גרינס, שבועות, אַקדמות, פּאַדאָליע...

פראַנציִשעק: און מיר — אַ רעגנדל אויף פעלדער אין וואָלין... גרין... גרין... וואָלינער רעגנדל, וואָלינער פעלדער... (ביידע זקנים וויינען).

פראַנק: (קוקט זיי אָן) אַלטע משומדים! און פון זייער האַר וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? אַן אַלטער משומד! און פון דעם מענטש — וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט? גאָרנישט. וואָס איז ער? אַ חיה? אַ מלאך? גאָר־נישט. (פּויזע, שטילשווײַגן, אַלעמענס אויגן — געווענדט צו פראַנקן) איך האָב מיך געיאָגט נאָך אַ גרינעם פויגל. זײַנע פעדערן בלי‌ען, זײַן קול איז זיסער ווי דאָס קול פון פרויען. דעם פויגל נישט געכאַפּט, אין זײַנע אויגן נישט אַרײַנגעקוקט. אַ פּאַפּוגײַ האָב איך געטראָגן מיט זיך, איך זאָל געדענקען אָן דעם גרינעם פויגל, דעם פאַרבאָרגענעם. און אַ טאָכטער האָב איך געהאַט — צום אונטערשטן אָנדענק פון דער פרוי דער אייבערשטער. איצט, זקנים, דאַרף מען דאָס נישט. מ׳דאַרף ביידע נישט. (דערלאַנגט דעם פּאַפּוגײַ ירוחמען) אַלטע פּאַפּוגײַען זענען די משיחים!

ירוחם: און דו האָסט דאָך דעם פויגל ליב געהאַט, האַר, און דו פלעגסט דאָך אים שפּײַזן פון דײַן האַנט אַרויס. און דו האָסט דאָך אים גע־

לערנט פסוקים נאָכצוזאָגן. און איצט ווילסטו נישט קוקן אויף אים, האַר, איצט איז ער דיר נישט ווילגעפעלן... (טראָגט אָפּ, קרעכצנדיק, דעם פויגל. פראַנצישעק קוקט אים נאָך און וויינט).

אַוואַטשאַ: (צו פראַנצישעקן) **זקן דו, וואָס ווייַנסטו איבער אים? פרעג, צי האָט ער געווייַנט, ווען זייַן טאַטעס קינד האָט די אויגן פאַרמאַכט!**

מאַליוודאַ: (וויַיזט אויף די האַלב־צעבראָכענע סטאַטועס) **די צוויי וויַיסע אָפּגעברעקלטע שאָטנס דאָרט — פאַר וואָס העלפן זיי דיר נישט, שאָטן פון אַ משיח?**

פראַנק: (נאָך אַ מינוט שוויַיגן) **זיי האָבן אָנגעהויבן ברעכן — און — דערברעכן האָבן זיי נישט.**

מאַליוודאַ: אין גאַנצן צעבראָכן, אָדער נישט — וואָס פאַר אַ חילוק פאַר אַ שאָטן ווי דו, וואָס ווערט געמישפּט?

פראַנק: נאַר, אַזוינער איז דער מענטש. וואָלט ער כאָטש ביז צום סוף געבראָכן!

מאַליוודאַ: דער מענטש?

פראַנק: איך! איר! אַלע!

ירוחם: (קומט צוריק) **דער פויגל האָט גאָרנישט געזאָגט.**

פראַנק: ער האָט דען עפּעס געזאָלט זאָגן?

ירוחם: איך האָב גערעכנט... איך האָב געמיינט... דייַן פויגל איז עס דאָך... ס'האָט דאָך געקענט עפענען אַ מויל אויפן וועג און עפּעס זאָגן דייַן קנעכט.

פראַנק: זאָגן? וואָס?

ירוחם: אַ וואָרט כאָטש... אַ וואָרט פון האָפענונג...

פראַנק: און ווי אַז קיין האָפענונג איז נישטאָ? (די זקנים לאָזן אַראָפּ די קעפּ. דער המון לאַכט).

דער המון: (צו מאַליוודאַן) **גאָלד! ער האָט פעסלעך גאָלד אין קעלער — און מיר שטייען דאָ! טייל אונדז פונאַנדער זייַן גאָלד, מאַליוודאַ!**

דער לץ: (מיט אַ מאָל, פון ווינקל אַרויס) **גאָלד שבגינגאָלד, זאָג איך**

איך. פאַרנעמט אַן אויג מיט אַ באַקצאַן, פּרעגלט זיך אויף דער לבנה! (אַלע קוקן זיך אום).

א י י נ ע ר: (לויפט צו, כאַפּט אַן דעם לץ ביים קאַרק) פּגע־רע, אפשר וועסטו שוין אויפהערן זיך מישן, צו אַל די שוואַרצע יאָר? אַוועק פון דאַנען, לץ, וועסט סיי ווי קיין חלק נישט קריגן. (פאַריאַגט דעם לץ פון פּלאַץ).

מ אַ ל י ו ו ד אַ: (צום המון) איר מוזט נאָך וואַרטן אַ ביסל! איצט רעדט מאַליוודאַ מיט פראַנקן, דערנאָך וועט מען אַ שמועס טאָן וועגן אייערע פּעסלעך. (צו פראַנקן) אַלטע חשבונות האָב איך מיט דיר. דער־מאָנסט זיך, אַלטער, דעם אינדזל, ווו מאַליוודאַ האָט געהערשט איבער די נאַקעטע? אוואַטשאַס מוטער האָב איך דאָרט דערזען צום ערשטן מאָל — —

אַ ו ו אַ ט ש אַ: (רויט און פאַרחלומט) מיין מוטער...

פ ר אַ נ ק: (הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אַן מאַליוודאַן מיט שווערע שטאָלצע אויגן) מאַליוודאַ, דם־שונא, איך ווייס אַלץ. (פּויזע) דער מענטש איז גאָרנישט. זעסט? איך קאָן אַפילו מיט דיר רעדן אַזוי, ווי איך וואָלט דיך נישט פיינט געהאַט אַ טויטפיינדשאַפט און ווי דו וואָלסט נישט געווען דער, וואָס האָט אויף מיין ווייב געלויערט יאָרן לאַנג, וואָס האָט מיך אַרומ־גערינגלט מיט פאַלשקייט, אַרויסגעגעבן מיך צו די פיינט, צום סוף מיין טאָכטער צוגענומען און מיינע לייט אויף מיר אָנגערייצט... און איך רעד מיט דיר, איך קוק אויף דיר, איך שטיי אונטער איין הימל מיט דיר... פאַר וואָס? גאָרנישט... ווייל דער מענטש איז גאָרנישט...

מ אַ ל י ו ו ד אַ: לאָז אַ ביסל זכרונות אָפּפרישן, אַלטער! (ווייזט אויף די אַרומיקע) וואָס ווייסן זיי? (טרוימעריש) דו און זי — צוויי באַ־קליידטע צווישן נאַקעטע! האָב איך אײַך באַפוילן זיך אויסצוטאָן... און זי, די אויסגעטונענע חנה, איז געווען דער אָנהייב **פון מאַליוודאַס אונטאָן זיך**... דאָס שטיקל ערד אין מיטן ים...

גריך און ייִד און מוסולמענער זענען דאָרט געוואָרן גליקלעכע אונטער־טאַנען פון אַן אַנטלאָפענעם פּאַליאַק, וואָס האָט אויף ים־געוויש פאַרביטן דאָס געוודער פון מלך פּאָניאַטאָווסקיס הויף און פון דער שליאַכטעס צאַנ־

קערײַען! און ס'האָט זיך איבערגעחזרט דאָס, וואָס מיט יאָרן טויזנטער צוריק.

פון דעם גן־עדן האָט מיך, דעם ראש פון די נײַע אָדמס, פאַריאָגט די תאווה... חנהס לײַב האָט זי אויפגעוועקט אין מיר. איז דען געווען אַ לײַב ענלעך צו חנהס? וואָס וויסן ז י י, אַלטער? אָבער מיר וויסן עס... (פויזע) פראַנק, איך האָב געקאָנט דאָס ווײַב דײַנס צוזעמען פון דיר און הייסן מײַנע לײַט דיך אַראָפּלאָזן אין ים אַרײַן, ווי מען לאָזט אַראָפּ אין וואַסער דעם אַנקער פון אַ שיף. איך האָב ע ס נ י ש ט געטאָן...

פ ר אַ נ ק: (מיט חוזק) פאַר וואָס? דערפאַר, מסתמא, ווײַל פון בלאָטע ביסטו... נישט מלאך, נישט חיה — גלאַט מענטש, גלאַט גאָרנישט!...

מ אָ ל י ו ו ד אַ: רשע! וואָלסט געבילט צו מיר פון ים אַרויס! ווען כ'וואָלט מיך געפרייט מיט חנהן דײַנער אין דער שטילקייט פון די נעכט — צי וואָלסטו נישט אַרויס פון אָפּגרונט ווי אַ משוגענער ים־הונט און צי וואָלסטו נישט געשטעלט זיך צווישן מיר און איר? האָב איך געזאָגט: הינטן אַרום לאָמיך קריגן חנהן. מירן זיך טיילן מיט אים אויף גלײַך: זאָל ע ר זי האָבן — נאָר לאָמיר זי אויך האָבן. וואָס דאַרף ער דען וויסן? און ס'איז מיר שוין נישט אײַנגעגאַנגען נישט דער ים, נישט די זון אונדזערע און נישט די פריילעכקייט אונדזערע. הונגעריק און ווילד בין איך — מיט דיר און מיט חנהן — —

פ ר אַ נ ק: אַוועק צו די אַנגעטונענע, אמת? ווײַל דו האָסט נישט אויסגעהאַלטן. ווײַל גאָרנישט איז אַ מענטש, ווײַל קיין מאָל גייט נישט ביז צום סוף אַ מענטש. (ווײַזט אויפן המון) מיינסט, אַזוי וואָלטן זיי אויס־געזען? אָ, ווען זיי גייען מיט מיר ביז צום סוף! אָבער וואָס איז דער מענטש, מאָליוודאַ? אַנהייב קען ער נישט זײַן, סוף האָט ער מורא צו זײַן...

י ר ו ח ם: (ווי אַן עכאָ) אַנהייב קען ער נישט זײַן — סוף האָט ער מורא צו זײַן...

פ ר אַ נ צ י ש ע ק: דער גרויסער ברודער איז אין כּעס... די גרויסע שוועסטער איז אין כּעס...

פ ר אַ נ ק: סוף איז מיט אַנהייב פאַרבונדן — האָב איך דעם מענטש געוואָלט פירן דורכן סוף צום אַנהייב. איז דער מענטש אַ מ י ט ן... אַ

מיטן איז ער... אין מיטן בלײַבט ער... איך האָב געוואָלט, אַז אַלץ, וואָס גוט, זאָל ווערן שלעכט — כּדי צו ווערן בעסער! דער גרויסער ברודער... די גרויסע שוועסטער... איינעם אַ ישׂשכר האָט זיך אויסגעדאַכט: ער זעט זיי... מ׳האָט מיך אויסגעלאַכט... ווי די בעלי־קבין — אלישען... אָפּגענאַרט... (זעצט זיך מיט אַ שווער אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ אויף די טרעפּ, וואָס פירן צום פּאַלאַץ).

אַ קול: (אויפגערעגט) גענוג! גיב רעכנשאַפט, פראַנק!

אַ צווייט קול: מאַליוודאַ, צעטייל די אוצרות!

אַ דריט קול: אַוואַטשאַ, שטעל דיך אײַן פאַר אונדז! אַוואַטשאַ!

אַוואַטשאַ: וואָס ווילט איר?

אַ יונגער פראַנקיסט: שוין פאַרגעסן? דײַן טאַטע האָט ליגן גאָלד אין קעלער! ער באַהאַלט די פעסלעך גאָלד פאַר זיך, און אונדז לאָזט ער הונגערן!

מאַליוודאַ: (צו פראַנקן) מען רעדט וועגן אַ פאַרשלאָסענעם קעלער. וואָס האָסטו דאָרט ליגן, אַלטער?

פראַנק: (הייבט אויף דעם קאָפּ; מיט פאַראַכטונג) נישט גאָלד!

מאַליוודאַ: עפּעס אַנדערש?

פראַנק: די לעצטע מפּלה...

מאַליוודאַ: דײַן מפּלה? (קוקט אים אָן פאַרגאַפט).

דער המון: עפענען דעם קעלער!

מאַליוודאַ: ווו איז ער, דער שליסל?

(פראַנק כאַפּט אַרויס אַ גרויס פאַרזשאַווערט שליסל פון הינטערן בוזעם אַרויס און וואַרפט עס פון דער ווײַט דעם צערעוועטן המון, ווי מען וואַרפט אַ ביין דעם הונט).

קולות: — אַהאַ! איר זעט! אַ שליסל באַהאַלטן, אַ שליסעלע!

— מאַליוודאַ וועט פונאַנדערטיילן דאָס גאָלד מיט יושר!

— מאַליוודאַ, פיר אונדז!

— זאָלסט טיילן גלײַך אויף גלײַך!

— מיר אַ פעסעלע!

— מיר אויך אַ פעסעלע!

— מיר קומט צווייִ!

— מאַליוודאַ!

מאַליוודאַ: (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ; דענקט נאָך; קוקט האַלב־פאַרשעמט אויף פראַנקן, באַשליסט דאָך צו טאָן דעם המונס פאַרלאַנג) **קומט!**

פראַנק: (צעלאַכט זיך) **כאַ־כאַ... גאָלד... פעסלעך... אַוואַטשאַ, און דו?**

אַוואַטשאַ: איך? איך וועל זיי פירן צום קעלער. איך וועל בענטשן זייערע קללות אויף דיר. (צו ירוחמען און פראַנצישעקן) **זקנים, קומט מיט!**

פראַנק: (צו די זקנים) **גייט, נאַראַנים, גייט!**

ירוחם: (דערשלאָגן) **נאַראַנים רופסטו אונדז?**

פראַנצישעק: נאַראַנים זענען מיר?

אַוואַטשאַ: איר זעט? און איר וואַרט נאָך...

(די זקנים וואַקלען זיך. דער המון מיט מאַליוודאַן און אַוואַטשאַן בראש לאָזט זיך גיין, מאַליוודאַ מאַרשירט שנעל פאָרויס, מיטן שליסל פאַכענדיק, אַוואַטשאַ רעדט עפּעס צום המון און ווײַזט מיט די הענט. די זקנים קוקן נאָך — האַלב מיט טרויער, האַלב מיט קינאה, פּלוצלינג לאָזן זיי זיך לויפן נאָכן המון).

די זקנים: וואַרט! וואַרט! מיר אויך!

(אין המון ווערט אַ געלעכטער, די זקנים שליסן זיך אָן אין צוג. דער עולם דערווײַטערט זיך. אויפן פּלאַץ בלײַבט קיינער נישט חוץ פראַנקן, וועלכער זיצט אויף די טרעפּ פון פּאַלאַץ אומבאַוועגלעך, שטאַר, ערגעץ קוקנדיק, די הענט אויסגעצויגן פאָרויס, ווי צום געבעט. עס הייבט זיך אָן צו וועבן אַרום אים אַ טונקלקייט, וואָס פאַרטרינקט ביסלעכווײַז דעם גאַנצן פּלאַץ. איינזאַמע בליצן, ווי וואַנדער־נשמות מיט פאַקלען אין די הענט, באַלײַכטן אַ שוואַרץ געוואָרענעם געוויטער־הימל און פאַרגייען מיט אַ רויט אויפגעריסן געלעכטער. ווײַטע דונערס וואָרטשען, ווי אַלטע הינט. פון דער פינצטער ווײַסן זיך אַרויס: די האַלב־צעבראָכענע סטאַטועס בײַם ברונעם, די קאָלומנעס פון פּאַלאַץ און פראַנקס אויסגעשטרעקטע הענט. אַ בליץ אַ לאַנגער, אַ זיגזאַגישער, קומט צו פליִען, ווי אַ ריזיקע פלעדערמויז, שוועבט איבער פראַנקן, גיסט אים אָפּ מיט ליכט פון קאָפּ ביז פיס — פראַנק זעט אויס ווי אַן אָנגעצונדענער — דערנאָך ווערט אַלץ כּהרף־עין פאַרלאָשן, און פון דער אַרומיקער חשכות הייבט זיך ביסלעכווײַז אָן אַרויסצושיילן **דאָס געשטאַלט מיט די לאַפּעס**).

דאָס געשטאַלט: גוט־שטורעם דיר!

פראנק: וואָס דאַרפסטו?

דאָס געשטאַלט: האָסט מורא?

פראַנק: אַ בויך האָסטו, ווי אַ שוואַנגערע פרוי. די ריחות דײַנע — ווי פון אַ שטאַל.

דאָס געשטאַלט: כ׳בין מיאוס? כ׳בין גוט מיאוס?

פראַנק: אַוועק!

דאָס געשטאַלט: כ׳בין די זינד. בלוט ווילסטו? כ׳האָב דיר געבראַכט בלוט אין די לאַפּעס. (שטרעקט אויס צו אים די לאַפּעס) איך טראָג אין די לאַפּעס בלוט, ווי אין בעכערס. נאַ, טרינק פון מײַנע לאַפּעס. איך בין דײַן חלום. גיכער! (שטעלט אויף די לאַפּעס, ווי דלאָניעס).

פראַנק: מײַן חלום? נישט דו!

דאָס געשטאַלט: ביסט אַ נאַר. פון וואַנען ווייסטו, ווי דײַן חלום זעט אויס? איך זאָג דיר: איך בין דײַן חלום.

פראַנק: נישט דו! אַוועק!

דאָס געשטאַלט: (רוקט זיך צו גאָר נאָנט).

פראַנק: אַוועק! אַוועק פון מיר!

דאָס געשטאַלט: (לייגט אַרויף אויף אים ביידע לאַפּעס, לעקט אים דאָס פּנים מיטן צונג, וואַלגערט זיך אַרויף אויף אים מיטן גאַנצן גוף און ווערגט אים. אַ קורץ, פאַרעקשנט געראַנגל. פראַנק יאָגט דאָס געשטאַלט אָפּ פון זיך. דאָס געשטאַלט טרעט אָפּ און צערינט אין דער פינצטערניש).

פראַנק: (אַ ווײַטער, שווערער דונער) **ווען אַזאַ דונער שיסט מיך און דערנאָך קומט אַ בליץ און פאַרברענט מײַן טויט לײַב אויף אַש!**

דער לץ: (קומט צו לויפן מיט אַ ליכטל אין דער האַנט) **האַר, ווו ביסטו?** (דערזעט פראַנקן) **אַלע אַוועק. קיינער נישט געבליבן, חוץ אַ לץ און אַ משיח.**

פראַנק: דאָס ליכטל אין דײַן האַנט — איצט, ווען בליצן ברענען, ווי אויגן פון משוגעים — ווען דונערס האַלטן קוים אײַן דעם צאָרן זייערן — איצט — אַ ליכטל — דער בעסטער וויץ דײַנער, חבר.

דער לץ: נו, אויב דו האַלטסט שוין יאָ פון מײַנע וויצן — טאָ מעג דונערן און בליצן — און איך, לץ, מוז מיט דיר זיצן! (זעצט זיך לעבן אים.

פויזע. ביידע זיצן שטיל, אַנקוקנדיק פון צײַט צו צײַט איינער דעם אַנדערן).

(ווילד גערודער הינטער דער סצענע. דער ערשטער ווײַזט זיך מאַליוודאַ, נאָך אים לויפט צעשויבערט אַוואַטשאַ. דער המון קומט צוריק. געשרייען און קללות. מאַליוודאַ טראָגט אויף די הענט אַ לענגלעכע גולם־פיגור).

קולות: אַלטער ציגײַנער, מיר האָבן גאָרנישט געפונען! האָסט באַהאַלטן דאָס גאָלד ערגעץ אַנדערש! האָסט כּישוף געמאַכט.

מאַליוודאַ: (באַלויכטן פון בליצן, פּאַכט ער אין דער לופט מיט דער גולם־פּיגור) **אָט דאָס האָבן מיר געפונען אין דײַן קעלער, מער גאָרנישט. וואָס איז דאָס? אַ מפּיל־קינד?**

אַוואַטשאַ: אַ זויגקינד פון ליים (געלעכטער).

פראַנק: (שטעלט זיך אויף) **איר זענט נײַגעריק? גוט. כ'קען זאָגן. אַז גאָט האָט באַשאַפן גאָרנישט, אַז גאָט האָט באַשאַפן אײַך, האָב איך, אײַער האַר דער געוועזענער, יעקב, מיר פאַרשאַפט כּלים אַלכעמישע און האָב מיר געפּרוווט אַליין באַשאַפן אַ מענטש... אַליין...**

מאַליוודאַ: (גיט אַ הייב דעם גולם ווי אַ טויט שטיקל עופ איבער אַלעמענס קעפּ) **אָט האָסטו דיר דײַן מענטש... אַזוי זעט אויס דײַן אַרבעט...**

פראַנק: דרײַסיק נעכט האָב איך געוואַכט... די רעטאָרטע האָט געזאָדן... דרײַסיק נעכט אין קעלער... אויף דער דרײַסיקסטער נאַכט — דאָס גולמל לעבט... און באַלד דערנאָך — דאָס גולמל שטאַרבט... נישט איך האָב לעבעדיק געמאַכט, נישט איך האָב געטויט... ווער?... (פּויזע) **אַ שלאָס אָנגעהאָנגען... אַ גראָבן שלאָס... און דאָס שליסל — באַהאַלטן... דאָס קעלער איז אַ קבר... איר האָט אַ קבר אויסגעגראָבן... וואָס האַלטסטו אין דער האַנט, דו נאַר? וואַרף עס אַוועק...**

ירוחם: נישט צום דערקענען איז דעם האַר... רק נאַר... רק נאַר...

פראַנצישעק: אַלע — נאַראָנים!

דער לץ: (צופּט די זקנים בײַם אַרבל) **אַ נאַר אַהין, אַ נאַר אַהער — אַז מען גיט אַ קלאַפּ אין טיש רופט זיך אָן די שער.**

אַוואַטשאַ: מײַן קינד, מײַן לעבעדיק קינד האָסטו געהאַסט. און דו ביסט געגאַנגען שאַפן זיך אַן אַנדער קינד, אַ טויט קינד, אַ קינד אַ חלום. (רײַסט דעם גולם פון מאַליוודאַס הענט אַרויס, וואַרפט עס מיט

ווט אין המון) **נאַט! טרעט!** (דער המון טרעט דעם גולם).

מאַליוודאַ: הערט! מיר וועלן אַוועקגיין. איר גייט?

המון: פיר אונדז!

אַוואַטשאַ: אַוועקגיין? און וווהין דער וועג?

מאַליוודאַ: צו אַ נײַעם אינדזל דער וועג! אפשר וועט דאָס מאָל אַנדערש זײַן!

אַוואַטשאַ: און ווידער נאַקעט?

מאַליוודאַ: נאַקעט!

אַוואַטשאַ: (ווי פאַרשיכּורט) **נאַקעט! נאַקעט! איר הערט? נאַקעט!** (פּליעסקעט אין די הענט).

דער המון: נאַקעט!

פראַנק: מיט וועמען גייסטו? אָט מיט די?

מאַליוודאַ: מען מוז ווידער אָנהייבן פון אַלטן!

פראַנק: גאָרנישט... וועסט ווידער פאַלן!

מאַליוודאַ: פאַר וואָס, אַלטער?

פראַנק: (ווײַזט אויף אַוואַטשאַן) **פרײַער חנה, איצט — זי. די זעלבע שפּיל, מאַליוודאַ!**

מאַליוודאַ: ווער מיט מיר — נאָך מיר!

אַוואַטשאַ: ווער גייט אין גן־עדן? ווער גייט אין גן־עדן?

(מאַליוודאַ און אַוואַטשאַ לאָזן זיך אין וועג; אַ טייל עולם גייט זיי נאָך. זיי דערוווײַטערן זיך מיט יובל, געשריי און געזאַנגען).

אַ יונגער פראַנקיסט: (רעדט צום איבערגעבליבענעם עולם) **און מיר — מיר וועלן אַוועקגיין פון דאַנען און וועלן זיך אויסמישן מיט די פעלקער און וועלן זיך באַזעצן אין די דערפער און וועלן פאַרגעסן אין פראַנקן און וועלן גיין זונטיק אין קלויסטער. ווער גייט? ווער וויל?** (לאָזט זיך אין וועג; אַ טייל עולם גייט אים נאָך. ווידער געשרייען און געזאַנגען).

ירוחם: און מיר, וואָס מיר זענען נישט געגאַנגען נישט מיט ערשטע און נישט מיט די צווייטע, מיר וועלן אַוועקגיין פון דאַנען און וועלן זיך אומקערן אַהיים, אין אונדזערע ייִדישע שטיבער אַרײַן, און וועלן לעבן

בתוך עדת בני־ישראל און וועלן אָנצינדן יום־כיפור־ליכט, גרויסע יום־כיפור־ליכט!

פראַנציסשעק: (צעזינגט זיך יום־כיפורדיק) ונסלח לכל עדת בני־ישראל, כי לכל העם בשגגה! בשגגה! בשגגה! (אַ סך כאָפּן אונטער און זינגען מיט).

ירוחם: איר גייט?

קולות: מיר גייען! (גייען אַוועק זינגענדיק ימים־נוראים־ניגונים. ווידער בלײַבן אויפן גאַנצן פּלאַץ נאָר פראַנק און דער לץ).

פראַנק: (צום לץ) און דו? פאַר וואָס ביסטו נישט מיטגעגאַנגען?

לץ: אַ לץ האָט נישט וווּ צו גיין, אַ משיח — אויך נישט. בלײַבןביידע אַליין.

פראַנק: ביידע אַליין.

(דערווײַל לײַטערט זיך אויס. איין ברעג הימל הענגט אַרונטער גרינלעך־ליכטיק, ווי אַ קרוין, אויסגעזעצט מיט שמאַראַגדן. אונטער דעם גרינעם פּאַס הימל ציט זיך אַ גרין באַלויכטענער, שטילער פּאַס וועג. דער וועג איז אַ מינוט פּוסט. דערנאָך הערן זיך טריט, עס ווײַזן זיך אין גאַנג צוויי פיגורן, ביידע — אין לײַוונט־מלבושים, הויכע פּויערישע שטיוול און קלומעקלעך אויף די פּלייצעס, די בערד — קרום צעשויבערט אויפן ווינט. פון דער ווײַטנס זעט מען אַ גוי שלאָפן אויף דער קעלניע מיט אַ בײַטש אין דער האַנט. איינער פון די צוויי — אַ זייער הויכער, מיט געלבלעכע צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען — דער ניסתר; דער צווייטער — נידעריקער פאַרן ערשטן, מיט ברייטע פּלייצעס אין אַ קופּער־גלײַענדיקן שטערן איבער אַ שוואַרצער באָרד — דער בעש״ט).

דער ניסתר: אַ נישקשהדיק קפיצת־הדרכל — ס׳וואָר?

בעש״ט: דער גוי שלאָפט אויף דער קעלניע, ווי נישט אים מיינט מען.

דער ניסתר: מיטן בײַטשל אין דער האַנט... און ער האָט אַ חלום, ווי ער שטייט און גיט האָבער דעם פערד.

בעש״ט: מ׳האָט זיך אַ קאַפּעטשקע פונאַנדערגעטרייסלט.

דער ניסתר: (קוקט זיך אום) אָט איז ער דאָך, דער בחור. (ווײַזט אויף פראַנקן) צוליב אים האָבן גלחים דעם ש״ס געברענט...

בעש״ט: און דער מיטן ליכטל?

דער ניסתּר: גאָרנישט... אַ לץ... ער שטייט מיט אַ ליכטל און באַלײַכט אַ חורבה.

בעש"ט: (צו פראַנקן) העי, דו! מיר האָבן פאַרבלאָנדזשעט אין וועג... ווי גייט מען דאָ אַרויס?

פראַנק: איך האָב אויך פאַרבלאָנדזשעט.

בעש"ט: מיר ווייסן.

פראַנק: ס'האָט זיך דאָ געקליבן אויף אַ שטורעם. נאָר ס'איז פון דעם גאָרנישט געוואָרן. זיך אויסגעלײַטערט.

בעש"ט: מיר ווייסן.

דער ניסתּר: מיר קומען פון פּאָדאָליע קומען מיר.

פראַנק: איך בין אויך פון פּאָדאָליע.

בעש"ט: אין פּאָדאָליע איז איצט ליכטיק.

פראַנק: ליכטיק?

דער ניסתּר: (ווײַזט אויפן בעש"ט) אָט דער האָט ליכטיק געמאַכט.

פראַנק: וואָס וויל ער? וואָס ווילט איר?

בעש"ט: גאָרנישט. אַ יישר־כּוח.

פראַנק: וואָס דאַנקסטו?

בעש"ט: ווען דו מאַכסט נישט אַזוי פינצטער — וואָלט איך נישט געקאָנט מאַכן ליכטיק.

דער ניסתּר: וועסט שטאַרבן.

בעש"ט: האָסט אָפּגעטאָן דאָס דײַניקע.

פראַנק: (פאַלט אויף די טרעפּ) יאָ... עס גייט ערגעץ... איך זע... פאַרלעש דאָס ליכטל, לץ... מ'דאַרף שוין נישט... ליכטיק... דער גוטער גאָט... ער גייט... ער איז אַ פּשוטער... מען דאַרף צו אים דורך היילן פון שלעכטס נישט גיין... ער גייט אַליין... ער קומט... ער איז נישט קיין באַ־האַלטענער. אָט איז ער דאָך... אָט גייט ער... אָט איז ער... (שטעלט זיך אויף מיט די לעצטע כּוחות, שפּרייט אויס די הענט, ווי ער וואָלט געגאַנגען

אַנטקעגן גאָט. פֿאַלט אום און בלײַבט ליגן אויסגעצויגן אויף די טרעפּ פֿון פּאַלאַץ).

בעש״ט און דער ניסתּר: (בייגן זיך איבערן קערפּער).

דער לץ: (לעשט אויס דאָס ליכטל).

דער שטורעם איז אַריבער, דאָס ליכטל פֿאַרלאָשן, דער מענטש ליגט — און גאָט איז געקומען.

(פֿאָרהאַנג)

1926-27

ווייצמאַן דער צווייטער

אַ פאַנטאַזיע אין 14 בילדער

באַטייליקטע לויטן סדר פון זייער אויפטריט

דער אַריער
אַמבאַסאַדאָרן
די געפאַנגענע (המון)
איינשטיין
ראָטשילד
סטיפן ווייַז
ריינהאַרדט
זשאַבאָטינסקי
סאָקאָלאָוו
אָטאָ וואַרבורג
אייב קאַהאַן
שלום אַש
אַלעקסאַנדראַ
טשאַפּלין
דער אייביקער ייִד
בריטישער אַמבאַסאַדאָר
שלום בן־חורין
יונגער ייִד (ערשטער)
יונגער ייִד (צווייטער)
העראָלד
דער שטערן
נאַצי־פיגור
ערשטער ייִד
צווייטער ייִד
דריטער ייִד
פרוי פון דער וואַך
צווייטע פרוי פון דער וואַך
דריטע פרוי פון דער וואַך
חיים־יאַנקל
ירוחמזאָן
קניידלמאַן
שוואַרצבאָרד
ערשטער מקובל
אַנדערע
ווייצמאַן דער צווייטער
קאַנצלער
פּאַן דער יעקע
דאָס פאָלק
אַ ייִד אין אַ צילינדער
צווייטער ייִד אין אַ צילינדער
איינער פון דער קאָמיסיע
שולמית

ווייצמאַן דער צווייטער

י. י. זינגערן
צום אָנדענק פון פיליאַריקער
פרײַנדשאַפט

בילד 1

אַן אומבאַקאַנטע האַפנשטאָט. ברעג פון ים. שיף אין הינטערגרונט. גלאָקנקלאַנג פון אַלע עקן שטאָט.
מיט אַרעסטאַנטישע נומערלעך, די פּעסער אין דער האַנט, שטייען — אונטער אַ שטרענגער פּאָליציי־וואַך — באַרימטע ייִדן און ייִדישקעס. גרויסער גויִשער המון.
דער אַריער, אַ ריזיקן האַקנקרייץ אין דער האַנט, שטייט אַרומגע־רינגלט מיט אַמבאַסאַדאָרן פון אַלע מדינות.

דער אַריער: (הייבט דעם קרייץ) אין נאָמען פון האַקנקרייץ. איך, דעם פירערס [דעפּאָרטאַציע־מיניסטער מעלד:] * פון איצט אָן ווערט ישׂראל אויף אייביק אַרויסגעיאָגט. אַלע מלוכות — אויף אונדזער זײַט! (צו די אַמבאַסאַדאָרן) איז אמת וואָס איך זאָג.

אַמבאַסאַדאָרן: אמת.

דער אַריער: פרײַ אָטעמען אויף די פעלקער. (צום המון) איר זענט געראַטעוועט.

המון: געראַטעוועט.

דער אַריער: זיי וועלן אונדז אויפהערן שרעקן. מיר וועלן נישט

---

* אין כּתב־יד ניט דײַטלעך (קאָר.)

דאַרפן אַרײַנקוקן אין זיי ווי אין אַ שווינדלדיקן תהום. מיר וועלן נישט אַרויפקוקן צו זיי ווי צו אַ געהיימענישפולן הימל. זיי ווערן געצוווּנגען זיך אָפּצוטראָגן. מיר — אָן זיי, זיי — אָן אונדז.

המון: מיר — אָן זיי. זיי — אָן אונדז.

דער אַריער: האַקנקרייץ, האָסט באַזיגט דעם מגן־דוד! ישׂראל ווערט איזאָלירט. די מלוכות האָבן אויסגעקויפט פּאַלעסטינע. נישט פּאַלעס־טינע אַליין. פּאַלעסטינע פּלוס סיריע פּלוס מעסאָפּאָטאַמיע. נאָט אײַך, יידן, און גייט!

המון: און גייט!

דער אַריער: האַקנקרייץ, האָסט באַזיגט דעם מגן־דוד! ישׂראל קערס, קיין מוסר־זאָגערס. מיר דאַרפן נישט קיין אייביקע מאָנערס. וואָס טויג אונדז דער יידישער קאָפּ אויף אונדזערע נישט־יידישע פּלייצעס? דער יידישער קאָפּ ווערט אָפּגעטיילט.

המון: איזאָלירט — פֿאַרטריבן — אָפּגעטיילט —

דער אַריער: (ווײַזט אויף די געפֿאַנגענע) זיי זענען די ערשטע צו ווערן פֿאַרטריבן. זיי זענען די באַרימטסטע. דערפֿאַר — די געפּערלעכ־סטע. דאָס איבעריקע יידנוואַרג ווערט טראַנספּאָרטירט דערנאָך, אָדער פּאַרטיליקט... (קוקט אויף איינשטיינען) הימלבליץ־דאָנערוועטער־סאַקראַ־מענט! אין אָט דעם געהירן ברענען טויזנט אַנטי־אַרישע רעוואָלוציעס.

המון: ער זאָל דער ערשטער באַטרעטן די דעפּאָרטאַציע־שיף!

דער אַריער: (צו איינשטיינען) אַרעסטאַנט נומער איינס!

איינשטיין: (נייגט זיך איראָניש) יאָ, הער פֿאַרטרײַב־קאָמיסאַר.

דער אַריער: דו! אַרויף אויפֿן שיף! ביסט דער געפּערלעכסטער! דער קאָפּ פֿון זייערע קעפּ!

די געפֿאַנגענע: אונדזער ערשטער וועט ער זײַן!

דער אַריער: זאָל ער! איזאָלירטערהייט! אַבי צווישן אונדז — נישט! קאָפּ נומער איינס, מאַרש!

איינשטיין: (ווערט אַרויפֿגעפֿירט אויף דער שיף) מײַן קאָפּ איז אײַך דאַנקבאַר פֿאַר דער אָנערקענונג. (געלעכטער צווישן די געפֿאַנגענע).

דער אַריער: פֿאַרווערטס! יידן־געלעכטער — פֿאַרווערטס!

המון: שטרענג פאַרבאָטן צו לאַכן.

אַמבאַסאַדאָרן: קיין שום געלעכטער! אַ וועלט־היסטאָריש גע־שעעניש! (געפאַנגענע לאַכן ווײַטער).

דער אַריער: (טופּעט מיט די פיס) פאַרשאָלטן יידן־געלעכטער! (צו ראָטשילדן) אַרעסטאַנט נומער צוויי!

ראָטשילד: איך! ראָטשילד. פּאַריז.

המון: שײַלאָק!

דער אַריער: קריך אַרויף דער צווייטער! מיר האָבן גענוג די איינשטיין־קעפּ און די ראָטשילד־געלטער!

ראָטשילד: (ווערט אַרויפגעפירט אויף דער שיף; צום אַריער) איך מוז אײַך אויפמערקזאַם מאַכן אויף אײַער טעות. איר האָט מיך פאַרגעסן צו באַרויבן.

דער אַריער: דײַן געלט, ווי דו אַליין, ווערט איזאָלירט, פאַר־שטאַנען? קיין שום אומזאָץ אין אויסלאַנד! (צו די געפאַנגענע) אײַער יידנלאַנד וועט מיטן אויסלאַנד גאָרנישט האָבן צו טאָן. קיין שום רעכט אויף אַמבאַסאַדאָרן, אויף קאָנסולן! כינעזישע מויער! דאָס שמעקט אײַך נישט, ווי?

המון: (ניצחונדיק) דאָס שמעקט זיי נישט.

דער אַריער: נומער דרײַ!

סטיפן ווײַז: (עפנט דאָס מויל צום רעדן).

דער אַריער: קיין שום רעדעס!

סטיפן ווײַז: אַפילו רעדן נישט?

דער אַריער: רעדעס וועסטו האַלטן אין יידנלאַנד! מאַרש!

סטיפן ווײַז: דער יידישער קאָנגרעס אין אַמעריקע האָט באַ־שלאָסן —

דער אַריער: קיין שום יידן־קאָנגרעסן! אויס דערמיט! (צו דער וואַך) נעמט אים —

סטיפן ווײַז: (ווערט אַרויפגעפירט) כ'וועל צונויפרופן אַ קאָנ־גרעס אויף דער שיף! יודעאַ גיט זיך נישט אונטער!

אַמבאַסאַדאָרן: (חשיבותדיק) **אַן רעוואָלוציאָנערע אויסרופן! נישט פאַרשוועכן דעם וועלט־היסטאָרישן ספּעקטאַקל!**

דער אַריער: **און דו, נומער פיר?**

ריינהאַרדט: **מיך רופט מען ריינהאַרדט.**

המון: **אַהאַ!**

ריינהאַרדט: **אייער ספּעקטאַקל איז אומזין. איך זאָג עס אייך, ווי אַ רעזשיסאָר.**

דער אַריער: **ווער רעזשיסירט? דו? איצט איז האַקנקרייץ דער רעזשיסאָר!** (צו דער וואַך) **אַוועק מיט אים!**

ריינהאַרדט: (ווערט אַרויפגעפירט).

דער אַריער: **נומער פינף, נומער זעקס, נומער זיבן... דריי עלטסטע פון ציון!** (צו זשאַבאָטינסקין) **און דו, קאָמאַנדיר פון דער יידישער אַרמיי? ביסט געפאַנגען! אויף אייביק! דער אַנטי־אַרישער נאַפּאָלעאָן ווערט פאַר־שיקט!**

זשאַבאָטינסקי: **איך וועל שלייפן מיין שווערד אַן די פעלדזנ־שטיינער פון ירושלים.**

דער אַריער: **אַבי נישט אַן די העלדזער פון אַריער!** (צו סאָקאָ־לאָוון) **און דו? אַמבאַסאַדאָר! האַ, האַ! יידן־אַמבאַסאַדאָר!**

סאָקאָלאָוו: (וויַזט אויף די געפאַנגענע) **זיי האָבן נישט געהערט, ווען איך האָב גערופן. איצט גייען זיי, וויַל דו צווינגסט.**

דער אַריער: (צו דער וואַך) **אין נאָמען פון האַקנקרייץ! שלעפּט זיי** — — (ביידע ווערן אַרויפגעשלעפּט).

דער אַריער: **נו, וועמען האָט איר דאָ נאָך?** (כאַפּט אַרויס צוויי אַרעסטאַנטן פון מיטן) **ווער זענט איר?**

איינער: **אָטאָ וואַרבורג, ניו־יאָרק.**

צווייטער: **אייב קאַהאַן, ניו־יאָרק.**

דער: אַריער: (קוקט אַריַין אין אַ ליסטע) **אַהאַ! וואַרבורג! מיליאָ־נער! יידישע דאָלאַרן! אייב קאַהאַן — רעדאַקטאָר! דאַנערוועטער! גרעס־טע יידישע צייטונג! צייטונגלייט! מאַרש!** (ווערן אָפּגעפירט) **און דער דאָ, דער הויכער, אַש? וואָס? שריפטשטעלער? וועלט־באַרימט? מאַרש!** (ווערט

אָפּגעפּירט) אַזוי פיל באַרימטהייטן, צום טײַוול! יעדער צווייטער ייִד — באַרימט! און די דאָ? (שלעפּט אַרויס פון צווישן די געפאַנגענע אַ פרוי, קוקט זי אָן, שטעלט אַרויס פאַרנט) ברונעט! שווידערלעך ברונעט! ענט־זעצליך סעמיטיש! ווער ביסטו?

המון: זי איז שיין!

אַמבאַסאַדאָרן: (חשיבותדיק) וועלט־היסטאָריש שיין.

דער אַריער: שווייַנעריי אַזוי שיין צו זײַן! ייִדישע שטיקלעך!

אַלעקסאַנדראַ: (פאַרצווייפלט) איך וויל צוריק קיין האָליווּד.

דער אַריער: גיבטס ניכט, מאַדאַם.

אַלעקסאַנדראַ: בין פילם־אַרטיסטין, באַרימטע פילם־אַרטיסטין. און איך האָב — —

דער אַריער: וואָס האָסטו? אַ קאָנטראַקט? נישט גילטיק מער.

אַלעקסאַנדראַ: אַ געליבטן.

המון: אַ געליבטן!

דער אַריער: אַן אַרישן? ראַסן־שאַנדע!

אַלעקסאַנדראַ: קיין ייִדישע געליבטע נוץ איך נישט.

דער אַריער: וועסט נוצן!

אַלעקסאַנדראַ: אַן עכטער אַריער איז ער: אַ באָקסער!

המון: (מיט דרך־ארץ) אַ באָקסער!

אַמבאַסאַדאָרן: (צום אַריער) אייגנטלעך... וועלט־היסטאָריש גענומען... די ייִדישקעס זענען דאָך אונדז שטענדיק געווען סימפּאַטישער, איידער די ייִדן... שײַלאָק — טפֿוי, אָבער דזשעסיקאַ...

המון: פאַר וואָס זאָל נישט הנאה האָבן פון אַ שיינער ייִדישקע אַ גוטער אַרישער באָקסער?

דער אַריער: פון אַזאַ פראַגע איז איין טריט צו אַ צווייטער, אַ נאָך ערגערער! אײַך וועט נאָך אײַנפאַלן צו פרעגן פאַרקערט אויך! פאַר וואָס — וועט איר פרעגן — זאָל נישט הנאה האָבן פון אַ גוטן אַרישן באָקסער אַ שיינע ייִדישקע? דאָנערוועטער! זעט איר נישט, אַריער, וווהין דאָס פירט? (צו אַלעקסאַנדראַ) אַוועק פון אונדזערע באָקסערס! פאַר־

ווערט! אומדערלאָזבאַר! ראַסן־ריינקייט! (צו אַלע אַרום) געהערט? ראַסן־ריינקייט!

אַלעקסאַנדראַ: דזשאָן! נישט געקומען זיך געזעגענען אַפילו! דײַנע וווּנדער־ווײַסע ציין וועל איך קיין מאָל נישט פאַרגעסן! דזשאָן! דו ביסט דאָך מײַן גרעסטע ליבע! און דײַנע מעכטיקע אָרעמס — דײַנע מעכטיקע אַרישע אָרעמס — —

דער אַריער: דו, אין דײַן ייִדנלאַנד וועסטו יאָמערן! אויף דער שיף קריך! צו די איינשטיינס! צו די ראָטשילדס! איר ענטוועצלעכע סעמי־טישע היפּער־שיינקייטן, גענוג איך צו פאַרשווענכן די אומשולד פון אַרישע באָקסמײַסטערס! גענוג מיט ייִדישער איבערפּראָדוקציע! אײַערע איינשטיינס — איבער קלוג, אײַערע ראָטשילדס —איבער רײַך, אײַערע ווײַבער — איבער שיין! גענוג!

המון: גענוג!

אַלעקסאַנדראַ: (ווערט אַרויפגעפירט אויף דער שיף אונטער פײַפעריײַען און געלעכטערס).

דער אַריער: (מושטירט מיטן בליק די מחנות געפאַנגענע) באַרימט־הייטן, באַרימטהייטן, באַרימטהייטן! אוף! נעמט זיי אַלע! שלעפּט זיי! (מען פירט די מחנות אויף דער שיף אַרויף. מען ברענגט צו שלעפּן טשאַפּלינען).

טשאַפּלין: (מיט שטעקעלע און צילינדער) איך בין קיין ייִד נישט! ריינסטער גויים־יונג! לאָזט אָפּ!

קולות: אָפּלאָזן! אַן אַריער!

אַנדערע קולות: שלעפּט אים! אַ ייִד!

טשאַפּלין: איך האָב דאָקומענטן — —

דער אַריער: אויפן פײַער די דאָקומענטן! ביסט אַ ייִד.

טשאַפּלין: איך?

דער אַריער: דו!

טשאַפּלין: (צו אַלע אַרום) דזשענטלמען, פאַר וואָס זאָלט איר פעלשן מײַן מעטריקע?

דער אַריער: ראַסן־פאַרשערס האָבן אויסגעפאָרשט — מע ווייסט שוין.

טשאַפּלין: איך בין נישט געמלט.

דער אַריער: ראַסן־פאַרשערס האָבן אויסגעפאָרשט, אַז יאָ.

טשאַפּלין: איך ווייס נישט דערפון.

דער אַריער: וואָס קאָנסטו וויסן, צי דו ביסט געמלט אָדער נישט? די ראַסן־פאַרשערס וויסן.

טשאַפּלין: און ווער איז געווען מײַן פאָטער?

דער אַריער: אַ ראַבינער.

טשאַפּלין: און מײַן זיידע?

דער אַריער: אַ ראַבינער.

טשאַפּלין: און מײַן עלטער־זיידע?

דער אַריער: זעלבסטפאַרשטענדלעך: אַ ראַבינער.

טשאַפּלין: און ווי איז מײַן נאָמען?

דער אַריער: קאַפּלאַן.

טשאַפּלין: (פאַרלוירן) אָלרײַט. קאַפּלאַן. (שאָקלט מיטן קאָפּ) וועל, גיי איך צו מיסטער איינשטיינען. מיט וואָס איז עס ערגער פאַר אַ פילם? (צום אַריער) גוד־בײַ, הער קאָהן!

דער אַריער: (אין גרימצאָרן) שווײַן־קערל! הייס איך דען קאָהן?

טשאַפּלין: הייס איך דען קאַפּלאַן? (לאָזט זיך צו דער שיף).

(עס קומט אָן אַ געשטאַלט — אַ הויכע, אַ בערדיקע, אַ ווינטיקע).

דער אַריער: (פאַרשטעלט דעם וועג) וווהין?

די געשטאַלט: (שטופּט אָפּ זײַן האַנט, גייט ווײַטער) דער אייביקער ייִד.

דער אַריער: אייביקער וואַגאַבונד! אויס וואַגאַבונד און אויס אייביק! אין ייִדנלאַנד אַרײַן!

די געשטאַלט: איך בין אַ סוד. אַ סוד קאָן נישט ווערן אויס אייביק. (גייט פאַרבײַ, הייבט זיך צו דער שיף אַרויף. די שיף רירט).

דער אַריער: (הייבט דעם האַקנקרייץ) צום טײַוול, ישׂראל! צום קיין מאָל נישט ווידערזען!

בריטישער אַמבאַסאַדאָר: (טרעט אַרויס) עקסקיוז מי, סער! כּדי אויסצומײַדן מיספאַרשטענדענישן, מעלד איך אין נאָמען פון זײַן מאַיעס־טעטס רעגירונג—— (ס׳ווערט שטיל).

דער אַריער: וואָס גייסטו מעלדן?

בריטישער אַמבאַסאַדאָר: איך מעלד, אַז צוליב העכערע מלוכה־צוועקן האָט זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג פאַרהאַלטן בײַ זיך אַן איין איינציקן ייִד.

דער אַריער: דאָס פערדאַמטע ענגלאַנד! וואָטאַן, באַשטראָף ענגלאַנד!

בריטישער אַמבאַסאַדאָר: אַ געניאַלער כעמיקער. מיר מוזן אים האָבן. ווייצמאַן דער צווייטער.

דער אַריער: ווייצמאַן דער צווייטער! שוידערלעך! וועלטסקאַנ־דאַל! פאַרראַט פון דעם אַריער־פּרינציפּ! אומדערהערט! אַנגעמען מיטלען!

בריטישער אַמבאַסאַדאָר: אַן אַ ייִד איז זיך ענגלאַנד קיין מאָל נישט באַגאַנגען (אויפּרודערונג).

(פאָרהאַנג)

בילד 2

אויף דער שיף. די דעק.
סאָקאָלאָוו און וואַרבורג פאַרענדיקן אַ שאָכשפּיל.

סאָקאָלאָוו: שאַך — מאַט!

וואַרבורג: נו, פאַרפאַלן.

סאָקאָלאָוו: מאַט, מיסטער וואַרבורג, מאַט! פריִער בין איך אײַך נאָכגעלאָפן, אײַך מיט גוואַלד געשלעפּט אין דער ייִדישער אַגענץ, איצט זענט איר מאַט. (הייבט זיך אויף).

איינשטיין: (זיצט בײַם פאָרענטש פון דער שיף, קוקט צום הימל

דורך אַ טעלעסקאָפּ, שרײַבט אויף אַ שטיקל פּאַפּיר נײַע פאָרמולעס).

אייב קאַהאַן: (לויפט צעטראָגן) **איך מוז קייבלען קיין ניו־יאָרק! קייבלען צו מײַן צײַטונג! לעצטע ידיעות פון דער שיף!**

סאָקאָלאָוו: וואָס ניו־יאָרק? ווען ניו־יאָרק? אויס.

אייב קאַהאַן: וואָס האָט איר געזאָגט?

סאָקאָלאָוו: אויס.

אייב קאַהאַן: אויס? (קוקט זיך אום) **יאָ, טאָקע אויס, אויס.** (פאַר־צווייפלט) **וואָס טו איך אַן אַ פּייפּער? וואָס זאָל איך רעדאַגירן? די כוואַ־ליעס? און איז דער ים אַ לײַנאָטיפּ?** (גייען ביידע אויף און אָפּ איבער דער דעק).

ריינהאַרדט: (קומט צו זיך) **אַך, יאָ, איך דערמאָן מיך...** (ייִאוש־**מײַנע הערן, אויף די פּלעצער! אַכטונג! איך רעזשיסיר!** (לויפט צו צו איינשטיינען, כאַפּט אים אָן בײַם אַקסל, דרייט אים אויס צו זיך) **מיטן פּנים צו מיר! איך רעזשיסיר!**

איינשטיין: (פאַרבליפט) **אָבער, ליבער הער ריינהאַרדט, בין איך דען אַן אַקטיאָר!**

ריינהאַרדט: (קומט צו זיך) **אַך, יאָ, איך דערמאָן מיך...** (יאוש־דיק) **אָבער איך — פאַרשטייט, הער פּראָפעסאָר — איך בין אַ רעזשיסאָר! נישט אַבי ווער! ריינהאַרדט! און וווּ, ווען, וואָס זאָל איך רעזשיסירן? די וועלט, די גאַנצע וועלט איז געווען מײַן בינע! און מ'האָט זי מיר אַוועק־גענומען!**

איינשטיין: די וועלט! אומצייליק זענען די וועלטן, הער ריינ־האַרדט. טוט בעסער אַ קוק דורכן טעלעסקאָפּ.

ריינהאַרדט: וואָס ווען מיר העלפן טעלעסקאָפּן? (אָפּ).

איינשטיין: (נעמט זיך צוריק צום טעלעסקאָפּ און פאַרצייכנט ווײַטער זײַנע פאָרמולעס).

זשאַבאָטינסקי: (שטייט בײַם פאַרענטש און קאָמאַנדירט די כוואַ־ליעס) **מעכטיק דאָס געוויש דײַנס, ייִדישע אַרמיי! צום שטורעם, ייִדישע אַרמיי! אַטאַקיר! ערשטע כוואַליע — ערשטער גאַרניזאָן! צווייטע כוואַליע**

— צווייטער גאַרניזאָן! דריטע כוואַליע — דריטער גאַרניזאָן! צום געווער! קאַנאָנאַדע!

שלום אַש: ייִדן, איך האָב אָנגעשריבן אַ נײַ ווערק. מײַן נײַ ווערק וויל איך אײַך פאָרלייענען, ייִדן! (קיינער הערט נישט) כ׳האָב פון אײַך פאַר גויִים געשריבן. און זיי האָבן אויסגעהערט. פאַר וואָס הערט איר נישט? ייִדן, שטעלט זיך אָפּ אַ רגע — הערט אויס אַ מעשׂה. (שרײַט) הער, ישׂראל! (זײַן קול גייט פאַרלוירן אין ים־געוויש; בלײַבט ווײַן, די הענט פאַר־בראָכן) יעדער ייִד הערט נאָר זיך אַליין. זיך אַליין.

ראָטשילד: נו, גוט, האָט איר צוגענומען פון מיר די וועלט. האַלט זיך מיט איר! זי האָט אַזאַ פּנים, ווי אײַער האַקנקרייץ. אָבער די בערזע, די וועלטבערזע!

שלום בן־חורין: (אַ יונגער ייִד) טויט איז אַלץ; בלויז דו, ירושלים, לעבסט! ווי צום שויס פון אַ געליבטער וועט צופאַלן מײַן קאָפּ צו דײַנע שטיינער. אויפשטעלן וועל איך דיך, ירושלים!

צווייטער יונגער ייִד: מיט דיר בין איך, שלום בן־חורין! נישט זיי האָבן פאַרטריבן אונדז — נישט זייער האַנט! די האַנט פון אַלמעכטיקן ווײַזט דעם וועג אויף צוריק! צוריק, ישׂראל! עס וואַרט דײַן לאַנד אויף דיר.

אַ יונגע ייִדין: (הייבט די הענט) אַקער־ און ברויט־שײַער! טענץ אַרום שײַערן, טענץ ביז פאַר טאָג! אַרבעט אויף אַקערפעלדער, אַרבעט ביז נאַכט!

דער אייביקער ייִד: (גייט אויף שאָטנדיק) צי זיך, ים, צי זיך אויס ביז צו גאָט! ברענג מײַן שאָטן פאַר זײַן בלויקייט. איך וויל בלוי ווערן, ים! (גייט פאַרבײַ איבער קעפּ).

סטיפן ווײַז: דזשויש פּיפּל, וועלן מיר מאַכן אַ קאָנגרעס?

(מ׳הערט אים נישט).

דזשויש פּיפּל, וועלן מיר אָננעמען אַ רעזאָלוציע?

(מ׳הערט אים נישט).

דזשויש פּיפּל, מוזן מיר אָנהייבן אָרגאַניזירן די ייִדישע מלוכה?

(באַקומט פון ערגעץ אַ פאַרזיצער־גלאָק, קלינגט).

רוזק! איך הייב אָן די פאַרזאַמלונג!

(בייגט זיך אַריבער איבערן דעק, שרייַט צו די קוואַליעס, קלינגט אויף זיי מיטן גלאָק).

וואָס אַפּלאָדירט איר אַזוי? אַ סוף! הערט אַ מאָל אויף מיטן אַפּלאָדירן! מיר האָבן וויכטיקע פראַגעס אויף דער טאָג־אָרדענונג — —

(ים־געררויש).

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: (קומט אַרויס אויפן דעק אין איר שענסטן קלייד, ווערט אַרומגערינגלט).

ר יי נ ה אַ ר ד ט: ווי אַ ביבלישע קעניגין זעט איר אויס, אַלעקסאַנדראַ! איך אַנגאַזשיר אייַך — —

ש ל ו ם אַ ש: ווי גלזענדיק שוואַרץ דו ביסט! שוואַרצע זון!

ר יי נ ה אַ ר ד ט: איר טרעט אַרייַן אין מייַן טעאַטער, אַלעקסאַנדראַ?

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: האָט איר דען אַ טעאַטער?

ר יי נ ה אַ ר ד ט: (דערמאָנט זיך, גאַפט אַרום זיך) הם... ניין... בלויז ים, הימל, ייִדן און... איך ווייס גאָרנישט מער... נישטאָ קיין טעאַטער, אַלעקסאַנדראַ...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: אַך, האָליווּד... דזשאָן... דזשאָן מיט די ווונדער־ווייַסע ציין... נישטאָ מער ביידע...

ש ל ו ם אַ ש: שוואַרצע זון, איך וועל דיך באַשרייַבן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: איך דאַרף געליבט ווערן, נישט באַשריבן ווערן.

ש ל ו ם אַ ש: אויך ייִדן קאָנען ליב האָבן, אַלעקסאַנדראַ... (מיט חדר־ניגון) שיר — דאָס געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען, אשר לשלמה — וואָס צו שלמהן...

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: כאַ־כאַ... איך דאַרף אַ נ ד ע ר ע אָרעמס — ש ט אַ ל ע נ ע! (נעמט אַרויס דאָס בילד פון איר באַקסער, קוקט, באַקומט פייַכטע אויגן, מאַכט אַ פּאָר טריט; באַגלייטער — נאָך איר).

ט ש אַ פּ ל י ן: (קומט איר אַנטקעגן מיט אַ פילם־אַפּאַראַט) שטיי!

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: טשאַרלי טייַערער, ביידע אין איין נויט! אמת? קום, מירן רעדן וועגן האָליווּד.

ט ש אַ פּ ל י ן: האָליווּד? ווי קומען האָליוווּדער פילמען צו דעם וואָס

איך זע דאָ? (נעמט זיך צום אַפּאַראַט) **רויק! דאָס וועט זיין אַ וועלטפּילם!**

אַלעקסאַנדראַ: (מיט פאַראַכטונג) **קלאָון!** (אָפּ אין דער ריכטונג פון איינשטיינען).

טשאַפּלין: **כאַ־כאַ... וועסט ביי מיר שפּילן אַ הויפּטראָלע. אַרבעט פאַר מיר, אַלעקסאַנדראַ, אַרבעט!** (גייט איר נאָך).

אַלעקסאַנדראַ: (גייט פאַרביי איינשטיינען. איינשטיין קוקט זיך נישט אום. צו די באַגלייטערס) **דער פּראָפעסאָר קוקט קיין מאָל נישט אויף פרויען? זעט ער פרויען אויפן הימל?** (צו איינשטיינען) **קאָן מען אייך באַאומרויקן מיט אַ פראַגע?**

איינשטיין: (הייבט אויף אַ פּאָר קינדישע אויגן) **אינטערעסירט אייך די רעלאַטיוויטעט־טעאָריע?**

אַלעקסאַנדראַ: **אָ, אַבסאָלוט נישט. איך וויל נאָר פרעגן, צי ווערט אייך נישט אומהיימלעך אַ מאָל מיט אַזאַ גרויסן יידישן קאָפּ אויף די פּלייצעס?**

איינשטיין: **מיט אַ קאָפּ איז קיין מאָל נישט אומהיימלעך.**

אַלעקסאַנדראַ: **זעט איר, און מיר איז אַזוי אומעטיק. זינט זיי האָבן מיך פאַרטריבן פון האָליוווד — איז מיר אומעטיק. איך האָב נישט ליב דעם ים. איך האָב נישט ליב די שטערן. איך האָב נישט ליב די יידן. אויף וואָס זאָל איך קוקן? אויפן וואַסער? אויף אייך? מיר איז לאַנגווייליק.**

איינשטיין: (לייגט אָפּ דעם טעלעסקאָפּ, נעמט זיך צו דעם פידל, וואָס ליגט נעבן אים. פּרוּווט די סטרונעס).

אַלעקסאַנדראַ: (איראָניש) **גייט איר געבן קאָנצערט?**

איינשטיין: **דאָס וווּנדערט אייך? דאָס איז דאָך איינפאַך. איך בין לעצטנס אַן אַסטראָנאָם און דער טעלעסקאָפּ האָט מיר פאַרטרויט עטלעכע נייע קאָסמישע פאָרמולעס. איך האָב זיי דאָ אויפגעשריבן. און איצט, באַטיר־לעך, גיי איך זיי אויסשפּילן.**

אַלעקסאַנדראַ: **איר שפּילט אויס אויף אַ פידל פאָרמולעס?**

איינשטיין: **ווייסט איר נישט, אַז מוזיק, מאַטעמאַטיק און די באַוועגונגען פון הימלקערפּערס זענען פאַרבונדן?**

אַלעקסאַנדראַ: מײַן באָקסער האָט עס מיר קיין מאָל נישט געזאָגט.

טשאַפּלין: (שפּרינגט צו, פּילמירט) עפּעקטפּולע סצענע פּאַר מײַן וועלטפּילם! פּאַר מײַן טשאַפּליניאַדע! דער גרעסטער ייִדישער קאָפּ — דאָס שענסטע ייִדישע לײַב!

קולות: פון ווען אָן איז עס טשאַרלי אַ שדכן?

טשאַפּלין: ווײַזט אויס, זינט זיי האָבן מיך געצוווּנגען צו ווערן אַ ייִד. (פאַרטראַכט זיך) געצוווּנגען צו ווערן? ווער ווייס... אַזוי פיל קאַפּלאַנס דאָ אויף דער וועלט — בין איך אפשר אין דער אמתן אַ קאַפּלאַן? (צום אייביקן ייִד, וואָס ווײַזט זיך פון צײַט צו צײַט, גייט פאַר־בײַ, פאַרשווינדט און באַווײַזט זיך ווידער) העי, דו, מיסטער אייביקער ייִד?

אייביקער ייִד: וואָס ווילסטו, מײַן זון?

טשאַפּלין: מוזסטו דאָך וויסן: בין איך אַ קאַפּלאַן אָדער נישט?

אייביקער ייִד: איך ווייס אויך נישט. לאַנג שוין פאַרלוירן דעם חשבון פון די קאַפּלאַנס, מײַן זון. (גייט פאַרבײַ).

איינשטיין: (שפּילט).

טשאַפּלין: (לאָזט זיך טאַנצן צום טאַקט פון דער מוזיק; זינגט מיטן ניגון פון פאַלקסליד: צען ברידער זענען מיר געווען)

איין קאַפּלאַן בין איך מיר געווען
מיט צרות פאַרשידענערליי,
קומט צו גיין אַ צווייטער קאַפּלאַן —
איז געוואָרן צוויי.

אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
טשירי־בירי־באָם!
שפּיל זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן ים!

צוויי קאַפּלאַנס זענען מיר געווען,
געלעבט פון קײַ און שפּײַ.

סקאָצל קומט! שוין דאָ אַ דריטער —
איז געוואָרן דרײַ.
אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
אאַז"וו.

דרײַ קאַפּלאַנס זענען מיר געווען —
זאָל איינער כאָטש זײַן אַ גביר!
סקאָצל קומט! אַ פערטער קבצן —
איז געוואָרן פיר!
אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
אאַז"וו.

זענען מיר, הייסט עס, פיר קאַפּלאַנס געווען,
כאָטש שרײַ ביז מאָרגן און שימף!
נעמט און קומט אַ פינפטער קאַפּלאַן —
איז געוואָרן פינף.
אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
אאַז"וו.

פינף קאַפּלאַנס זענען מיר געווען,
געבענקט נאָך פריש געבעקס.
צוגעקומען נאָך אַ בענקער —
איז געוואָרן זעקס.
אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
אאַז"וו.

זעקס קאַפּלאַננס זענען מיר געווען,
האָבן מיר וועקסלען געשריבן.
צוגעקומען נאָך אַ שרײַבער —

איז געוואָרן זיבן.
אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
אאַז״ו.

זיבן קאַפּלאַנס זענען מיר געווען,
האָבן מיר חובות געמאַכט,
קומט צו גיין אַן אַכטער מאַכער —
איז געוואָרן אַכט.
אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
אאַז״ו.

אַכט קאַפּלאַנס זענען מיר געווען,
געטרונקען צרות ווי וויַין.
סקאָצל קומט! אַ נײַנטער טרינקער —
איז געוואָרן נײַן.
אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
אאַז״ו.

און איצט זענען דאָ אַזוי פיל קאַפּלאַנס,
אַז עס ווייס שוין נישט גאָט אַליין,
צי דער טשאַפּלין איז אַ קאַפּלאַן —
אָדער טאָקע ניין.

אוי, איינשטיין מיט דעם פידל,
טשירי, בירי, באָם!
שפּיל זשע מיר אַ לידל
אויפן מיטן ים!

(פאַרהאַנג)

אהרן צייטלין

בילד 3

קאַרנאַוואַל אין תּל־אָביב. נאַכט. ראַקעטעס. מאַסקעס.
יום־טובדיק געקליידטער העראָלד שטייט און טרומייטערט.

העראָלד: קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל! תּל־אָביבער קאַר־נאַוואַל איז אויסגערופן! פאַריקע נאַכט איז געווען די וואַלנאַכט און איצט קומט פאַר לכבוד דער וואַלנאַכט אַ קאַרנאַוואַל־נאַכט! גרויס איז די פרייד אין ישׂראל: מיר האָבן אויסגעוויילט דעם פּראָפעסאָר איינשטיין צום פּרע־זידענט און דערנאָך האָבן מיר אויסגעקליבן די שענסטע צווישן אונדז, אַלעקסאַנדראַ, און זי געמאַכט צו דער פרוי פונעם פּרעזידענט, כּדי דאָס ייִדישע לײַב און דער ייִדישער גײַסט זאָלן צוזאַמען בויען די ייִדישע מלוכה! קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל! און געשען איז דאָס — זאָל וויסן גרויס און קליין — לויטן אײַנפאַל פון טשאַרלי קאַפּלאַן אָדער טשאַפּ־לין, אַ באַרימטער מאַן פון האָליוווד, איצט אין תּל־אביב! קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל!

(מוזיק).

טשאַפּלין: מישט זיך אויס, מישט זיך אויס, מישט זיך אויס! זאָל זיך אויסמישן הימל און ערד! ווײַבערשע לאָקן און מענערשע בערד! חלום, חלום, חלום! זאָל תּל־אָביב ווערן האָליוווד הײַנטיקע נאַכט! איך וויל אַ פילם פון אַ פאָלק! (טאַנצט) —

איך דריי מיך אום, שלימזל,
ווי אַ חלום אויף אַ יאַריד —
איז דאָך טאַקע אַ קשיא:
מיט וואָס בין איך נישט קיין ייִד?

און אַ שטעקעלע האָב איך
און כ׳דריי דערמיט געניט...

איז דאָך טאַקע אַ קשיא:
מיט וואָס בין איך נישט קיין ייִד?

אַלעקסאַנדראַ: (קומט אָן).

(יובל פון המון. מוזיק. מאַסקעס־טאַנץ אַרום אַלעקסאַנדראַן).

קולות: ווו איז אַלבערט, פּרעזידענט פון ישׂראל?

אַלעקסאַנדראַ: (אויפגערעגט) אַלבערט! אײַער אַלבערט איז אַ מאָדנער מענטש! אײַער אַלבערט איז סקאַנדאַליעז! איך וועל זיך מיט אים גטן! אומבאַדינגט!

קולות: אַזוי שנעל?

טשאַפּלין: דזשי, מאַך מיר נישט קאַליע דעם פילם!

אַלעקסאַנדראַ: איך זאָג אים: קום צום קאַרנאַוואַל, ענטפערט ער, אַז ער דאַרף אויסרעכענען דעם ליכטוועג פון עפּעס אַ שטערן! ענטפער איך: איך בין אויך אַ שטערן! אַ סטאַר, אַ האָליוווּדער סטאַר! ווייסט איר, וואָס ער האָט זיך דערוועגט צו זאָגן? דער מענטש האָט זיך דערוועגט צו זאָגן, אַז יענער שטערן דאָרט איז אים אינטערעסאַנטער!

טשאַפּלין: (קוקט צום הימל) הויכגעערטער שטערן, פאַל אַראָפּ פון הימל און בעט איבער אַלעקסאַנדראַן! דערקלער איר, איך בעט דיך, אַז איינשטיין איז נישט גערעכט!

(דער שטערן פליט אַראָפּ פון הימל און פאַלט צו אַלעקסאַנדראַס פיס).

דער שטערן: קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל! איך פאַל, איך פאַל, איך פאַל! איך פאַל צו די פיס פון דער שיינער אַלעקסאַנדראַ! איך בייג פאַר דער שיינער אַלעקסאַנדראַ מײַן גאָלדענעם קאָפּ! איך בעט איבער די שיינע אַלעקסאַנדראַ!

אַלעקסאַנדראַ: (צופרידן) איר זענט זייער העפלעך, ליבער שטערן!

דער שטערן: זײַט מוחל איינשטיינען! מיר צו ליב — זײַט מוחל איינשטיינען!

אַלעקסאַנדראַ: איך בין מוחל, מײַן ליבער. (קאָקעטיש) זענען אַלע אין הימל אַזוי גאַלאַנט?

דער שטערן: אַלע, אַלע! אָבער אַנטשולדיקט! איצט מוז איך

צוריקפליִען! פון מײַן הימלשער לאָזשע וועל איך דעם קאַרנאַוואַל אָבסער־ווירן בעסער! אַ גוטע נאַכט, שיינע אַלעקסאַנדראַ! אַ גוטע נאַכט!

אַלעקסאַנדראַ: אַ גוטע נאַכט, מײַן ליבער!

אַלע: אַ גוטע נאַכט! (שטערן — אָפּ).

טשאַפּלין: (שטייט די גאַנצע צײַט און פּילמירט) די סצענע מיטן שטערן איז נישט שלעכט. מיר פעלט אָבער צו אַ מאַסן־סצענע מײַן פרײַנד אַלבערט, דער גוטמוטיקער — פּרעזידענט פון ישׂראלס רעפּובליק!

קולות: אָט גייט ער! ענדלעך!

איינשטיין: (קומט אָן אַ צעטראָגענער, זשעסטיקולירט) איך דער־קלער, אַז אויב איר ווילט מיך פאַר פּרעזידענט — וועט איר מיר מוזן אויפשטעלן אַן אָבסערוואַטאָריע.

קולות: מיר וועלן אויפשטעלן.

איינשטיין: איך קאָן נישט אַרבעטן. אויסגעשלאָסן. איר זענט אַ צו רוישיק פאָלק. איר זענט טומלערס. צוליב אײַער הײַנטיקן קאַר־נאַוואַל האָב איך נישט געקאָנט אַנטדעקן אַ געוויסן געזעץ, וואָס —

קולות: קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל! צו וואָס געזעצן? קאַר־נאַוואַל!

איינשטיין: (ווערט אַרײַנגעצויגן אין מאַסקעטאַנץ).

טשאַפּלין: (פּילמירט).

(איינציקווײַז קומען אָן פון דער נאַכט: ריינהאַרדט, ראָטשילד, סטיפן ווײַז, זשאַבאָטינסקי, סאָקאָלאָוו, וואַרבורג, אייב קאַהאַן, שלום אַש).

ראָטשילד: איך האָב פאַרבלאָנדזשעט אויף דער בערזע פון חלו־מות.

סטיפן ווײַז: ייִדיש פאָלק, וואָס טאַנצסטו? אָרגאַניזאַציע? רעזאָ־לוציע? באַקלערן, וואָס מיט אונדז טוט זיך — וויסן — באַשליסן —

ריינהאַרדט: שפּילט מען דאָ שעקספּירס חלום פון אַ זומערנאַכט?

זשאַבאָטינסקי: ייִדן, מיר מוזן האָבן אַן אַרמיי! איינס־צוויי, איינס־צוויי — אַן אַרמיי! דיסציפּלין! נישט אַזוי ווילד! דיסציפּלין!

סאָקאָלאָוו: ייִדן, וואָס פאָרט איר נישט קיין ציון?

וואַרבורג: איז דען דאָ נישט ציון, מיסטער סאָקאָלאָוו?

סאָקאָלאָוו: ניין, מיסטער וואַרבורג. נישט דאָס האָט מען געמיינט.

אייב קאַהאַן: גראַנדיעז! איך מוז קייבלען קיין ניו־יאָרק! גראַנ־דיעז! (קוקט זיך אום) אָבער ווו איז מײַן צײַטונג?

שלום אַש: אַ גוי! איך זוך אַ גוי! ווער וועט איבערזעצן מײַנע זאַכן!

(די באַרימטהייטן נעמען זיך אָן פֿאַר די הענט און טאַנצן. עס קומט אָן אַ נאַצי־מאַסקע, באַגלייט פֿון מוזיק).

נאַצי־פֿיגור: דאָנערוועטער נאָך איין מאָל!

אַלע: קאַרנאַוואַל, קאַרנאַוואַל!

נאַצי־פֿיגור: לאַכן פֿאַר יידן שטרענגסטנס פֿאַרבאָטן!

אַלע: לאַך, ישׂראל!

(געלעכטער).

נאַצי־פֿיגור: האָב איך נישט געזאָגט? לאַכן פֿאַרבאָטן! לאַכן פֿאַר נישט־אַריער שטרענגסטנס פֿאַררר־באָטן!

אַלע: לאַך העכער, ישׂראל!

(אַ גרעסער געלעכטער ווי פֿריער. נאַצי־פֿיגור, מיט אירע באַגלייטערס, אָפּ אונטער מוזיק אין דער נאַכט; ס'קומען אָן: דער אייביקער ייִד און שלום בן־חורין, דער יונגער ייִד).

שלום בן־חורין: וואָס טומלט דאָס פֿאָלק אַזוי, אייביקער?

אייביקער ייִד: הײַנט זענען זיי דאָ, מאָרגן טראָגן זיי ווידער דעם אומרו פֿון זייער אייביק בלוט דער וועלט אַנטקעגן. די וועלט זאָל נישט בלײַבן אָן זיי.

שלום בן־חורין: און דאָ? דאָ ווער וועט בלײַבן, אייביקער?

אייביקער ייִד: דו!

שלום בן־חורין: איך?

אייביקער ייִד: צום אויפשטאַנד רוף! און ווער עס גייט מיט דיר — דער איז אויסגעלייזט — דער בלײַבט!

שלום בן־חורין: ווער בין איך און וואָס? אַ שפּענדל אויפן ווינט — —

אייביקער ייִד: איך בין אייביק און זיך וועל דיר העלפן.

שלום בן־חורין: אָבער צו פיל געדענק איך! און שרעקלעך איז דאָס געדענקען מײַנס — —

אייביקער ייִד: וואָס זשע ווילסטו, בן־חורין?

שלום בן־חורין: פאַרגעסן! (פויזע) טאָר מען פאַרגעסן אַ מאַמעס קאָפּ, צעשניטן מיט דער שווערד פון ערלים? טאָר מען פאַרגעסן? מען טאָר נישט. אָבער איך וויל, אייביקער — איך וויל נישט וויסן מער. פון וועגן ירושלים באַגער איך צו פאַרגעסן אויך דאָס, וואָס מען טאָר נישט פאַר־געסן. (ציט אויס די הענט צו אים) בענטש מיך, אייביקער!

אייביקער ייִד: ווילסטו — ועסטו! פון איצט אָן וועל איך זיך הייליקן מיט פאַרגעסנקייט. און יונגע מענער און יונגע פרויען, וואָס ווילן פאַרגעסן, ווי דו, וועלן מיטגיין מיט דיר.

שלום בן־חורין: קאָן דאָס געשען? איז דאָס מעגלעך?

אייביקער ייִד: די וואָס געדענקען, וועלן זיך שלאָגן מיט אײַך. איר אָבער וועט פאַרגעסן — און אײַך וועט זיך ווײַזן דאָס וווּנדער.

(פאָרהאַנג)

בילד 4

אין ירושלים, דער רעזידענץ פון דער ייִדישער מדינה. נאַכט. איינשטיינס אַסטראָנאָמישע אָבסערוואַטאָריע.

איינשטיין: (בײַם טעלעסקאָפּ) אומענדלעכקייט... ווען זיי דאַרפט אונטן וויסן, וואָס אומענדלעכקייט איז... זיי וויסן נישט... וויסן נישט אַפילו, וואָס ענדלעכקייט איז... טענות האָבן זיי... טענות... טענות... (צייכנט עפּעס אויפן פּאַפּיר) וואַרט! וואַרט! ס'האָט עפּעס אַ בליץ געטאָן. וואָס איז עס געווען? אַ נײַ־אַנטדעקטער שטערן? אַ נײַ־אַנטדעקטער געדאַנק? (פויזע) פײַערלעכקייטן, קאַרנאַוואַלן, יום־טובים טאָג בײַ טאָג, נאַכט בײַ

נאַכט, און — טענות, טענות, טענות... טענות און יום־טובים... און וואָס וויל פון מיר זייער אַלעקסאַנדראַ?

(קולות און טריט; ס'קומען אַרײַן דרײַ ייִדן).

ע ר ש ט ע ר י י ִ ד: אַנטשולדיקט, הער פּרעזידענט. מיר זענען אײַך געקומען בעטן, איר זאָלט אונדז אָפּטרעטן די אָבסערוואַטאָריע.

א י י נ ש ט י י ן: אײַך? אָפּטרעטן?

ע ר ש ט ע ר י י ִ ד: וואָס וווּנדערט איר זיך? איר זענט דאָך פּראָפעסאָר איינשטיין, ניין?

א י י נ ש ט י י ן: איך מיין, אַז יאָ.

ע ר ש ט ע ר י י ִ ד: מיר מיינען אויך, אַז איר זענט עס. נאָר אויב אַזוי — קומט אונדז די אָבסערוואַטאָריע. וואָרעם מיר זענען דרײַ איינשטיינס. אָדער ריכטיקער: יעדער איינער פון אונדז איז אַ דריטל איינשטיין און זאַלבע דריט זענען מיר אַ גאַנצער איינשטיין.

צ ו ו י י ט ע ר א ו ן ד ר י ט ע ר י י ִ ד: זאַלבע דריט זענען מיר אַ גאַנצער איינשטיין.

ע ר ש ט ע ר י י ִ ד: אַ גאַנצער און אַ ב ע ס ע ר ע ר. מיר האָבן זאַלבע דריט אויסגעקלערט אַ נײַע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע. אַ נײַע און אַ בעסערע. קומט אונדז על־פּי יושר די אָבסערוואַטאָריע.

א י י נ ש ט י י ן: און די פּרעזידענטשאַפט?

ע ר ש ט ע ר י י ִ ד: אויך.

צ ו ו י י ט ע ר א ו ן ד ר י ט ע ר י י ִ ד: פֿאַרשטייט זיך. די פּרעזידענטשאַפט אויך. וואָס דען האָט איר געמיינט, מיר וועלן זיך אַוועקזעצן אומזיסט־אומנישט אויסקלערן אַ בעסערע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע?

א י י נ ש ט י י ן: נו, און אַלעקסאַנדראַ?

ע ר ש ט ע ר י י ִ ד: קומט אונדז אַוודאי און אַוודאי. ווי דען?

צ ו ו י י ט ע ר א ו ן ד ר י ט ע ר י י ִ ד: פֿאַרשטייט זיך. מיר וועלן זיך דאָך נישט אַוועקזעצן אומזיסט־אומנישט אויסקלערן אַ נײַע און איינציק ר י כ ט י ק ע רעלאַטיוויטעט־טעאָריע.

א י י נ ש ט י י ן: וואָס זשע ווילט איר?

די דרײַ: איר פֿאַרשטייט נאָך אַלץ נישט? אַבי מ׳זאָגט אויף אײַך, אַז איר זענט געניאַל.

איינשטיין: ניין, איך פֿאַרשטיי נישט.

ערשטער ייִד: וואָס פֿאַרשטייט איר דאָ נישט? מיר ווילן, ערשטנס, די אָבסערוואַטאָריע — —

צווייטער און דריטער ייִד: ניין! ערשטנס די אַלעקסאַנ־דראָ — —

ערשטער ייִד: יאָ, ערשטנס: די אַלעקסאַנדראָ. צווייטנס: די פּרעזידענטשאַפֿט, דריטנס — אָבער דאָס איז שוין ווייניקער וויכטיק — די אָבסערוואַטאָריע.

צווייטער און דריטער ייִד: יאָ, מכּוח דער אָבסערוואַטאָריע וועט מען דורכקומען.

ערשטער ייִד: דרײַ טעג און דרײַ נעכט גיבן מיר אײַך צײַט צו באַקלערן. וועט איר נישט נאָכקומען אונדזערע גערעכטע פֿאָדערונגען — וועלן מיר, נאַטירלעך, מאַכן אַ רעוואָלוציע.

צווייטער און דריטער ייִד: פֿאַרשטייט זיך.

ערשטער ייִד: אַלע הכנות צו דער רעוואָלוציע האָבן מיר שוין געמאַכט. ציטערט פֿאַר דעם גערעכטן פֿאָלקסצאָרן. אַנטשולדיקט, וואָס מיר האָבן אײַך אַ ביסל געשטערט.

צווייטער און דריטער ייִד: אַ גוטע נאַכט. ציטערט פֿאַרן פֿאָלקסצאָרן. אַנטשולדיקט. (אָפּ אַלע דרײַ).

איינשטיין: אַזוי טאָג בײַ טאָג, אַזוי נאַכט בײַ נאַכט... אָפּאָזיציע... רעוואָלוציע... גערעכטע פֿאָדערונגען... אָפּאָזיציע, גערעכטע פֿאָדערונגען, רעוואָלוציע... און דאָ זינגען חשבונות: אַנטפּלעק אונדז! ווי מלאָכים זינגען זיי... וועלטן בעטן זיך: קוק אונדז אָן! אַנטדעק! (לאָזט זיך לויפֿן הין און צוריק. הערט זיך אײַן) קולות... טריט... שוין ווידער!

(עס קומען אַרײַן די באַרימטע ייִדן).

סטיפֿן ווײַז: ווייסט איר, וואָס אונטן קומט פֿאָר, הער פּרעזידענט? די ייִדישע מלוכה הענגט אויף אַ האָר... וואָס איז דער דינסטער שטערנשטויב

אַנטקעגן דעם ייִדן־שטויב? מען מוז אָרגאַניזירן דעם ייִדן־שטויב, הער פּרעזידענט. אָרגאַניזירן דעם כאַאָס. רופט צונויף דעם פּאַרלאַמענט. די לאַגע ווערט ערגער פון מינוט צו מינוט. באַלד וועלן אַלע ייִדן ווערן פּרעזידענטן. קיינער קאָן קיינעם נישט באַפעלן. אַלץ אויסגעמישט.

אייב קאַהאַן: נעמט מיך, הער פּרעזידענט. איך וויל אַרויסגעבן אַ פּייפּער אין ישראל־לאַנד. אַ גרויסע צײַטונג, אַ „פֿאָרווערטס". אָבער פֿאַר וועמען?

איינשטיין: וואָס הייסט פֿאַר וועמען? פֿאַר ייִדן.

אייב קאַהאַן: (צעפּירט מיט די הענט) אַלע ייִדן זענען געוואָרן רעדאַקטאָרן.

איינשטיין: (לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ) און איינשטיינס.

אייב קאַהאַן: יעדער ייִד האָט זײַן אייגענע צײַטונג און איז אין אָפּאָזיציע צום צווייטן ייִד.

ריינהאַרדט: און איך, הער פּרעזידענט, האָב געוואָלט — וואָס זאָל איך דען וועלן? טעאַטער שפּילן! טעאַטער! האָט אָבער יעדער ייִד אָנגעשריבן אַ פּיעסע! פֿאַטאַל! און קיין ייִד וויל נישט דערלאָזן, מ׳זאָל שפּילן די פּיעסע פון זײַן קאָנקורענט.

זשאַבאָטינסקי: אַן אַרמיי געוואָלט שאַפן! אַ ייִדישע אַרמיי! איז אָבער יעדער ייִד — אַן אַרמיי! און די אַרמייען, די ייִדן מיין איך, שלאָגן זיך!

שלום אַש: און גיי שרײַב, אַז אַלץ, וואָס קומט דאָ פֿאָר, איז אומ־באַשרײַבלעך! אומבאַשרײַבלעך!

ראָטשילד: וווהין זאָל איך אַהינטאָן מײַנע קאַפּיטאַלן? אַז אַלע קומען נאָך אַ גמילת־חסדל. דערמיט הייבט זיך אָן, דערמיט לאָזט זיך אויס. אַז קיינער פון זיי דאַרף קיין קאַפּיטאַל נישט. אַ גמילת־חסדל, פּאַניע ראָטשילד, אַ גמילת־חסדל...

סאָקאָלאָוו: און ווו איז ציון? ווו? אײַער פּרוי, הער פּרעזידענט, שרײַט: ציון איז אין האָליוווד! אַ ייִד פון נאָרדפּאָל טענהט, אַז ציון איז אויפן נאָרדפּאָל, און אַ ייִד פון דרום־פּאָל ווײנט, אַז ציון איז אויפן דרום־פּאָל! ווו איז ציון, הער פּרעזידענט?

וואַרבורג: גלייבט מיר: ציון איז אין ניו־יאָרק, מיסטער סאָקאָלאָוו.

סאָקאָלאָוו: בײַ די טײַכן פון בבל זענען זיי געזעסן און האָבן געוויינט, זיך דערמאָנענדיק אָן ציון. בײַ די טײַכן פון ציון זיצן זיי און וויינען, זיך דערמאָנענדיק אָן בבל. אַלע ווילן זיי צוריק — —

אייביקער ייִד: (טראָגט זיך פאַרבײַ; מיט פּליסטער־קול) נישט אַלע. (אָפּ).

איינשטיין: און אַלע זענען זיי אין אָפּאָזיציע. איר ווייסט? אָפּט באַפאַלט מיך אַ מורא, אַז אויך די שטערן — איר פאַרשטייט — —

אַלע: אַז וואָס?

איינשטיין: נו, דאָס איז אַ נאַרישער געדאַנק, פאַרשטייט זיך... נאָר עס פאַלט מיר אײַן, זעט איר, דער אומזיניקער געדאַנק, אַז אויך די שטערן קאָנען נאָך אַריבער אין דער אָפּאָזיציע — און דעמאָלט בין איך אַ פאַרפאַלענער.

אַלע: אָבער — —

איינשטיין: יאָ, יאָ, דעמאָלט בין איך אַ פאַרפאַלענער.

אַלע: (טרייסטן אים) נו, אַזוי שלעכט איז נאָך נישט. מיר וועלן קעמפן. רופט צונויף דעם פּאַרלאַמענט.

איינשטיין: (רעזיגנירט) דאָס וועל איך.

אַלע: אַ גוטע שטערנדיקע נאַכט אײַך, הער פּרעזידענט. (אָפּ).

איינשטיין: (נאָך אַ שטילשווײַגן) טו איך אפשר דעם פאַרלאַנג פון די דרײַ ייִדן? אָ, ווען זיי נעמען פון מיר ווירקלעך צו אַלעקסאַנדראַן מיט דער פּרעזידענטשאַפט! די אָבסערוואַטאָריע? הם... אָבער וואָס אָנבאַ־לאַנגט דעם לעצטן פונקט... ווּעט מען דורכקומען — האָבן זיי געזאָגט... (פאַרטראַכט זיך).

(ס'רײַסט זיך אַרײַן אַלעקסאַנדראַ).

איינשטיין: (צעטראָגן) אָ... דאָס ביסטו...

אַלעקסאַנדראַ: ווייסטו, אַז איך האָב דיך פײַנט?

איינשטיין: וואָס ווילסטו?

אַלעקסאַנדראַ: וואָס איך וויל? דײַן טעלעסקאָפּ צעברעכן! די

שטערן בײַ דיר אַוועקנעמען, גענײאַלער ייִדישער קאָפּ! גענוג! מען דאַרף עס נישט! גיי אַרונטער!

א י י נ ש ט י י ן: לײַטער זיך, ייִדיש בלוט! הייב זיך אַרויף צו! (ווײַזט איר אויפֿן הימל) קוק, **אַלעקסאַנדראַ!**

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: וואָס העלפט עס? די וועלט גיב צוריק! מ'האָט בײַ מיר, מ'האָט בײַ זיי אַלע די וועלט אַוועקגעריבט! אונדז פֿאַרשלאָסן! און מיר ליגן אין איין זאַק, צונויפגעוואָרפֿן, צונויפגעמישט, צונויפגעקנוי־דערט — און קריגן זיך! ביסט דאָך גענײאַל, זאָגן זיי. טאָ גיי אַרונטער און גיב די וועלט אונדז! זאָל דײַן גענײאַליטעט אונדז אויסקעמפֿן דעם צוריקקער! מיר זאָלן דאָ נישט בלײַבן, הערסטו? נישט בלײַבן דאָ!

א י י נ ש ט י י ן: די וועלט? ווו איז דען נ י ש ט די וועלט, אַלעקסאַנ־דראַ? צווישן שטויב און וועלט איז קיין גרענעץ נישטאָ. אַזוי פֿיל וועלטן פֿאַראַן — און דו שרײַסט: די וועלט! ו ע ל כ ע?

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: איך ווייס נישט... איך — איך וויל האָליווּד צוריק! און דעם ייִד פֿון יאָהאַנעסבורג — גיב יאָהאַנעסבורג צוריק! וואָס קוקסטו מיך אָן? **די וועלט, זאָג איך! ד ר ו י ס ן! דאָרט ד ר ו י ס ן!**

א י י נ ש ט י י ן: נישטאָ קיין דרויסן, אַלעקסאַנדראַ.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: גיי אַרונטער!

א י י נ ש ט י י ן: נישטאָ קיין אונטן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: איך באַדויער דיך, ייִדישער קאָפּ.

א י י נ ש ט י י ן: איך באַדויער דיך, ייִדיש בלוט.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: (צאָרנדיק) **וואָרט! איך — איך וועל איבערנעמען די מאַכט! וועל אָרגאַניזירן די צוריקקער־פּאַרטיי, די ייִדן־עקספּאָרט־פּאַרטיי! אָ, זיך ווידער פֿונאַנדערשפּרייטן, פֿונאַנדערזייען, פֿונאַנדערגיין! וואָס טוען מיר דאָ? מיר האָבן גאָרנישט צו זוכן אײנער בײַם צווייטן. מיר געהערן דער וועלט** (אָפּ).

א י י נ ש ט י י ן: און דו, נאַכט, מוזסט אויסהערן דאָס אַלץ. וועלט! דרויסן! און שטויב איז באַליידיקט. שטויב זאָגט: מע האָט מײַנע וועלטן באַליידיקט (נעמט אַראָפּ דעם פּידל, שפּילט).

ט ש אַ פּ ל י ן: (וואַקסט אויס פֿון ערגעץ, כאַפּט אַראָפּ דעם צילינדער

און נייגט זיך) אויסגעצייכנט. איצט דאַרף טאַקע קומען אַ ביסל מוזיק. קאָנצערט, הער פּראָפעסאָר! קאָנצערט! איר ווייסט? איך פילמיר דאָ אין באַהעלטעניש די גאַנצע צײַט. די סצענעס זענען ווונדערפול. ווער דאָס זײַן אַ פילם! טשאַפּליניאַדע איבער טשאַפּליניאַדעס!

(פֿאָרהאַנג)

בילד 5

ירושלים. יידישער פּאַרלאַמענט.

פּרעזידענט איינשטיין: (האַלט אַ פּאָליטישע רעדע) הערן דעפּוטאַטן. די אויסערלעכע פּאָליטישע לאַגע... הם... קיין אויסערלעכע פּאָליטישע לאַגע האָבן מיר איבער הויפּט נישט. ווי איר ווייסט, זענען מיר אַבסאָלוט איזאָלירט. אַן אינערלעכע פּאָליטישע לאַגע פֿאַרמאָגן מיר ליידער יאָ. אומגעהײַער שווער צו דערגיין, וואָס פֿאַר אַ לאַגע דאָס איז. בפרט, אַז די טראַנסלאַטיווע באַוועגונגען פֿון די יידישע מוחות זענען אַזוי סיסטעמלאָז, אַז זיי לאָזן זיך נישט קאָאָרדינירן אין קיין שום קאָאָרדינאַטן. הם... מיר זיצן דאָ, אין יידישן פּאַרלאַמענט, און זוכן מיטלען. מיר ווילן פֿאָרמולירן געזעצן. אָבער אין דעם זעלבן מאָמענט, הינטער די פֿענצטער פֿון פּאַרלאַמענט, קומען פֿאָר שלאַכטן. עס קעמפֿט די צוריקקער־פּאַרטיי, די וועלט־עקספּאָרט־פּאַרטיי, מיט דער ירושלים־פּאַרטיי. מײַן אַזוי גערופֿענע פֿרוי אַלעקסאַנדראַ שטייט, ווי איר ווייסט, אין דער שפּיץ פֿון דער צוריק־קער־פּאַרטיי און שלאָגט זיך מיט דעם יונגן היציקן אָנפֿירער פֿון דער ירושלים־פּאַרטיי — שלום בן־חורין. די שויבן פֿון פּאַרלאַמענט פּלאַצן, די ווענט שאָקלען זיך, די סטעליע איבער אונדזערע קעפּ ציטערט. שלאַכט־געשרייען טראָגן זיך אַהער דורך די פֿענצטער. מײַן אַזוי גערופֿענע פֿרוי קעמפֿט ווי אַן אַמאַזאָנע. איך וועל נישט לייקענען איר שיינקייט, וועל איר

אויך נישט אָפּזאָגן אין מוטיקייט, איך געפֿין נאָר איין, אַז איר פֿעלט, פּונקט ווי איך אַלע, יענע טיפֿע רו, וואָס קומט פֿון אַ העכערן קאָסמישן וועלטבילד.

צווישנרוף: נאַרישקייטן! רעדט צו דער זאַך!

פּרעזידענט איינשטיין: אַ דאַנק פֿאַר דער באַמערקונג. איך וועל פּרוּוון רעדן צו דער זאַך. נעמענדיק אין אַכט דעם עקוויוואַלענץ־פּרינציפּ און אויפֿפֿרישנדיק אין זכּרון דעם פֿאַקט, אַז יעדער עלעקטרישער קערפּער ווערט בעתן באַוועגן זיך קלענער, אַזוי אַז פֿון אַ קרײַז באַקומט זיך אַן עליפּסאָיִד — —

צווישנרוף: וואָס ווייסט איר צו זאָגן וועגן עלעקטרישע קערפּערס? איר זענט דען אַ געלערנטער?

אַנדערע צווישנרופֿן: עם־האָרץ! פּלאַגיאַטאָר! בטלן!

פּרעזידענט איינשטיין: אַנטשולדיקט. איר האָט דאָך מיך געהייסן רעדן צו דער זאַך; האָב איך געמיינט — —

קולות פֿון דעפּוטאַטן: אַ פּרעזידענט זענט איר? אַזוי קעמפֿט איר פֿאַר דער נאַציאָנאַלער באַפֿרײַונג פֿון ייִדישן פֿאָלק, פֿאַר אונדזער אויסלייזונג פֿון דעם ארץ־ישׂראל־גלות! ווו איז אײַער עמיגראַציע־פּראָגראַם? ווען, רעכנט איר, וועלן מיר קאָנען עמיגרירן פֿון דאַנען?

אַנדערע קולות: איר ווילט עמיגרירן? גייט אײַך צו אַל די אַדאַלפּס! מיר בלײַבן! איינצלנע, שטאַרקע, גרונטפֿעסטיקט ירושלים! קום, מלכות־ישׂראל! גיי אויף, דודס שטול! זאָל קעניגן שלום בן־חורין!

קעגן־קולות: אין תּפֿיסה, פֿאַררעטער! אין תּפֿיסה! אַלעקסאַנדראַ וועט אײַך אין קייטן וואַרפֿן! קעפּן זאָל מען אײַך!

די מערהייט: (שטייט אויף דעמאָנסטראַטיוו און זינגט מיטן ניגון פֿון „התּקווה“)

נאָך איז די האָפֿענונג נישט פֿאַרלוירן,
אונדזער האָפֿענונג די נאַציאָנאַלע,
אַז אין די לענדער פֿון ליבן גלות
וועלן מיר אומקערן זיך אַלע.

(דער טומל שטאַרקט זיך).

געשרייען און קעגן־געשרייען:

— **אם אשכּחך ירושלים — תּשכּח ימיני!**

— **אם אשכּחך, סאַנטיאַגאָ־דע־טשילי — תּשכּח ימיני!**

— **אם אשכּח, האָנאָלולו — תּשכּח ימיני!**

— **פאַררעטערס!**

— **אַסימילאַטאָרן!**

— **שאָוויניסטן!**

— **דרויסן ברענט דער קריג — און מיר וועלן דאָ זיצן?**

— **צום קאַמף!**

— **זאָל לעבן די וועלט־עקספּאָרט־פּאַרטיי!**

— **קומט העלפן דער נאַציאָנאַלער העלדין אַלעקסאַנדראַ!**

— **מיט אונדז, די ווינציקע, איז גאָט און שלום בן־חורין!**

(אַלע לויפן צום אַרויסגאַנג. מהומה. דער פּאַרלאַמענט־זאַל בלײַבט ליידיק).

איינשטיין: (שטייט איינער אַליין, קוקט פאַר זיך אַ לענגערע ווײַלע און רעדט קוים אַרויס) **די נאַציאָנאַלע העלדין אַלעקסאַנדראַ...**

(**ווענט און סופיט טרייסלען זיך, אַ קויל פליט אַרײַן דורך אַ פענצטער, לעכערט דורך אַ וואַנט. קריגסגעשרייען דרויסן**).

איינשטיין: די נאַציאָנאַלע... די נאַציאָנאַלע העלדין אַלעקסאַנ־דראַ...

(**אַ יובלענדיקער המון רײַסט זיך אַרײַן אין די טירן פון פּאַרלאַמענט. פּאַרויס — אַלעקסאַנדראַ, אַ שווערד אין האַנט. שרײַט אָפּגעהאַקטע ווערטער, וואָס ווערן אויפגעכאַפּט מיט שאַלנדיקן נצחון־געשריי. די מענטשן־כוואַליע רוקט זיך אַלץ נענטער צו דער טריבונע און צו איינשטיינען**).

איינשטיין: וואָס שרײַסטו אַזוי, נאַציאָנאַלע העלדין!

אַלעקסאַנדראַ: (מיט דער שווערד פאַר זײַן פּנים) **נצחון! שלום בן־חורין און די זײַניקע — געפאַנגען! נצחון! און דו... ביסט נאָך אַלץ נישט מיט אונדז? וואָס שווײַגסטו?**

א י י נ ש ט י י ן: **איך בין מיט קיינעם נישט.**

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: (קוקט אויף אים מיט שׂינאה און פאַרדאַכט) **מיט קיינעם נישט?**

ק ו ל ו ת: **פאַררעטער!**

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: (באַפעלט) **אַרעסטירן אים!** (איינשטיין ווערט אַרומגערינגלט).

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: (הייבט די שווערד איבער אַלעמענס קעפּ) **פאַר באַפרײַונג! פאַר דערלייזונג! אויפרײַסן די טירן פון דער וועלט, אַרײַנשטראָמען אין אַלע ווינקעלעך, פלייצן, פאַרפלייצן, זיך פונאַנדערגיין! אומעטום זײַן! אומעטום! נישט קיין לאַנד — מיר דאַרפן לענדער! אומרו! שטורעם! אומרו!**

אַ ל ע: (התלהבותדיק געזאַנג)

נאָך איז די האָפענונג נישט פאַרלוירן,
אונדזער האָפענונג די נאַציאָנאַלע,
אַז אין די לענדער פון ליבן גלות
וועלן מיר אומקערן זיך אַלע.

(פ אַ ר ה אַ נ ג)

בילד 6

לבנה־נאַכט. איינשטיין שפּילט אַרויף צו די פענצטער פון אַלעקסאַנדראַס פּאַלאַץ. ער ווערט געהיט פון אַ פּרויענוואַך. דאָס זענען פרויען פון אַלעקסאַנדראַס הויף־גוואַרדיע, אַנגעטאָן אין מונדירן.

א י י נ ש ט י י ן: (שפּילט און זינגט צו)

פירשטין מײַנע שטאָלצע,
פאַרבאָרגן און פאַרהוילן!

צוויי נעכט אין וואָך דערפיל איך
מײַן חוב — און פידל שפיל איך,
ווי דו האָסט באַפוילן.

הערשערין דו גרויסע,
פאַרנעם מײַן סערענאַדע!
לויב צו דיר און ערע!
אויף מײַנע זינד די שווערע
בין איך זיך מתוודה.

אַקעגן דײַנע אויגן
וואָס זענען שטערן? שערבלעך!
דײַן בליק איז פול מתיקות,
דײַן קול — איז נישט מוזיק עס?
דײַן יעדער ריר — אומשטערבלעך!

נעם אָן זשע מײַן חרטה,
און זאָל דיר זײַן לרצון
מײַן שפּילן, אַלעקסאַנדרע,
דו פלאַם, דו סאַלאַמאַנדרע!
אָמן, כּן יהי רצון...

אַ פרוי פון דער וואַך: אַרעסטאַנט, איר האַלט דעם קאָפּ נישט געגנוג הויך פאַרריסן.

אַ צווייטע פרוי פון דער וואַך: מער טעמפּעראַמענט, הער עקס־פּרעזידענט! מער פאַרליבטקייט! מ׳קאָן נישט אַזוי!

אַ דריטע פרוי: מער פײַער אין די בליקן! אַזוי שפּילט מען נישט קיין סערענאַדע!

איינשטיין: (פאַררײַסט דעם קאָפּ העכער) איצט איז גוט?

ערשטע פרוי פון דער וואַך: טויג נישט! פלומפּ! אַזוי פאַרכּיסט מען נישט קיין קאָפּ בעתן שפּילן אַ סערענאַדע!

צווייטע פרוי פון דער וואַך: איך וואָלט מיך נישט גע־ריכט, איר זאָלט זײַן אַזאַ אַנאַלפאַבעט אין ליבע. פאַר וואָס זיפצט איר נישט? איר מוזט אַרויפזיפצן! (איינשטיין זיפצט) שלעכט! אַזוי זיפצט מען נישט.

דריטע פרוי: איר האָט זייער אַ טעמפּן קאָפּ.

ערשטע פרוי: חזרט איבער די סערענאַדע!

איינשטיין: (שפּילט אַ צווייט מאָל, ווישט זיך דעם שווייס פון פּנים).

טשאַפּלין: (קומט אָן פון שטאָט) העלאָ, פּראָפעסאָר! גוד איווענינג! מע גיט קאָנצערט?

איינשטיין: גוד איווענינג, מיסטער טשאַפּלין.

טשאַפּלין: וואָס פאַר אַ סצענע! אין גאַנצן אין מײַן געשמאַק! טשאַפּלינאַדע פון קאָפּ ביז די קנעכל! (פילמירט) ווי פילט איר זיך?

איינשטיין: אַ דאַנק. אויסגעצייכנט. זינט יענע דאָרט (ווײַזט צו די פענצטער) האָט מיך געלאָזט אַרעסטירן און איך בין געוואָרן אויס פּרעזידענט פון ישׂראל — האָב איך רו; ס'איז מיר געלונגען צוריקצושטעלן די קאָאָרדינאַטן־סיסטעם פון מײַנע גײַסטיקע כּוחות. שטעלט אײַך פאָר מײַן אומגעריכט גליק: זינט איך בין געוואָרן אויס פּרעזידענט, זיץ איך אַרעס־טירט אין מײַן אָבסערוואַטאָריע. נו, יאָ, מען שלעפּט מיך אַהער צוויי מאָל אַ וואָך אויסצושפּילן לכּבוד דער נײַער הערשערין אַ סערענאַדע, ספּעציעל פאַרפּאַסט דורך עפּעס אַ הויף־גראַפאָמאַן. געוויס, דאָס איז אַ ביסל פּריקרע, אָבער עס לוינט זיך! וואָס האָט עס, מיסטער טשאַפּלין, פאַר אַ ווערט קעגן דער רויִקייט, וואָס איך האָב מיך צו איר דערשלאָגן? איך בין דאָך געווען דער אומגליקלעכסטער מענטש אין ישׂראל. מײַן קאָפּ, מײַן קאָפּ, מײַן קאָפּ! איך האָב אים שיִער נישט פאַרלוירן. אַזאַ טומל, אַזאַ טומל! אָ, די אָפּאָזי־ציעס מיט די רעזאָלוציעס מיט די רעוואָלוציעס מיט די טענות מיט די

געדעכטע פֿאָדערונגען! ווי שווער דאָס איז געווען צו זײַן פּרעזידענט פֿון ישׂראל! אַ סך לײַכטער איז צו זײַן אַן איינשטיין, מיסטער טשאַפּלין, איידער צו זײַן פּרעזידענט פֿון ישׂראל! דאָך איצט... אָ, איצט... גוט איז מיר, פֿרײַנד! איך בין אַרעסטירט! ענדלעך אַרעסטירט! קיינער קאָן צו מיר נישט צוקומען! קיינער קאָן מיר נישט שטערן! געבענטשט זאָל זי זײַן, די אַלעקסאַנדראַ. זי האָט מײַן אָבסערוואַטאָריע אַרומגעשטעלט מיט אַזאַ שטרענגער וואַך! איך וועל נישט פֿאַרגעסן דעם חסד, וואָס זי האָט געטאָן מיט מיר.

טשאַפּלין: פֿרייט מיך זייער אײַער דערפֿאָלג, ליבער פֿרײַנד. ענדלעך האָט איר זיך דערוואָרט אויף אַ ביסל רו בײַ אײַער פֿאָלק. נישט געזאָרגט! אַלץ גייט צום גוטן! און אויך דער דאָזיקער פֿילם, ווי אַלע פֿילמען, וועט האָבן זײַן העפּי ענד. (קלאַפּט אים גוטברודעריש אויף דער פּלייצע).

אַלעקסאַנדראַ: (שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פֿון אַ פֿענצטער אין פּאַלאַץ) **העלאָ, טשאַרלי!**

טשאַרלי: העלאָ, אַלעקסאַנדראַ!

אַלעקסאַנדראַ: פֿילמירסט? (צו דער וואַך, ווײַזנדיק אויף איינשטיינען) **האָט ער אָפּגעטאָן ס'זײַניקע?**

ערשטע פּרוי פֿון דער וואַך: אָפּגעשפּילט האָט ער, אָבער וואָס פֿאַר אַ שפּילן איז דאָס?

צווייטע און דריטע פּרוי פֿון דער וואַך: דער אַרעסטאַנט האָט אַזוי ווייניק געפֿיל פֿאַר פֿײַנערע זאַכן! דער אַרעסטאַנט איז אַזוי טעמפּ!

אַלעקסאַנדראַ: איך ווייס. (שפּאַטיש, ווײַזנדיק אויפֿן נאַכטהימל) **און איצט — פֿירט אים צוריק צו זײַנע שטערן!**

(פֿאָרהאַנג) •

בילד 7

אַ גרויסער האַל. ביי אַ געדעמפּט ליכט זיצן געשטאַלטן אין טיפע פאַטעלן, פוס פאַרלייגט אויף פוס, און וואַרטן. פאַנטאַסטישע פיגורן אויף די ווענט. אַ שטימונג ווי אין אַ האַשיש־הייל. דער אייביקער ייִד שוועבט אַרום אויף שפּיץ פינגער, לייגט אַרויף אויף די פנימער עפּעס ענלעכס צו כלאָראָפאָרם־מאַסקעס און שמייכלט סודותדיק.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ : (קומט אַריין אין דער באַגלייטונג פון הויפּדאַמעס, רופט פּייערלעך אין זאַל אַריין) **דאָס חלום־הויז איז געעפנט.**

(מוזיק).

(צום אייביקן ייִד) **מיניסטער פאַר חלומות! ווילסט באַקומען דעם אָרדער פון אַלעקסאַנדראַ דער גרויסער? מוזסטו צושטעלן איטלעכן פון אונדז זיין באַגער. האָסטו ווילע חלומות צוגעגרייט?**

א י י ב י ק ע ר י י ד : צוגעגרייט, האַרינטע.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ : איך האָב דיך באַשטימט פאַר חלומות־מיניסטער, וויל דו אַליין ביסט אַ חלום. טאָ וויַיז, וואָס דו קענסט! גיב יעדן איינעם פון אונדז, וואָס ער דאַרף!

א י י ב י ק ע ר י י ד : כ'וועל געבן, האַרינטע.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ : מיר זענען די נישט־אייביקע ייִדן און מיר האָבן קיין געדולד נישט צו וואַרטן.

א י י ב י ק ע ר י י ד : איך ווייס. איר זענט די אומאייביקע ייִדן.

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ : איך האָב געגלייבט, אַז די באַפרייונג איז נאָענט. זי פאַרציט זיך, אייביקער ייִד. די וועלט לאָזט נישט צו צו זיך, אייביקער ייִד. האָב איך, אַלעקסאַנדראַ, פון מיטלייד צו זיך און צו מיין פאָלק, אויפגעשטעלט אָט דאָס חלום־הויז פאַר מיר און פאַר מיין פאָלק ווען, אַז כאָטש אין חלום, ווי אין האַשיש, זאָלן מיר אונדזער פאַרלאַנג באַקומען.

א ו י ס ר ו פ ן : (שטילע און פאַרחלומטע) **זאָל לעבן די ד ע ר ל י י ־ ז ע ר י ן אַלעקסאַנדראַ.**

(ווייטע, געדעמפטע מוזיק).

אַלעקסאַנדראַ: (זעצט זיך; אַרום איר — אין אַ האַלבראַד — די דאַמען פון דער סוויטע) מיניסטער פאַר חלומות, הייב אָן!

אייביקער ייִד: (פאַכעט מיט די הענט) ש־ש־ש...

(טיפע שטילקייט. אַלץ חלומט. אייביקער ייִד שוועבט פון איין טרוימענדיקן צום צווייטן, פאַרהאַלט זיך פאַר דער אָדער יענער געשטאַלט, הערט זיך צו, זאָגט אַ פאַר ווערטער און שוועבט ווײַטער. בלײַבט שטיין פאַר אַן אָפּגעריסן ייִדל, וואָס זיצט אַ פאַרכישופטער, די אויגן פאַרגלייזט אַרויף צו. פאַטערלעך).

אייביקער ייִד: וואָס חלומסטו, חיים־יאַנקל מײַן זון?

חיים־יאַנקל: סאַדע־וואַסער! איך בין אין מײַן געוועלבל פון סאַדע־וואַסער! איך בין צוריק אויף גענשע! סאַדע־וואַסער, סאַדע־וואַסער...

אייביקער ייִד: און דערמיט איז געשטילט דײַן טיפסטע בענקשאַפט, חיים־יאַנקל מײַן זון? מער דאַרפסטו נישט, חיים־יאַנקל מײַן זון?

חיים־יאַנקל: מער גאָרנישט... גאָרנישט... אַ, סאַדע־וואַסער!

אייביקער ייִד: (פאַרהאַלט זיך בײַ אַ צווייטן) וואָס טוסטו חלומען, ירוחמזאָן מײַן זון?

ירוחמזאָן: ברוך־השם! איך בין גליקלעך! איך בין אין מײַן קרעמל פון אַלטוואַרג, אַלטוואַרג, אַלטוואַרג! זיסער בית־הכסא־ריח! טײַערע פוילע שמאַטעס...

אייביקער ייִד: שמאַטעס... שמאַטעס... (שוועבט ווײַטער, שטעלט זיך אָפּ בײַ אַ דריטן) אירווינג קנײדלמאַן מײַן זון, וואָס חלומסטו?

קנײדלמאַן: וועל, איך ליג מיר אויף דער פליאַזשע פון פאַלם־ביטש... און לעבן מיר... כע־כע... ליגט אין זאַמד אַ שיקסע... גיב אַ קוק... בריסטלעך — פוירסט קלעס! אַ ווויל שיקסל, אייביקער ייִד... אַן אתרוגל!

אייביקער ייִד: יאָ... אַ ייִדעלע... אַ שיקסעלע... (שוועבט צו צו אַ פערטן) און דו? דײַן חלום?

שלום אַש: ——— און איך קריג דעם נאָבעל־פּרײַז און איך האַלט אַ רעדע און די רעדע גייט אַרײַן אין דער היסטאָריע אַרײַן. און אַלע גויִים אין אַלע לענדער בוקן זיך פאַר מיר. און מע שטעלט מיר אַ דענקמאָל... דענקמעלער... אומעטום... און אויף די דענקמעלער איין וואָרט: אַש... און אַלע ווייסן שוין, אַז דאָס מיינט מען מיך... שלום אַש... אַש...

אייביקער ייִד: און אויך דײַן חלום איז אַש. (שוועבט צו צו אַ פּינפּטן) און דו, שלום שוואַרצבאַרד מײַן זון?

שלום שוואַרצבאַרד: אַ זייגער־מאַכער בין איך און אויפן זייגער קוק איך, צי האָט שוין די שעה פון גערעכטיקייט געשלאָגן. נאָך נישט? נאָך אַלץ נישט? פאַר וואָס? גאָט, נקמה פאַרן בלוט פון אומשולדיקע! שווײַגסט? האָסט פאַרגעסן דײַן זאַך צו טאָן? וועל איך דײַן זאַך טאָן — איך... שלום שוואַרצבאַרד דער זייגער־מאַכער... (שרײַט ווי ער וואָלט עמעצן דערזען) שטיין בלײַבן, רשע! לויף נישט, בלוט־באַפלעקטער, שטיי! מײַן האַנט, וואָס האָט צו טאָן מיט די איידלסטע שרײַפּעלעך, ווערט אײַזן אין געשלעג מיט דער אומגערעכטיקייט! צום געשלעג! צום טויט! איך אָדער דו, אומגערעכטיקייט! ביידע קאָנען מיר אונטער איין הימל נישט זײַן! אַלע פאַרגעסן — איך געדענק! אָ, איך געדענק! ציטער! — —

אייביקער ייִד: נו, דער־דאָ רעדט אַנדערש... דער רעדט שוין אַנדערש...

שוואַרצבאַרד: דערויף בין איך דאָ אויף דער וועלט, איך זאָל היטן די שאָף פאַר די וועלף... גערעכטיקייט היט איך! אומרעכט געדענק איך! איר האָט מיך פאַרטריבן, ווײַל איך בין אומבאַקוועם? איך קוק אײַך, פעלקער, צו פיל אויף די פינגער? פינגער אײַנגעריכט אין בלוט געפעלן מיר נישט? וועל איך טאָקע צוריקקומען! מיינט איר, איר וועט בלײַבן אָן מאַנערס, בלײַבן אָן פאָדערערס? מיר וועלן דיך, וועלט, בײַם רשע אין די הענט נישט איבערלאָזן! נישט איבערלאָזן, ניין!

אייביקער ייִד: אַ געדענקער ביסטו, מײַן זון! אין זכות פון אַזעלכע געדענקערס, ווי דו, וועלן די טויערן פון דער וועלט ווידער געעפנט ווערן פאַרן שטאַם פון אַברהם... זון מײַנער, אין זכות פון אַזעלכע ווי דו, וועלן די קניידלמאַנס ווידער ליגן אויף דער זון אין פּאַלם־ביטש... איר וועט אַלע צוריקגיין! אייביק קאָן די וועלט אַזוי נישט בלײַבן, ווי אַצינד! בלוט גיסט זיך דאָרט אַזוי, אַז די ערד וויל פּלאַצן! בלוט! אָבער מיטגיין וועל איך נישט מיט אײַך, מײַן זון. די פון אײַך, וואָס געהערן דער וועלט, וועלן צו דער וועלט צוריקקערן... די אָבער וואָס געהערן צו ירושלים, די פרומע פאַרגעסערס, די וועלן פון ס'נײַ גרונטפעסטיקן

ירושלים! און מיט זיי וועל איך בלײַבן פון איצט ביז אויף אייביקע צײַטן! מיד בין איך פון צו פיל וואַנדערן און פון צו פיל חלום. וואָר וויל איך ווערן, איך, דער חלום. זײַ געזונט.

שוואַרצבאַרד: ווּהין גייסטו?

אייביקער ייִד: צו שלום בן־חורין אין דער תּפיסה (פאַרשווינדט).

(עס ווערט אַ בהלה. אַלע חלום־מאַסקעס פאַלן אַראָפּ אויף דער ערד, די טרוימענדיקע כאַפּן זיך אויף, טאַפּן מיט די הענט אין דער לופטן, זוכן זייערע חלומות, שטויסן זיך אָן איינער אויפן צווייטן. געשרייען).

אַלעקסאַנדראַ: (שטעלט זיך אויף, שרײַט) ווּ איז ער? איז דער חלומות־מיניסטער אַנטלאָפן? כאַפּן אים! אַהערשלעפּן! שמידן הענט און פיס!

אַלעקסאַנדראָס הויפדאַמעס: (אַנגסטיק) כאַפּן אים! שנע־לער! שמידן הענט און פיס!

קולות: אים קאָן מען נישט כאַפּן! ער איז לופט!

קנײדלמאַן: (מיט אַ געוויין) מײַן שיקסע!

אַלעקסאַנדראַ: (פאַרצווייפלט) מײַן דזשאָן! מײַן וווּנדער־שיינער באָקסער!

(פאָרהאַנג)

בילד 8

שלום און די זײַניקע אין דער געפאַנגען־הייל הינטער ירושלים. אויף דער הוילער ערד, אין דער פינצטער, ליגן טונקעלע געשטאַלטן. טייל הייבן זיך, שטעלן אַ פּאָר טריט, קלינגענדיק מיט די קייטן, און פאַלן אום. איינטאָניק פאַרבענקט געזאַנג. דערנאָך ווערט שטיל. אַ וואַלד הענט ציט זיך מיט שטום געבעט צום דרויסן, העלט אויף אין טונקלע־ניש פון דער הייל.

שלום בן־חורין:

הענט, וואָס ווילן אויפבויען מלכות בית־דוד — און זיי זענען אין קייטן!

העגט, וואָס ווילן אויפריכטן די שטול פון בן־דוד — און זיי זענען אין קייטן!
הענט, וואָס ווילן אַקערן די ערד — און זיי זענען אין קייטן!
הענט, וואָס ווילן נישט קיין בלוט, הענט, וואָס בענקען נאָך אַן אַקער־אײַזן — און זיי זענען אין קייטן!

(צו די געפאַנגענע).

ברידער מײַנע, שוועסטער — וואָס האָט איר געחלומט?

די געפאַנגענע: ברודער אונדזערער, צוויי זאַכן האָבן מיר געחלומט: אַ קרוין און אַן אַקער־אײַזן, אַ קרוין און אַן אַקער־אײַזן.

שלום בן־חורין: ברידער מײַנע, שוועסטער מײַנע — ווי האָט אויסגעזען די קרוין?

די געפאַנגענע: ברודער אונדזערער, פון זאַנגען, פון פעלדז־זאַנגען איז געווען די קרוין.

שלום בן־חורין: ברידער מײַנע, שוועסטער מײַנע — ווי האָט אויסגעזען דער אַקער־אײַזן?

די געפאַנגענע: ער האָט אויסגעזען, ברודער אונדזערער, ווי אַ בליץ, וואָס שנײַדט די ערד. און די ערד האָט זיך געפרייט און איז געלעגן ווי אַ שטיק שוואַרץ ברויט און ס'האָט דער אַקער־אײַזן אויפגעשניטן דאָס שוואַרצע ברויט און האָט געבליצט. האָבן מיר צו דער זעט געגעסן דאָס פרישע ברויט פון ציונס ערד און האָבן געבענטשט דעם גאָט, וואָס וווינט אין ציון.

(שטילקייט).

שלום בן־חורין: אַזוי האָט איר געחלומט, ברידער מײַנע, שוועס־טער מײַנע. און האָט מען אײַך אין חלום נישט געזאָגט, ווען דער חלום וועט אויס חלום ווערן?

די געפאַנגענע: נישט געזאָגט.

שלום בן־חורין: נישט געזאָגט! (פאַרזינקט אין טרויער) אויף ציונס ערד זיצן מיר געפאַנגען און חלומען פון דיר, ירושלים. וועט אין ציון אַליין שוין קיין מאָל ציון נישט זײַן?

די געפאַנגענע: ווען אין ציון אַליין קיין מאָל שוין ציון נישט זײַן?

שלום בן־חורין: מיר, וואָס ווילן דאָ בלײַבן, אונדז הייסט מען קײַען אַ שטיין! און די וואָס ווילן אַנטלויפן, די הערשן אין ירושלים!

(שטעלט זיך אויף).

האָסט מיר צוגעזאָגט, אייביקער ייִד, העלפן האָסטו צוגעזאָגט! און ווו זע איך דיך? ווו געפין איך דיך? נישטאָ! אַלטער, האָסט אונדז אָפּגע־נאַרט! האָסט אָפּגענאַרט די יונגע!

אייביקער ייִד: (קומט אָן אין דער הייל, טאַפּט דעם וועג מיט אַ שטעקן, אַ ליכטל אין דער האַנט).

די געפאַנגענע:

— ווער גייט? ווער?

— ווער גייט? ווער?

אייביקער ייִד: איך, אַלטער, האָב די יונגע נישט אָפּגענאַרט (דערנענטערט זיך צו שלום בן־חורין).

שלום בן־חורין: פון וואַנען?

אייביקער ייִד: איך בין אַנטלאָפן פון דעם חלום־הויז, וואָס זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט אויף צו חלומען פון דער וועלט.

שלום בן־חורין: (מיט פאַרדראָס) און צו מיר ביסטו אויך מיט אַ חלום געקומען, אַלטער? ווידער אַ חלום?

אייביקער ייִד: אָן אמת האָב איך פאַר דיר. פאַר דיר און פאַר די דײַניקע האָב איך אָן אמת. (דערציילט) ווייסט? נאָך אַ הייל איז פאַראַן... אַ צווייטע... דאָרט שלאָפט שולמית... דורות לאַנגע, אַז זי שלאָפט... צען מקובלים היטן דעם שלאָף אירן... און די הייל איז נישט ווײַט... איך קען אַ גאַנג אונטער דער ערד... ער פירט פון דער הייל, ווו דו ביסט גע־פאַנגען, צו דער הייל, ווו זי שלאָפט... און ווייסט, ווער עס וועט זי אויפ־וועקן, שלום בן־חורין? דו!

די געפאַנגענע: (טײַטלען אויף שלום בן־חורין) ער... ער — —

שלום בן־חורין: (מיט אומצוטרוי) און דאָס הייסט ביי דיר אַן אמת, אייביקער ייִד?

אייביקער ייִד: דאָס איז אַן אמת, שלום בן־חורין. אַן אמת, וואָס זעט אויס ווי אַ חלום.

די געפאַנגענע: (חזרן איבער, ווי פאַרכּישופט) אַן אמת, שלום בן־חורין. אַן אמת, וואָס זעט אויס ווי אַ חלום———

שלום בן־חורין: שולמית? די פון שיר־השירים? און דאָס זאָל זיין אַן אמת? און וואָס וועט זיין, אַז איך וועל זי אויפוועקן, אַלטער?

אייביקער ייִד: אַ ליכטיקע חתונה וועט זיין, ווען דו וועסט זי אויפוועקן, יונגער—— (פאַרשווינדט).

שלום בן־חורין: האָב איך נישט געזאָגט, אַז דאָס איז נישט אמת? געקומען, דערציילט אַ מעשׂה, פאַרשוווּנדן —

אַלע: (איינער צום אַנדערן) אַ ליכטיקע חתונה וועט זיין —

שלום בן־חורין: (צו זיך) אַ חתונה? שלום און שולמית וועלן חתונה האָבן?

אַלעקסאַנדראַ: (קומט אַריין. פאַרנט גייט דער הייל־וועכטער, טראָגט אַ לאַמטערן צו באַלייכטן דעם וועג, רעדט גראָב).

וועכטער: אָט דאָ פוילן זיי! אָט דאָ פוילט ער, דער מנהיג זייערער (ווייזט אויף שלום בן־חורין) אויפגעשטאַנען! די הערשערין איז געקומען! (גיט אים אַ זעץ מיטן פוס, שטעלט אים אויף).

די געפאַנגענע: אַלעקסאַנדראַ —

אַלעקסאַנדראַ: וואָס באַגריסטו מיך נישט, שלום בן־חורין?

(עס קומט קיין ענטפער נישט).

אַלעקסאַנדראַ: וואָס ענטפערסטו נישט, שלום בן־חורין?

שלום בן־חורין: (שטיל) וואָס ווילסטו?

אַלעקסאַנדראַ: זען צי דו פלאַנסט נישט נייעם פאַרראַט קעגן מיר. וואָס טוסטו דאָ אין דער פינצטער, שלום בן־חורין?

שלום בן־חורין: איך וואַרט.

אַלעקסאַנדראַ: אויף וואָס?

שלום בן־חורין: אויף ירושלימס טאָג.

אַלעקסאַנדראַ: רעדסט נאָך אַלץ אַזוי פּאַטעטיש? (טרעט צו צו אים גאַר נאָענט) **ווען מײַן חייל האָט זיך געטראָפן מיט דײַן קליינער מחנה, שלום בן־חורין — האָב איך באַמערקט: דײַן האַנט, וואָס האַלט די שווערד, איז אַ לײַכטנדיקע. לײַכטן זיי נאָך אַלץ, די הענט דײַנע? ווײַז!**

(קיין ריר, קיין ענטפער נישט).

אַלעקסאַנדראַ: (באַפעל צום וועכטער) **אויפהייבן אים די הענט קעגן פײַער פון דײַן לאַמטערן! ער זאָל זיי מיר ווײַזן!**

וועכטער: (טוט אַזוי).

אַלעקסאַנדראַ: (קוקט) **אין די קייטן לײַכטן זיי נאָך מער. מיט וואָס פאַר אַ זייף וואַשסטו זיי? כ׳וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַזעלכע הענט.**

שלום בן־חורין: אַוועק! שטיי נישט צו נאָענט! דײַן אָטעם איז מיר דערווידער! און רעד נישט דײַנע רייד צו מיר — איך פאַרטראָג זיי נישט. (דרייט זיך אויס צו איר מיטן רוקן).

אַלעקסאַנדראַ: (צום וועכטער) **אויסדרייען אים צו מיר!**

וועכטער: (קערט אים אויס, האַלט פעסט צו).

אַלעקסאַנדראַ: (צעלאַכט זיך) **ווער ביסטו אייגנטלעך?**

שלום בן־חורין: אַ ייִד, וואָס דאַרף ירושלים.

אַלעקסאַנדראַ: נאָך אַלץ נישט געוואָרן קליגער? ביסט נאָך יונג — און דו קאָנסט אַוועק, שלום בן־חורין! מ׳דאַרף נישט ירושלים... וואָס טויג דיר דאָס? און זיי? לאָז זיי דאָ איבער, די אַלע... דו זאָלסט נישט, ווי זיי, פאַרפוילט ווערן אין אַ הייל... דו — נישט! נאַר, כ׳וועל דיך אין מײַן פּאַלאַץ לאָזן אַרומצוואַגן, דיר שיינע קליידער געבן, מיט קנעפּ... איך דאַרף האָבן שיינע דינערס...

שלום בן־חורין: איך בין דער דינער ירושלימס.

אַלעקסאַנדראַ: און אַז די אויסלייזונג וועט קומען, די וועלט וועט זיך אונדז ווידער עפענען — נעם איך דיך מיט קיין האַליוווד... קענסט נאָך קאַריערע מאַכן, בן־חורין! שיינע סטאַטיסטן גייען דאָרט נישט פאַרלוירן.

שלום בן־חורין: פאַר וואָס טרעטסטו נישט אָפּ פון מיר? פאַר וואָס טרעטסטו נישט אָפּ?

אַלעקסאַנדראַ: בין איך אפשר צו מיאוס פאַר דיר? (שפּאָטיש) פירשטן האָבן געקושט דאָס שוואַרצע פּעפּערל אויף מײַן לינקן פוס, נאַרי־שער בן־חורין!

שלום בן־חורין: איך אָבער וועל דיר אין פּנים שפּײַען, קלוגע אַלעקסאַנדראַ.

אַלעקסאַנדראַ: (צאָרנדיק) אומווערדיקער!

וועכטער: (מיט גרייטשאַפט) זאָל איך אים שלאָגן, מײַן הערשערין?

אַלעקסאַנדראַ: שווײַג! (צו בן־חורין) ווילסט, דײַן קאָפּ זאָל זיך וואַלגערן אַן אָפּגעהאַקטער אין מיסט פון מײַן קיך?

שלום בן־חורין: קאָנסט מיר גאָרנישט טאָן. דער אייביקער ייִד וועט מיר העלפן. אַ גרויסע חתונה דאַרף זײַן.

די געפאַנגענע: אַ גרויסע חתונה וועט זײַן — —

אַלעקסאַנדראַ: דער אייביקער ייִד? מײַן מיניסטער? מײַן אַנט־לאָפענער חלומות־מיניסטער? ער איז דאָ? ער איז מיט אײַך? רעד!

שלום בן־חורין: פאַרשוווּנדן.

אַלעקסאַנדראַ: כאַפּן אים! פאַר מלוכה־פאַרראַט מישפּטן! פאַר־ראַט! פאַררעטערס! הענגען אײַך אַלע! פאַרמישפּטן! הענגען! (צאָרנדיק אָפּ. נאָך איר — דער וועכטער).

(פאָרהאַנג)

בילד 9

די הייל פון שולמית.
אין טיפן הינטערגרונט — אַ ווײַס פּרוכת, וואָס זעט אויס ווי דער פליגל פון אַ מלאך.
אין פאָדערגרונט, אויף צען שטיינער — צען אַלטע מקובלים, יעדערער אויף זײַן שטיין.

ערשטער מקובל: אַ דור גייט און אַ דור פאַרגייט — און זי וואַרט אויף הענט, וואָס וועלן זיך שטרעקן צו איר. מיר זענען די וועכטערס,

מיר זענען די היטערס — זאַלבע צענט, זאַלבע צענט. אַ מנין ייִדן — אויף אַ מנין שטיינער זיצן מיר, צו איר אָטעם האָרכן מיר, און צו טריט, און צו טריט פון יענער זײַט הייל.

די אַנדערע: צו איר אָטעם האָרכן מיר, און צו טריט, און צו טריט פון יענער זײַט הייל.

ערשטער מקובל: אין סוד פון תּפארת איז שולמיתעס שלאָף, אין סוד פון מלכות וועט זי אויפגעוועקט ווערן.

די אַנדערע: אין סוד פון תּפארת איז שולמיתעס שלאָף, אין סוד פון מלכות וועט זי אויפגעוועקט ווערן.

ערשטער מקובל: אַ דור גייט אויף און אַ דור פאַרגייט — און איטלעכע רגע קאָן קומען איר וועקער. און ווער וועט איר וועקער זײַן? נישט קיין כּהן, אַ פּשוטער ישׂראל וועט ער זײַן. און נישט קיין פאַרבאָר־גענער צדיק וועט ער זײַן, נאָר אַ ייִד אַ יונגער, וואָס זײַן האַרץ טוט באַגערן צו דער שיינקייט פון ירושלים, און צום גלאַנץ פון אַקער־אײַזן — זײַנע הענט. אים וועט אַנטפּלעקט ווערן דער וועג, אים וועט באַשערט ווערן דער גאַנג.

די אַנדערע: אים וועט אַנטפּלעקט ווערן דער וועג, אים וועט באַשערט ווערן דער גאַנג.

ערשטער מקובל: דאָרט, אויף מײַן הייליקן באַרג, וועט ער געקרוינט ווערן מיט איר בײַנאַנד. זײַן קאָפּ וועט טראָגן אַ קרוין פון זאַנגען און די הענט וועט ער שטרעקן צום אַקער. אַ פויערן־מלך וועט ער זײַן.

די אַנדערע: אַ פויערן־מלך וועט ער זײַן.

ערשטער מקובל: לאָמיר איצט אויפציִען דאָס פּרוכת און לאָמיר צו איר אָטעם האָרכן און איר שיינקייט אָנקוקן און בענטשן זי. דען פון אונדזערע בענטשונגען איז זי יונג און פון דעם גאָט ישׂראלס איז זי שיין.

(אַלע שטייען אויף און לאָזן זיך צום הינטערגרונט).

ערשטער מקובל: (ציט אויף מיט ציטערניש דאָס פּרוכת; אויף אַ פּראָסטן הילצערנעם געלעגער ליגט שולמית, די הענט פאַרוואָרפן איבערן קאָפּ; די רויטע פרישע ליפּן באַוועגן זיך פון שלאָף אַרויס) זי שלאָפט און

איר האַרץ איז וואַך. זי שלאָפט און איר אויער האָרכט. גליקלעך דער, וואָס וועט געקושט זײַן מיט די קושונגען פון איר מויל! אירע געשאַנקען — אָנגעברייט, אירע אָרעמס — אויסגעשפּרייט.

די איבעריקע: (אין טיפער ערפורכט) אירע געשאַנקען אָנגע־ברייט, אירע אָרעמס — אויסגעשפּרייט.

(פאָרהאַנג)

בילד 10

לאָנדאָן.
ווייצמאַן דער צווייטער אין זײַן לאַבאָראַטאָריע.
אַ ווינטער־אָוונט.

ווייצמאַן דער צווייטער: (צינדט אָן חנוכּה־ליכטלעך און שטעלט זיי אויפן פענצטער) דער לעצטער טאָג חנוכּה הײַנט... דער לעצטער טאָג חנוכּה. (נעמט אַרויס אַ לוחל) גוט כאַטש, וואָס מע האָט נאָך אַ ייִדיש לוחל. מיט אַ ייִדיש לוחל ווערט אַ ייִד נישט פאַרלוירן... (קוקט) אַכט פלעמ־לעך אין פענצטער... גאָלדענע אַכט פלעמלעך... ווי אַ מאָל, אַ מאָל, ווען אין לאָנדאָן אויף דער איסט־סײַד האָבן נאָך ייִדן געוווינט... אָרעמע נישט־גאָלדענע ייִדן, וואָס האָבן געצונדן אָרעמע גאָלדענע ליכטלעך... אַחינו בני־ישׂראל... און איצט... אַ לעצטער ייִד, אַן איינציקער... אַ יתום... איינציקער און אויסנאָמדיקער גענעראַל־פאָרטרעטער אויף גאַנץ אייראָפּע און אַמע־ריקע... (נעמט זיך צו די רעטאָרטן) העט כעמיקער, לאָזט צו רו די חנוכּה־ליכטלעך און נעמט זיך, זײַט מוחל, צו די רעטאָרטן. מאַכט עפּעס, איך בעט אײַך, אַ נײַע געניאַלע דערפינדונג! שלאָפט נישט! געניאַליטעט איז אײַער חוב, אײַער ווינרעכט, אײַער עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

(האַסטיקע טריט פון אַ לויפנדיקן. אַ נערוועז קלאַפּן אין טיר).

ווייצמאַן דער צווייטער: (לויפט צו, עפנט) **אַ חלום פון אַ ווינטערנאַכט! גאָט, וועמען זע איך? איר, לאָרד קאַנצלער פון זײַן מאַיעסטעטס רעגירונג!**

קאַנצלער: (לויפט אַרײַן, פאַלט אויף אַ שטול, לאָזט פאַלן אויף דער ערד אַ צילינדער, אַ שטאָק און אַ פּאָרטפעל מיט פּאַפּירן).

ווייצמאַן דער צווייטער: וואָס געבן אײַך? וואַסער? קאָניאַק? אַ גלח? זענט איר געחלשט? האַלט איר בײַם שטאַרבן? זענט איר הונגעריק? זענט איר דורשטיק? וואָס איז אײַך?

קאַנצלער: (קומט קוים צו זיך) **געלאָפן... געלאָפן און געפאַלן... געפאַלן און געלאָפן... שאָקינג!**

ווייצמאַן דער צווייטער: (מיטפּיליק) **גאָט מײַנער! ווער האָט זיך נאָך אײַך געיאָגט, לאָרד קאַנצלער? דאָס ווײַב?**

קאַנצלער: אַ, ערגער נאָך.

ווייצמאַן: וואָס קאָן נאָך זײַן ערגער?

קאַנצלער: זיי... די... ווי הייסן זיי... פון פּאַרלאַמענט... די אָפּאָ... די אָפּאָזיציע...

ווייצמאַן דער צווייטער: הם... די אָפּאָזיציע האָט אײַך נאָכגעיאָגט? און איר זענט געלאָפן — צו מיר?

קאַנצלער: צו אײַך, סער חיים! נאַטירלעך, סער! צו אײַך! אַז ס'טרעפט אַ צרה — צו וועמען לויפט מען, אַז נישט צום ייִד... צום איינציקן איבערגעבליבענעם ייִד?

ווייצמאַן דער צווייטער: אָ, איך בין גערירט פון אײַער צוטרוי, לאָרד.

קאַנצלער: ראַטעוועט! איר מוזט אויך דאָס מאָל ראַטעווען, סער חיים!

ווייצמאַן דער צווייטער: ראַטעווען איז מײַן פּראָפעסיע, לאָרד. די געניאַליטעט איז מײַן ווירנרעכט, לאָרד.

קאַנצלער: די אָרדנס וואָס באַצירן אײַער ברוסט זענען די עדות פון אײַער אומגעווייגלעכער חכמה. ווי אַ געניאַלער כעמיקער האָט איר דערפונדן אַ גאַז, וואָס מאַכט צוריק לעבעדיק געפאַלענע זעלנערס. נאַטיר־

לעד: בריטישע זעלנערס. גרויס־בריטאַניע וועט עס אײַך קיין מאָל נישט פֿאַרגעסן. קיין מאָל נישט! ווייצמאַן דער ערשטער, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה, האָט נישט אויפגעטאָן דאָס, וואָס איר — בעת דער צווייטער. נו, אָבער איצט —— איצט —— (פֿאַרצווייפֿלט) רעוואָלוציע!

ווייצמאַן דער צווייטער: רעוואָלוציע?

קאַנצלער: נישט נאָר בײַ אונדז! פֿון גאַנץ אייראָפּע און אַמעריקע קומען אָן אַליאַרעם־ידיעות! אַזאַ הונגער איז נאָך נישט געווען? קיין וווּנדער נישט: אין אַלע לענדער איז נישטאָ מער קיין איין מענטש, וואָס זאָל נישט זײַן אַרבעטסלאָז — אַחוץ די טויטן־גרעבערס און די מיניסטאָרן. די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך נאָך ווייניקער געלוינט ווי די ערשטע! מיר, וואָס אײַער איבערמענטשלעך געניאַלע דערפֿינדונג האָט אונדז געמאַכט פֿאַר זיגערס — אויך מיר זענען איצט קאַפּוט! קאַפּוט, סער חיים, קאַפּוט!

ווייצמאַן דער צווייטער: לאָרד, נישטאָ אַזאַ זאַך, וואָס איך זאָל נישט האָבן צו איר קיין עצה.

קאַנצלער: אײַער אויפֿלעבונג־גאַז איז געווען אַ וווּנדערגאַז, געוויס! קיין שום לאַנד האָט אַזאַ גאַז נישט געהאַט. אָבער וואָס קומט אַרויס? די אַלע לעבן־געבליבענע ווילן עסן! הערט איר? פּשוט עסן! שאָקינג! עסן ווילן זיי! (פּויזע) קאָנט איר נישט, סער חיים, דערפֿינדן עפּעס אַזאַ כעמיש מיטל... יאָ, אַזאַ כעמישן פּרעפּאַראַט, וואָס זאָל פֿאַרטרעטן דאָס מיין עסן?...

ווייצמאַן דער צווייטער: אַ קלייניקייט, לאָרד! דאָס מאַך איך איינס־צוויי... איר האָט שוין געזען, איך זאָל עפּעס נישט קאָנען? אָבער... (לאָזט זיך לויפֿן איבערן צימער, גיט זיך אַ קלאַפּ מיט דער האַנט אין שטערן, שטעלט זיך אָפּ אַ באַגײַסטערטער, קוקט פֿון די חנוכּה־ליכטלעך אויפֿן קאַנצלער, פֿון קאַנצלער אויף די חנוכּה־ליכטלעך).

קאַנצלער: (דערפֿרייט) אַ, איר האָט שוין ווידער עפּעס אַ געניאַלן אײַנפֿאַל. וואָס קוקט איר מיך אַזוי אָן, מײַן ליבער? (באַמערקט די חנוכּה־ליכטלעך אויפֿן פֿענצטער) וואָס זענען דאָס פֿאַר אַ ליכטלעך?

ווייצמאַן דער צווייטער: אַ רגעלע! רויק! רויק! (לויפֿט, קאָן זיך אַלץ נישט באַרויִקן).

קאַנצלער: איך הער, סער חיים.

ווייצמאַן דער צווייטער: (זעצט זיך) פאַראַן! דאָס מיטל איז איינפאַך! און עס וועט ראַטעווען אַלע רעגירונגען.

קאַנצלער: אַלע רעגירונגען?

ווייצמאַן דער צווייטער: אַלע! (רוקט זיך מיטן שטול צום קאַנצלער) לאָרד, מענטשן וועלן אייביק בלײַבן אומצופֿרידן... אייביק! וואָס איר זאָלט זיי נישט געבן... איר וועט זיי געבן עסן? גוט. און דערנאָך? איר קענט קיין מענטשן נישט, מײַן פֿרײַנד. ווייסט איר וואָס דער עיקר איז? איר ווייסט נישט. דער עיקר: האָבן אונטער דער האַנט אַ שולדיקן. האָבן אַ שולדיקן צו יעדער צײַט — איז דער סוד פֿון הערשאַפֿט.

קאַנצלער: ווי מיינט איר דאָס, סער?

ווייצמאַן דער צווייטער: הערשערס דאַרפֿן איינס: אויף וועמען אַרויפֿצוּוואַרפֿן די שולד. דאָס אַלץ. אין קיין שום זאַך נייטיקן זיך נישט מענטשן אַזוי שטאַרק ווי אין אַ שטענדיקן שולדיקן. דו דאַרבסט, דו קומסט אום, דו ביסט הונגעריק, דאַרשטיק, קראַנק, אַרבעטלאָז? פּליז, ביטע זייער, אדרבא: אָט דער און דער איז שולדיק! פֿינצטער איז דיר דער טאָג און דאָפּלט פֿינצטער די נאַכט? פּליז, ביטע זייער, אדרבא: אָט דער און דער איז שולדיק! דײַן ווײַב שלאָגט דיך? דײַן פֿרײַנד האָט דיך באַגנבעט? דאָס קינד איז דיר געשטאָרבן? פּליז, ביטע זייער, אדרבא: אָט דער און דער איז שולדיק!

קאַנצלער: (אומגעדולדיק) זייער פֿײַן, אָבער... קאָנקרעט! קאָנ־קרעט!

ווייצמאַן דער צווייטער: קאָנקרעט? זענען נישט ייִדן די בעסטע, די אויסגעפּרוּווטסטע שולדיקע? לאָזט צוריק אַרײַן די ייִדן! בעט, זיי זאָלן צוריקקומען! טיר און טויער עפֿנט פֿאַר זיי! איר וועט אַלע אויפֿ־געריכט ווערן! און ביידע צדדים וועלן זײַן צופֿרידן — איר און זיי! זיי ווילן צוריקקערן... איך האָב ידיעות... לאָרד, זאָל גרויס־בריטאַניע נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו. (ווײַזט אויף די חנוכּה־ליכטלעך) אויך איך... איך וועל אויך מער נישט זײַן אַזוי איינזאַם... אַזוי איינער אַליין... אַן איינ־איינציקער ייִד אויף דער וועלט, וואָס צינדט חנוכּה־ליכטלעך... אָט האָט

איר מײַן רפואה צו אַלע מכּות אײַערע: מאַכט אַז אין לאָנדאָן און אין אַלע שטעט פון דער וועלט זאָל מען ווידער אָנהייבן צינדן חנוכּה־ליכטלעך, עסן לאַטקעס און כאַפּן אַ קערטל לכּבוד ניטל. (נבואהדיק) פּתחו שערים ויבוא גוי צדיק שומר אמונים! עפנט די טויערן און זאָל אַרײַן צוריק אַ פאָלק, וואָס מ׳קאָן אויף אים וואַרפן אַלע חטאים! נחמו, נחמו עמי! טוט טרייסטן דאָס פאָלק מײַנס און ברענגט עס אויף שיפן צוריק!

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

בילד 11

זשענעווו. נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה.
געהיימע באַראַטונג פון דער וועלטס מושלים.
דײַטשלאַנדס קאַנצלער, הער פאָן דער יעקע, עפנט די פאַרזאַמלונג.

פ אָ ן ד ע ר י ע ק ע: אַלזאָ, היטלער קאַפּוט. דאָנערוועטער סאַקראַ־מענט, פּפוי טויפל נאָכאײַנמאַל! די צווייטע וועלט־מלחמה איז געווען — דער שוואַרץ־יאָר ווייס, וואָס זי איז געווען. מיר האָבן, ווי באַקאַנט, ליב שלום — טאָ לאָמיר פון שלום וועגן נישט רעדן דערפון. לאָמיר רעדן פון די רעזולטאַטן. פאַראַן אַ לאַנד, איז דאָרט דער הונגער אַזוי גרויס, אַז מ׳עסט דאָרט פליי. דאָס וואָלט נישט אויסגעמאַכט, האָט מען שוין אָבער אַלע פליי אויפגעגעסן און איצט וויל מען דאָרט אויפעסן די הערשערס. פּפוי, טויפל! אין אַ צווייט לאַנד איז די לאַגע אַזאַ, אַז ווען איין בירגער וויל דאָרט עסן — די בירגערס זענען אַזעלכע מענטשן, וואָס וואָלטן רק געוואָלט עסן — רײַסט ער אָפּ אַ שטיק נאָז בײַ אַ צווייטן בירגער. אָבער אַזוי ווי דער צווייטער בירגער וויל אויך עסן —

אַ ל ע: צום טײַוול, רק עסן גיב זיי —

פ אָ ן ד ע ר י ע ק ע: יאָ, אַזוי ווי ער וויל אויך עסן, ווײַל דערויף

איז ער אַ בירגער, ער זאָל עס וועלן, רײַסט ער אָפּ בײַם ערשטן בירגער אַ שטיק אויער. דאָס וואָלט נישט אויסגעמאַכט, אָבער לעצטנס האָבן זיי אין אַ געווּיסן לאַנד באַשלאָסן צו מאַכן אַ פֿאַרזאַמלונג און פֿונאַנדערטיילן צווישן זיך אָפּגעשניטענע מיניסטאָרן־קעפּ. דאָנערוועטער. אין אַ דריט לאַנד זענען אַלע רויט פֿון בלוט און ווײַס פֿון הונגער. רויט און ווײַס. אין אַ פֿערט לאַנד זענען אַלע פּראָפֿעסאָרן אויף די אוניווערסיטעטן פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעפֿעקטיווע קינדער. דאָס נעמט זיך נישט נאָר פֿון געלערנט־קייט, נאָר אויך פֿון הונגער. וועגן דער לאַגע אין מײַן לאַנד פֿאַרשפּאָר איך צו באַריכטן — איר ווייסט אַלע, וואָס פֿאַר אַ פּנים מיר האָבן. נאָך דעם ווי מיר האָבן פֿאַרשפּילט דעם צווייטן וועלטקריג, זיצן מיר אַלע און זאָגן תּהילים. קאָנט איר עס באַגרײַפֿן? די דײַטשן האָבן זיך אָוועקגעזעצט זאָגן דעם יידישן תּהילים. פּפֿוי טויפֿל נאָכאײַנמאָל!

(עלעגישע פּויזע).

העכסט פֿאַרדעכטיק איז געווען די ראָלע פֿון דעם אַלט־גערמאַנישן גאָט אונדזערן, וואָטאַן. מיר האָבן געגלייבט: אַזאַ עכטער גערמאַנער, ווי ער, וועט אײַננעמען פֿאַר אונדז די הימלען, בעת אונדזערע סאָלדאַטן וועלן אײַננעמען די ערד. דער דאָזיקער גאָט האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן פֿאַר אַ פֿאַררעטער. ער האָט אונדז אַבסאָלוט נישט געהאָלפֿן. נישט איך, נישט איר — קיינער פֿון אונדז קאָן נישט וואַרטן אַ רגע לענגער. דאָנערוועטער סאַקראַמענט, פּפֿוי טויפֿל נאָכאײַנמאָל! אויב מיר ווילן נישט פֿאַרלירן די ממשלה און די קעפּ, וואָס מיר טראָגן נאָך צופֿעליק אויף די פּלייצעס — מוזן מיר זיך צוזאַמלען. ווי שטייט דאָרט אין זייער יידישן טעסטאַמענט? דאָס וואַסער איז צוגעקומען ביז צו דער שטאָלענער קאַסקע. ווער איז פֿאַרן פֿאָרשלאָג פֿון פּראָפֿעסאָר ווייצמאַן דעם צווייטן?

אַלע: (הייבן די הענט).

פֿאָן דער יעקע: איינשטימיק אָנגענומען. דערלויבט מיר איצט — דאָנערוועטער סאַקראַמענט — צו דאַנקען דער בריטישער אימפּעריע אין דער פּערזאָן פֿון איר לאָרד קאַנצלער פֿאַר דער איניציאַטיוו און פֿאַר־מיטלונג.

אַלע: (מאַכן אַן אָוואַציע דעם ענגלישן קאַנצלער).

קאַנצלער: דזשענטלמען, ס'איז טײַער יעדע רגע. מיר, די טאַטעס, ווייסן נישט, צי אונדזערע ווילדע קינדער האָבן דערוויַיל נישט איבערגע־קערט די שטוב, בעת מיר זיצן דאָ אין זשענעוו אויף אַ געהיימער באַראַ־טונג. איך לייג פאָר דעריבער תּיכּף אַרײַנצורופן דעם געניאַלן פּראָיעקט־געבער, סער חיים ווייצמאַן דעם צווייטן. ער וואַרט אין אוידיענץ־זאַל.

פּאַן דער יעקע: אַ, וואָס רעדט איר? ווי שטייט דאָרט אין זייער ייִדישן טעסטאַמענט? מיט טאַנצן און מיט טענץ. מיר זענען גליקלעך. איך האָב אַפילו באַצײַטנס צוגעגרייט אַן אָרקעסטער, אויפצונעמען מיט מוזיק דעם איידעלן רעטער פון די אַרישע פעלקער. (הייסט אַרײַנרופן דעם אָרקעס־טער, דערנאָך דעם פּראָפעסאָר ווייצמאַן; אָרקעסטער שפּילט אויף, אַלע שטעלן זיך אויף, ווען ווייצמאַן דער צווייטער קומט אַרײַן).

פּאַן דער יעקע: (מיליטעריש) הייל, ווייצמאַן!

אַלע: (שטייענדיק) לעבן זאָל ווייצמאַן! (ווייצמאַן דער צווייטער נייגט זיך).

פּאַן דער יעקע: אין נאָמען פון די פאַרזאַמלטע מיניסטאָרן, דיקטאַטאָרן און אַזוי ווײַטער, וואָס זענען זיך צוליב זעלבסט־רעטונג־צוועקן צונויפגעקומען אויף דער דאָזיקער געהיימער באַראַטונג, האָב איך דעם היסטאָרישן כּבוד פײַערלעך צו באַגריסן דעם איינציק־איבערגעבלי־בענעם עקזעמפּלאַר פון דעם שענדלעכן — איך מיין פאַרקערט: וווּנדער־לעכן — ייִדישן פאָלק. דאַנערוועטער סאַקראַמענט! הייל היטלער! איך מיין פאַרקערט: היטלער קאַפּוט. זאָל לעבן דער פאַרדאַמטער — איך מיין געניאַ־לער — ווייצמאַן דער צווייטער! (אָוואַציע. מוזיק. ווייצמאַן דער צווייטער נייגט זיך).

פּאַן דער יעקע: דער געפערלעכער ייִדישער גײַסט... איך מיין פאַרקערט: דער וווּנדערלעכער ייִדישער גײַסט... הם... דאָס גרויסע ייִדישע פאָלק... אַזאַ פאָלק — דאַנערוועטער סאַקראַמענט — קומט, עבן, צו נוץ. עס קומט צו נוץ. האָבן אַזאַ פאָלק אונטער דער האַנט איז באַקוועם. הם... דער לאָרד קאַנצלער האָט אונדז שוין געזאָגט איבערגעגעבן, און וואָס איך גייט. וווּנדערפול! אײַער פאָרשלאָג איז —

אַלע: וווּנדערפול!

פאָן דער יעקע: איר זענט, ווי געזאָגט, בײַ אונדז דער אײנציק־איבערגעבליבענער עקזעמפּלאַר. מיר ווילן האָבן אויך די אַנדערע עקזעמפּלאַרן. הייל היטלער! אַנטשולדיקן זי: היטלער קאַפּוט.

ווייצמאַן דער צווייטער: איך בין גערירט פון אײַער אויפֿמערקזאַמקייט. אויך איך וויל מער נישט זײַן דער אײנציקער עקזעמפּלאַר. איך בענק נאָך ייִדן! איז נאָך דאָ אַן ערגערע זאַך ווי צו זײַן אַ ייִד אָן ייִדן? אַ ייִד אָן ייִדן איז ווי איין אַטאָם זויערשטאָף אָן צוויי אַטאָמען וואַסערשטאָף. איין אַטאָם זויערשטאָף און צוויי אַטאָמען וואַסערשטאָף מאַכן אויס צוזאַמען — וואַסער. אַ ייִד צווישן ייִדן איז ווי וואַסער צווישן וואַסערן. ווי אַ כוואַליע אין ים. אָן ייִדן, וואָס איז ער? זויערער זויערשטאָף. ער ווערט פאַרזויערט. צום גליק האָבן אונדזערע אינטערעסן זיך צונויפגעטראָפן. מיר אַלע דאַרפן ייִדן. כעמיש גערעדט, וואָס איז דען דער עלעמענט מענטש? דער עלעמענט מענטש באַשטייט פון צוויי אַטאָמען ייִד אויף איין אַטאָם נישט־ייִד! קום איך אָפיציעל פאָדערן פון אײַך, איר זאָלט אין נאָמען פון אײַערע רעגירונגען אונטערשרײַבן אַ פײַערלעכע דעקלאַראַציע, אַז ייִדן ווערן געבעטן צו פאַרלאָזן זייער מדינה און זיך צוריק באַזעצן אין אײַערע לענדער.

פאָן דער יעקע: פאַר וואָס נישט אונטערשרײַבן? מיר וועלן אונטערשרײַבן אַלץ, וואָס איר וועט הייסן.

אַלע: לעבן זאָל ווייצמאַן דער צווייטער!

קאַנצלער: (נעמט אַרויס פון פּאָרטפעל אַ פּאַפּיר) דאָ האָט איר, דזשענטלמען, דעם טעקסט פון דער דעקלאַראַציע. מיר האָבן אים באַצײַטנס אויסגעאַרבעט צוזאַמען — סער חיים און איך. (לייענט פאָר).

מיר, אונטערגעשריבענע פאָרשטייערס פון אַלע רעגירונגען, גיבן איבער אָט די פײַערלעכע דעקלאַראַציע אין די הענט פון דעם באַרימטן ייִד, פּראָפעסאָר חיים ווייצמאַן דעם צווייטן, לאָנדאָן.

מיר באַשטעטיקן עפנטלעך די רעכט פון דעם ייִדישן פאָלק אויף נאַציאָנאַלע היימלאָזיקייט. מיר גאַראַנטירן דעם ייִדישן פאָלק די שטרענגע אָפּהיטונג פון זײַנע נאַציאָנאַלע רעכט אויף אינטערנאַציאָנאַליזם. מיר עפענען ברייט די טויערן פון אונדזערע לענדער פאַר אַ ייִדישער

צוריק־איַינוואַנדערונג, ריכטיקער, פאַר אַ ייִדישער היין־ און צוריק־וואַנדע־רונג. עס ווערט ייִדן געגעבן די פולע מעגלעכקייט זיך פונאַנדערצושפּרייטן און פונאַנדערצושטויבן, זיך צו שפּאַלטן און צו צעשפּליטערן. מיר פאַר־זיכערן פּיַערלעך, זיי מיטצוהעלפן אין דער צעזייונג, צעשפּרייטונג און צעשפּליטערונג.

פאָן דער יעקע: אָ, ווי ייִדנפּריַינדלעך מיר זענען! גיט אַהער — איך שריַיב אונטער! הייל, היטלער! איך מיין פאַרקערט — (שריַיבט אונטער, די איבעריקע גייען איינציקווייַז צו און טוען דאָס זעלבע).

ווייצמאַן דער צווייטער: און איצט פאָדער איך איַיך אויף, איר זאָלט שאַפן אַ קאָמיסיע און צונויפֿקומען מיט מיר אַראָפּפאָרן קיין ייִדנ־לאַנד, עפנטלעך איבערבעטן די ייִדן און דורכפירן די צוריק־דעפּאָרטאַציע.

פאָן דער יעקע: דאָנערוועטער סאַקראַמענט! עפנטלעך איבער־בעטן די ייִדן! (קלערט אַ ווייַלע) אָבער נאַטירלעך, נאַטירלעך! אויף וועמען וועלן מיר אַרויפוואַרפן די שולד פאַר אונדזערע אַרישע מעשׂים?

(מוזיק).

(פאָרהאַנג)

בילד 12

דער פּאָרט אין חיפה. שיפן אין הינטערגרונט.
פאָלקסמאַסן. איינשטיין, אַלעקסאַנדראַ, טשאַפּלין.
כלערליי באַרימטע ייִדן, צווישן זיי: טראָצקי דער צווייטער.
פאָן דער יעקע האַלט אין האַנט אַ מגן־דוד.
ווייצמאַן דער צווייטער — אַ חנוכּה־לאָמפּ.
מיטגלידער פון דער איבערבעטונג־קאָמיסיע.

דאָס פאָלק: זאָל לעבן דער משיח, זאָל לעבן דער באַפריַיער, זאָל לעבן ווייצמאַן דער צווייטער! הוראַ!

אַלעקסאַנדראַ: עס האָט געזיגט די אידייע פון דער וועלט־עקס־

פּאַרט־פּאַרטיי. איך בין גליקלעך, וואָס מיר קערן זיך אום, כאָטש איך ווער צוליב דעם אויס הערשערין. איך פאַרליר די ממשלה איבער ישראל, אָבער איך געווין האָליוווד און דעם באָקסער. (צו ווייצמאַנען) די היסטאָרישע דעקלאַראַציע, וואָס איר האָט אַרויסבאַקומען, וועט בלײַבן אין געדעכעניש פון דער צעפּאַל־געזעלשאַפט, וואָס איז געצווונגען געוואָרן זיך דאָ צו טרעפן און וואָס קערט זיך אום צו דער וועלט. וואָס געווען איז געווען. לאָמיר פאַרגעסן דאָס לאַנד פון אונדזער געפאַנגענשאַפט און פאַרשיקונג. לאָמיר פאַרגעסן אַלע קריגערײַען. די אויסלייזונג איז געקומען. הוראַ, ווייצמאַן דער צווייטער!

דאָס פאָלק: הוראַ!

ווייצמאַן דער צווייטער: (הייבט דעם חנוכה־לאָמפּ) והיה ביום ההוא... און עס וועט זײַן, אַז אין לאָנדאָן, פּאַריז, ניו־יאָרק, בוענאָס־אײַרעס, ריאָ־דע־זשאַניירא, יאָהאַנעסבורג, יעהופּעץ און גריצע וועלן אין די ווינטערדיקע פענצטער ווידער אויפלײַכטן די טײַערע גאָלדענע חנוכה־ליכט. און מיר וועלן קוקן אויף די פלעמלעך און מיר וועלן געדענקען דעם גרויסן נס, וואָס איז געשען אַ מאָל צו אונדזערע אָבות, און מיר וועלן ווינטער בײַם אויוון חלומען וועגן טייטלען און באָקסערן און עסן גריוון און עסן לאַטקעס און בענקען נאָך די געטלעכע מויערן פון דער הייליקער שטאָט ירושלים... און מיר וועלן זאָגן אין אונדזערע תּפילות: ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים... און מיר וועלן זיך ווינטשן: לשנה הבאה בירושלים... און מיר וועלן אייבער דעם צווייטן פאַרקויפן אַ שקל... און מיר וועלן מאַכן גרויסע אַנטדעקונגען, און מיר וועלן זײַן פּונקט אַזוי אומגליקלעך ווי געניאַל, און מיר וועלן האַנדלען מיט ראָזשינקעס און מאַנדלען, מיט אַלט־וואַרג און מיט ווינט, מיט ביזשוטעריע און מיט חלומות, מיט ציצית און מיט פילמען, מיט חזיר־האָר און מיט זאָקן־בענדלעך, מיט קאַלענדאַרן און מיט סאָדע־וואַסער.

דאָס פאָלק: הוראַ!

חיים־יאַנקל: (אין התפּעלות) מײַן בראַנזשע! סאָדע־וואַסער!

ווייצמאַן דער צווייטער: און אָט (ווײַזט אויף פאָן דער יעקען) — אָט איז געקומען די שינאה אײַך איבערבעטן.

פֿאָן דער יעקע: (הייבט דעם מגן־דוד) איך בעט איבער אָפֿיציעל. פֿאַרזיכער, אַז אײַער פֿולע נאַציאָנאַלע הײמלאָזיקייט איז גאַראַנטירט. ווי עס שטייט אין דער דעקלאַראַציע. אײַערע נאַציאָנאַלע רעכט אויף רעכט־לאָזיקייט ווערן צוריקגעשטעלט. עס וועט אַלץ זײַן ווי פֿרײַער. דאַנערוועטער נאָכאײנמאָל! איר, יידן, וועט אונדז דינען, ווײַזן וואָס איר קאָנט, מאַכן דערפֿינדונגען און אַנטדעקונגען, ליפֿערן אונדז די איינשטיינס די פֿאַר־שידענע, הייבן און אַנטוויקלען אונדזערע שטעט, אונדזערע שפּראַכן, אונ־דזערע געשמאַקן, אונדזערע אַלע אונדזעריקייטן — — און מ י ר וועלן אײַך באַשולדיקן, ווײַל מיר דאַרפֿן, מיר דאַרפֿן שולדיקע. ג ע מ אַ כ ט? (נייגט זיך) איך אַנטשולדיק מיך העפֿלעך, וואָס מיר האָבן אײַך פֿאַרשאַפֿט אַ ביסל עגמת־נפֿש. יודאַ פֿער יעקע! איך מיין פֿאַרקערט —

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: (שמייכלט ליבלעך) יאָ, איר האָט אונדז פֿאַר־שאַפֿט עגמת־נפֿש. שאַדט נישט. עס טרעפֿט אַ מאָל.

פֿאָן דער יעקע: פֿאַרפּלוכטע — איך מיין פֿאַרקערט: ליבנס־ווערדיקע — יידן! איך בין נישט געקומען מיט ליידיקע הענט. די וועלט מיינט די זאַך ערנסט. אונדזער קאָמיסיע האָט שוין איצט — דאַנערוועטער — מיטגעבראַכט אַ צעטל באַשטעלונגען. ב אַ ש ט ע ל ו נ ג ע ן א ו י ף י י ד ן. (נעמט אַרויס אַ צעטל, לייענט) אַלעקסאַנדראַ —

אַ ל ע ק ס אַ נ ד ר אַ: (שפּרינגט אויף) איך בין גרייט.

פֿאָן דער יעקע: איר, די פֿאַרפּלוכטע סעמיטישע שיינקייט. איך מיין, נאַטירלעך, פֿאַרקערט: די נ י ש ט־פֿאַרפּלוכטע... יאָ, איר און הער קאַפּלאַן, וואָס באַקומט צוריק דאָס רעכט זיך צו רופֿן טשאַפּלין —

ט ש אַ פּ ל י ן: און עס ווערט ענדלעך פֿעסטגעשטעלט זײַן נ י ש ט־געמלטקייט?

פֿאָן דער יעקע: יאָ, און עס ווערט מער־ווייניק פֿעסטגעשטעלט זײַן נישט־געמלטקייט — איר ביידע ווערט באַשטעלט פֿון דער פֿילם־געזעל־שאַפֿט „הומבוג ענד קאָמפּאַני”, האָליוווד, אויפֿצופֿירן אַ גראַנדיעזן פֿילם, וואָס זאָל פֿאַרשטעלן די געשיכטע פֿון דער יידישער מלוכה.

ט ש אַ פּ ל י ן: אַלרײַט, מיסטער קאַץ — איך מיין, נאַטירלעך, פֿאַר־

קערט: הער פּאַן וואַלדשווייַן. דער פילם — שטעלט אײַך פאָר — איז פּאַר־טיק. איך האָב אים געדרייט באַצײַטנס.

פּאַן דער יעקע: (קוקט אַרײַן אין צעטל) **הער פּראָפעסאָר איינ־שטיין, עקס־פּרעזידענט פון ישׂראל, באַקומט צוריק דאָס רעכט צו טראָגן זײַן אייגענעם קאָפּ. ווערט באַשטעלט פון דרײַ אוניווערסיטעטן צו אַנט־דעקן דעם צוזאַמענשטעל פון דער קאָסמישער הויפּטסובסטאַנץ.**

איינשטיין: (קוקט פון דער זײַט אויף טשאַפּלינען) **די אַנטדעקונג — שטעלט אײַך פאָר — איז פאַרטיק. איך האָב זי געמאַכט באַצײַטנס.** (צו אַלעקסאַנדראַ) **דאָס האָט דער אַרעסט מיך געראַטעוועט. אַ דאַנק. ווען נישט דער אַרעסט אין דער אָבסערוואַטאָריע, אַלעקסאַנדראַ —**

אַלעקסאַנדראַ: (גאווהדיק) **צו מיר רעדט איר? מיספאַרשטענ־דעניש! מיר קענען זיך נישט מער. צופעליקע וואַגאָן־געזעלשאַפט. זיך באַקענט און פאַרגעסן. יעדער איינער שטײַגט אויס אויף זײַן סטאַנציע.**

פּאַן דער יעקע: (לייענט ווײַטער) **טראָצקי דער צווייטער.**

אַ קול: איך הער! (אַלע קוקן זיך אום).

פּאַן דער יעקע: איר; אַלזאָ: בײַ אײַך באַשטעלט לוקסעמבורג אַ רעוואָלוציע. נעמט איר אָן?

טראָצקי דער צווייטער: איך פיר דורך רעוואָלוציעס לויט די בעסטע מעטאָדן. עס מאַכט נישט אויס ווו. די מעטאָדן זענען די נײַסטע. אַליין אויסגעטראַכט. גאַראַנטירט.

פּאַן דער יעקע: הם... צום טויפל...

טראָצקי דער צווייטער:

לענדער זע איך... פעלקער וואַרטן
אויף מײַן האַרטן,
אויף מײַן דונערדיקן טראָט!
וואָס מיר פאָלק און ווער מיר לאַנד?
צו די פעלקער! צו די לענדער!
קום און שלאָג, דו פערטער שטאַנד,
שלאָג די שענדער און פאַרלענדער!

טרעט אויף זייערע נבלות!
רויב ס'געראַבטע און פּאַרטייל עס!

פאַן דער יעקע: הם... (קוקט אין צעטל אַריַין) **דאָ זענען דאָ באַ־שטעלונגען אויף 10,000 ייִדן. נאַטירלעך, איז עס ערשט נישט מער ווי אַן אָנהייב פון אַן אָנהייב. עס ווערן, צווישן אַנדערע, באַשטעלט און אָנגע־שטעלט די באַרימטהייטן: שלום שוואַרצבאַרד, פּערזענלעכער שונא פון פּאָגראָמען; וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, אַרמיי־פירער; ד"ר סטיפן ווײַז — פון ייִדישן קאָנגרעס; אייב קאַהאַן — פון „פאָרווערטס"; שלום אַש — פון גאַר דער וועלט; סאָקאָלאָוו — פון דער ייִדישער אַגענץ; מאַקס ריינהאַרדט — פון די ריינהאַרדט־טעאַטערס; וואַרבורג — פון די דאָלאַרן; ראָטשילד — פון די פראַנקן; יונה ירוחמזאָן — פון דער אַלטוואַרג־בראַנזשע.**

ירוחמזאָן: (מיט טרערן פון פרייד) **געלויבט ביסטו, גאָט, וואָס דו גיסט מיר מײַן אַלטוואַרגקראָם צוריק!**

ווייצמאַן דער צווייטער: (גייט צו צו אים, נעמט אים אַרום) **איך בין געריהרט, ירוחמזאָן.** (וויינט אויף זײַן האַלדז. קורצע פּײַערלעכע פויזע).

אַ ייִד אין אַ צילינדער:

ווידער חלום, ווידער חלום —
ליבע ייִדן, קויפט אַ שקל!
לייזט דאָס לאַנד אויס! שקלים! שקלים!

צווייטער ייִד אין אַ צילינדער: (גייט צו צום ערשטן און קויפט בײַ אים אַ שקל).

טשאַרלי טשאַפּלין:

אַ מאָל איז געווען אַ מדינה,
איז דאָרט געווען אַ האַרמידער — —

(דרייט מיטן שטעקעלע).

דריי זיך, שטעקעלע, ווידער!
דריי זיך, שטעקעלע, ווידער!

(אַ מהומה, אַ געפּילדער, אַלץ שפּרינגט אויף, אַלץ רעדט אויף אַ מאָל, אַלץ זשעסטיקולירט, שרײַט און וויל איבערשרײַען).

געשרייען און קעגן־געשרייען:

— ייִדן, לאָמיר לייזן די פראַגע וועגן דעם, צי דאַרף מען לייזן די ייִדן־פּראַגע — —

— ייִדן, לאָמיר לייזן די מענטשן־פּראַגע — —

— ייִדן, לאָמיר רעדן העברעיִש — —

— ייִדן, לאָמיר רעדן ייִדיש — —

— ייִדן, לאָמיר רעדן וועגן דעם, צי זאָלן מיר רעדן העברעיִש אָדער ייִדיש — —

— ייִדן, לאָמיר וואָס מער רעדן — —

— ייִדן, ראַטעוועט דאָס ייִדישע שולוועזן — —

— גוואַלד, ייִדן, פאַר וואָס גייט איר נישט אין ייִדישן טעאַטער?

— גוואַלד, ייִדן, וואָס וועט זײַן דער תּכלית מיט אײַך?

— ייִדן, מענטשלט זיך!

— ייִדן, ייִדלט זיך!

— ייִדישע מענטשן און מענטשישע ייִדן, ייִדלט זיך און מענטשלט זיך צוזאַמען — —

— ייִדן, לאָמיר אַרויסגעבן אַ זשורנאַל — —

— ניין, ייִדן, לאָמיר נ י ש ט אַרויסגעבן קיין זשורנאַל — —

— גוואַלד, ייִדן, ער האָט מיך גערופן גאַליציאַנער, האָט ער מיך גערופן — —

— גלייבט אים נישט, ייִדן, ער איז אַ ליטוואַק — —

חיים־יאַנקל: (זאָגט אויך זײַן וואָרט) **טרינקט סאָדע־וואַסער! ישראל עם קדושים, סאָדע־וואַסער!**

ווייצמאַן דער צווייטער: (שרײַט אין טומל אַרײַן) **און איך זאָג: ייִדן, שטילער! שטילער אַ ביסל, ייִדן! פאַרשוועכט נישט די גרויס־קייט פון דער שעה! איר וועט נאָך צײַט האָבן צו רעדן וועגן די אַלע זאַכן! איר וועט נאָך רעדן וועגן די אַלע זאַכן תּרפ״ט מיליאָנען יאָרן! תּרפ״ט מיליאָנען! פאַרגעסט נישט, אַז איר זענט אַן אייביק פאָלק! איר וועט אייביק**

קאַנען רעדן! (ס׳ווערט ביסלעכוויַיז שטיל).

איינער פון דער קאָמיסיע: ייִדיש פאָלק, ווערסט פּיַיערלעך פאַרבעטן צום צוריקוועג! (וויַיזט אויף די שיפן אין הינטערגרונט).

ווייצמאַן דער צווייטער: (הייבט דעם חנוכה־לאָמפּ ווי אַ פאָן) **ישׂראל! דורכן ים — צו די צוגעזאָגטע לענדער! דורכן ים — צוריק איבער שיבעה־ימים!**

אַלע: (לאָזן זיך אין גאַנג) **צו די צוגעזאָגטע לענדער! דורכן ים — איבער שיבעה־ימים!** (עס שוועבט אָן דער אייביקער ייִד).

קולות:

— **דער ייִד! דער אייביקער ייִד!**

— קום מיט! **פאָר מיט!**

דער אייביקער ייִד: פאָרט איַיך, קינדער, געזונטערהייט! איך קאָן שוין מער נישט וואַנדערן.

טשאַפּלין: (פון שיף אַראָפּ, צום אייביקן ייִד) **ווילסט זאָגן, אַז די טשאַפּליניאַדע איז געענדיקט און אַז עס הייבט זיך אָן די מיסטעריע?**

דער אייביקער ייִד: צו שלום בן־חורין גיי איך. איך גיי צו די ייִדן, וואָס בלײַבן.

(פאָרהאַנג)

בילד 13

די געפאַנגענען־הייל. געזאַנג אין דער פינצטער. שלום בן־חורין — אין די קייטן — שטייט פאַרזונקען אין אַ תּפילה.

די געפאַנגענע: (זינגען שטיל, באַגלייטן מיט זייער זינגען בן־חורינס תּפילה)

גיין וועל איך צום הור־ההר,
וואַרטן אויף לבנון־באַרג,

ביז עס בלאָזט מיט טאָג אויף מיר,
שאָטנס נעמען לויפֿן.

דו ביסט שיין, שולמית מײַן,
וווּנדער־שיין, דו פֿרײַנדין מײַן,
ס׳איז נישטאָ קיין פֿעל אין דיר,
שיין ביסטו אין גאַנצן.

פֿון לבנון קום מיט מיר
און צום חרמון גיי מיט מיר,
פֿון אמנה און פֿון שניר
קוקן צו די טאָלן.

קום מיט מיר צו לייבן־ווינק,
גיי מיט מיר צו לעמפּערט־בערג.
צווישן לייב און לעמפּערט שטיין —
און פֿאַר זיי נישט פֿאָרכטן!

(טריט. די געפֿאַנגענע הערן אויף צו זינגען. האָרכן. ס׳קומט אָן דער אייביקער ייד).

דער אייביקער ייד: אַ גאָט־העלף, קינדער! שטייט אויף!

די געפֿאַנגענע: ווי קאָנען מיר? קייטן אויף די הענט, פֿינצטער, און דער היילוועכטער וואַכט, דער היילוועכטער —

דער אייביקער ייד: דער וועכטער — נישטאָ שוין. אַלע זענען זיי אַוועק. שטייט אויף!

שלום בן־חורין: (ציטערט אויף) אַלעקסאַנדראַ און זיי אַלע — אַוועק?

דער אייביקער ייד: קיינער נישט געבליבן. ס׳האָט די וועלט זיי אײַנגעשלונגען צוריק. נישט בלײַבן זאָל די וועלט אָן קינדער פֿון

אַברהמס שטאַם! זיי זענען די, וואָס מאַכן אויפּווירן איר טייג. (צו שלום בן־חורין) **וואַרף אַראָפּ די קייטן!**

שלום בן־חורין: קאָן אַ געפאַנגענער זיך אַליין באַפרייען?

דער אייביקער ייִד: דאַרפסט נאָר אַ באַוועג טאָן מיט דער האַנט — —

שלום בן־חורין: (גיט אַ באַוועג מיט דער האַנט. די קייטן פאַלן).

די געפאַנגענע:

— ברידער, די קייטן פאַלן פון זיך!

— אויפגעשטאַנען, שוועסטער! די קייטן פאַלן פון זיך! (אַ הילכיק פאַלן פון קייטן).

שלום בן־חורין: אַוועק! איבערגעלאָזט דאָס לאַנד! אַוועק, פאַרגעסן אָן אונדז, איבערגעלאָזט דאָס לאַנד! דאָס גאַנצע לאַנד פאַר אונדז, פאַר די, וואָס ווילן בלײַבן!

די געפאַנגענע: דאָס גאַנצע לאַנד פאַר אונדז — פאַר די, וואָס ווילן בלײַבן.

דער אייביקער ייִד: און איצט, בן־חורין: פיר!

שלום בן־חורין: פינצטער איז — —

דער אייביקער ייִד: די מנורה צינד אָן! די נײַע חנוכּה־מנורה!

שלום בן־חורין: ווו איז זי, אייביקער?

דער אייביקער ייִד: האַלטסט זי אין דײַנע הענט!

שלום בן־חורין: די מנורה?

דער אייביקער ייִד: מיטן פײַער פון דײַנע אויגן צינד זי!

(**אַ רגע פון שטוינונג. שטילקייט. אַפּוואַרט. אין שלומס הענט ווײַזט זיך אַ ברענענדיקע, זיבן־רעריקע מנורה).**

די געפאַנגענע: זי ברענט! זי ברענט!

אייביקער ייִד: נס־חנוכּה, קינדער. נס־חנוכּה, בן־חורין.

די געפאַנגענע: נס־חנוכּה, שלום בן־חורין!

שלום בן־חורין: (האַלט הויך די מנורה, לײַכט צו) **די קייטן**

אויף דער ערד, פּאָרויס די מנורה! ברידער מײַנע, שוועסטער מײַנע, מיר גייען!

דער אייביקער ייִד: בן־חורין, ווייסטו וווהין? צו איר אין הייל אַרײַן! צו שולמיתן אין הייל! דורך דעם גאַנג, וואָס אונטער דער ערד! וועקן די שולמית, ירושלימס האַרץ דערפרייען!

שלום בן־חורין: וועקן די שולמית! אָנקוקן, זאָגן: שטיי אויף! מיט דער מנורה איר אין פּנים אַרײַנלײַכטן!

דער אייביקער ייִד: אירע האָר — פעלדבלומען, די הענט — צוויי ווײַסע פייגל!

שלום בן־חורין: פאַנגען אירע פייגל! צו אירע פעלדבלומען שמעקן!

אייביקער ייִד: איר קול — ווי דער טוי, וואָס אויף חרמון פאַלט!

שלום בן־חורין: לאָזן פאַלן איר טוי אויף זיך! אין איר טוי וווערן ריין און ריין מאַכן אַלע!

דער אייביקער ייִד: מלך און מלכּה וועט איר זײַן!

אַלע: אַ ליכטיקע חתונה וועט זײַן —

דער אייביקער ייִד: אײַערע קרוינען וועלן פון זאַנגען, פון פעלדזאַנגען זײַן! אויף הר־הזיתים וועט די קרוינונג זײַן, אַברהם, יצחק און יעקב וועלן זײַן די אונטערפירערס! אַן אָרעם פאָלק וועלן מיר זײַן און אַ קליינס, עסן וועלן מיר ברויט פון דער ערד, און קיין פײַנט וועט נישט אַרײַנדרינגען צו אונדז, קיין קויל וועט אונדז נישט טרעפן, ווײַל פון אונדזערע גופים וועלן קוילן אָפּשפּרינגען אויף צוריק. אין שטאָט פון גאָט וועלן מיר זיצן און בײַם ברעג פון ים און אויף די בערג וועט ער שטעלן זײַן וואַך אונדז צו היטן. דעם בית־המיקדש וועלן מיר אויפשטעלן צוריק און מיר וועלן עולה־רגל זײַן צו גאָט דרײַ מאָל אַ יאָר. און אויף די בערג וועלן מיר פאַקלען צינדן, ווען עס וועט זיך ווײַזן די לבנה. און אונדזער מלך וועט אַקערן די ערד און די מלכּה וועט אים צוהעלפן. און מיר וועלן זינגען אונדזערע פעלדלידער און אונדזערע ברויטלידער. און מיר וועלן וואַרפן קערנער אין דער ערד און בעטן אויף רעגן. און דער רעגן וועט קומען און מיר וועלן זיך פרייען מיט אים. און די ירושה, וואָס אַ פאָטער

ווּעט איבערלאָזן אַ זון, וועט זײַן אַן אַקער־אײַזן. און שטיל וועט זײַן אין גאַנצן לאַנד, און אַז גאָט וועט רעדן צו מענטשן — וועט זײַן קול נישט פאַרלוירן גיין אין טומל, וואָרעם אַלע וועלן הערן. אַזוי וועט אויפגעריכט ווערן דאָס לאַנד ישראל פאַר די איבערגעבליבענע פון ישראל. שולמית וועט אונדזער מלכּה זײַן און שלום — אונדזער מלך.

אַ ל ע: שולמית וועט אונדזער מלכּה זײַן און שלום אונדזער מלך.

(פ אָ ר ה אַ נ ג)

בילד 14

אין דער הייל פון שולמית.
די צען מקובלים זיצן אויף די שטיינער און האָרכן.

ע ר ש ט ע ר מ ק ו ב ל: טריט! טריט!

ד י אַ נ ד ע ר ע: טריט——

ע ר ש ט ע ר מ ק ו ב ל: ער גייט! זיי גייען!

ד י אַ נ ד ע ר ע: ער—— ער——

(עס קומען אָן — געפירט פון דעם אייביקן ייִד — שלום בן־חורין און די זײַניקע).

א י י ב י ק ע ר י י ִ ד: (צו די זקנים) וועכטערס, אײַער וואַכצײַט איז אַריבער.

(די צען מקובלים שטייען אויף די שטיינער).

ע ר ש ט ע ר מ ק ו ב ל: ברוך שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה.

ד י אַ נ ד ע ר ע: (חזרן איבער).

ש ל ו ם ב ן ־ ח ו ר י ן: ווו איז די, וואָס איך בין געקומען זי וועקן?

ע ר ש ט ע ר מ ק ו ב ל: האָסטו אַלץ פאַרגעסן?

שלום בן־חורין: אַלץ.

ערשטער מקובל: און די דײַניקע?

שלום בן־חורין: אויך זיי.

ערשטער מקובל: געלויבט איז גאָט, וואָס מאַכט פֿאַרגעסן! דערנענטער דײַנע טריט צו איר געלעגער. (גייט צו און הייבט אויף דעם פּרוכת. אַלע דערזעען די שלאָפֿנדיקע שולמית).

דער אייביקער ייִד: אומבאַרירט און נישט געביטן! אַזוי ליגט זי אין יונגן שלאָף פֿון שיר־השירים־צײַטן ביז איצט!

שלום בן־חורין: (בייגט זיך אַריבער דער שלאָפֿנדיקער) דעם הימל זע איך — דאָס איז איר פּנים. נאָר נאָך איז די זון אויפֿן הימל נישט אַרויס. זי שלאָפֿט, די זון, אין אירע צוגעמאַכטע אויגן.

אַלע: (מיט די מקובלים) שובי, שובי, השולמית! שובי, שובי ונחזה בך!

דער אייביקער ייִד: דײַן פֿרײַנד איז געקומען, שולמית, מלכּה פֿון דער ייִדישער מלוכה.

שלום בן־חורין: (רירט זי אָן בײַם אַקסל).

שולמית: (גיט זיך אַ וואָרף, ווי דורכגעשניטן פֿון אַ בליץ, עפֿנט אַ פּאָר פֿרישע, פּײַכט־באַטויטע מאַנדלאויגן, קוקט פֿאַרוווּנדערט אויף שלום בן־חורין) ווער ביסטו?

שלום בן־חורין: שלום הייס איך און שלום רוף איך צו דיר. (שטילקייט).

שולמית: (ווי זיך דערמאָנענדיק) כ'בין ערשט נעכטן אײַנגעשלאָפֿן.

דער אייביקער ייִד: פֿון נעכטן ביז איצט, שולמית, זענען פֿאַרבײַ צוויי טויזנט יאָר.

שולמית: איך ווייס גאָרנישט.

שלום בן־חורין: איך האָב געוווּסט אַלץ.

שולמית: און איצט?

שלום בן־חורין: פֿאַרגעסן!

אַלע: מיר אַלע אַזוי — אַלע —

ערשטער מקובל: געלויבט איז דער, וואָס מאַכט פֿאַרגעסן!

דער אייביקער ייד: אויסגעמעקט פון זייער געמיט אויף אייביק קרייצצוגן און פּאָגראָמען, מיטל־עלטער און נײַ־עלטער. אויסגעמעקט אַלע תּורות, אַראָפּגעוואָרפן אַלע הויקערס. ס'איז גאָרנישט געשען. ס'האָט גאָר־נישט געטראָפן. זיי האָבן צעשטערט די געשיכטע. זיי זענען אַריבער די בריק פון די דורות. זיי זענען אויפן צווייטן ברעג. זיי זענען קינדער. (צו שולמיתן) דו ביסט זייער מלכּה און שלום — זייער האַר.

שלום בן־חורין: (דערלאַנגט אַ האַנט, הייבט זי אויף פון געלע־גער) און איך זייער האַר —

שולמית: (שטייט) זייערער און מײַנער —

שלום בן־חורין: (קושט זי) שוועסטער כּלה, קום מיט מיר.

ערשטער מקובל: געעפנט די צינורות! פּאַרגיס די ברעגן, ים פון חסד, וואַש אָפּ די לעצטע רויטקייטן פון דין!

דער אייביקער ייד: מלכות בית־דוד האָט קיין מאָל נישט אויפגעהערט. מ'האָט נאָר באַדאַרפן אַנטדעקן די הייל. (ער, דער שאָטנדיקער, ווערט בלוי).

שלום בן־חורין: קומט! קומט איר אַלע!

(אַלע לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג).

דער אייביקער ייד: אַברהם, יצחק און יעקב וואַרטן שוין מיט דער חופּה. מע שפּילט באַלד פידל אויפן הר־הזיתים.

(פּאָרהאַנג)